STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12107

PRAKTISHE LEKTSYONEN IN ENGLISH

Alexander Harkavy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראַקטישע
לעקציאָנען אין ענגליש

אַ נייע מעטאָדע צו לערנען אָהן אַ לעהרער

פון

אַלכסנדר האַרקאַווי

פאַרלאַג פון „פאָרווערטס"
1921

PRACTICAL LESSONS IN ENGLISH

A New Method for Self-Instruction

By

ALEXANDER HARKAVY

Published by
The Jewish Daily Forward, 175 East Broadway,
New York, N. Y.

Copyright, 1921.

פאָרוואָרט.

דער פאָרליגענדער לעהרבוך איז צוזאַמענגעשטעלט, מיט פאַרבעסערונגען און פאַרמעהרונגען, פון די ענגלישע מעשה'לאַך־לעקציאָנען, וועלכע זיינען היינטיגען יאָהר (1921) געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס“.

די לעקציאָנען, וועלכע ווערען דאָ געגעבען, זיינען געשאַפען געוואָרען האַ־בענדיג אין זינען אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס ווילען זיך לערנען די ענגלישע שפּראַך, ווי מען זאָגט, שפּילענדיג.

יעדע לעקציאָן איז געבויט אויף אַן אַמוזאַנטער ענגלישער מעשה'לע, וועלכע ווערט באַארבעט אויף פאָלגענדען אופן:

די מעשה'לע ווערט צוערשט געגעבען מיט דער אויסשפּראַך און פאַרטייטשונג אונטער יעדער שורה, ביי יעדען וואָרט, אַזוי דאָס אפילו אַזעלכע, וואָס קענען נאָך ניט קיין וואָרט ענגליש, קענען זי לייענען אָהן שום מיה. דאַן ווערט די זעלביגע מעשה'לע איבערגעזעצט פריי אין אידיש, כדי דער לערנער זאָל גוט פאַרשטעהן איהר אינהאַלט, וועלכען ער האָט אפשר ניט גענוג פאַרשטאַנען פון דער ווערטליכער איבערזעצונג. דאַן ווערט די מעשה'לע צעגלידערט אויף איהרע באַזונדערע פראַזעס און זאַצען, וועלכע ווערען אויסגעשטעלט מיט איבער־זעצונגען ביי דער זייט. דאַן קומען די איינצעלנע ווערטער מיט גרינטליכע דער־קלערונגען. צום סוף קומען געשפּרעכען אין ענגליש, וועלכע זיינען צוזאַמענגע־שטעלט פון די זעלביגע ווערטער, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה'לע. דורך אַזאַ ווידערהאָלונג־מעטאָדע מוז די לעקציאָן אַריינגעהן דעם לערנער אין קאָפּ אָהן מאַטערניש.

כדי דער לערנער זאָל אויך קריגען אַ ידיעה פון דער ענגלישער גראַמאַטיק קומען אין פאַרבינדונג מיט יעדער מעשה'לע לייכטע גראַמאַטישע כללים, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט די ווערטער אָדער זאַצען פון דעם טעקסט. דורכגעהענדיג אַלע לעקציאָנען וועט דער לערנער ווערען באַהאַוועגט אין אַ באַדייטענדען טייל פון דער ענגלישער שפּראַך און אין די וויכטיגסטע כללים פון איהר גראַמאַטיק.

אחוץ די מעשה'לאַך־לעקציאָנען ווערט געגעבען אַן אָפּהאַנדלונג איבער גרייזיגע ענגליש און אַ ווערטערבוך פון אַלע ווערטער, וועלכע קומען פאָר אין די לעקציאָנען. צום סוף קומט אַ רעגיסטער (פאַרצייכעניש) פון אַלע גראַמאַ־טישע כללים, דורך וועלכען דער לערנער וועט קענען גלייך געפינען יעדען כלל, איבער וועלכען ער וויל אָפּפרישען זיין זכרון.

דער פאַרפאַסער האָפט, אַז דיזער לעהרבוך וועט פיל העלפען צו פאַרשפּריי־טען די קענטעניש פון דער ענגלישער שפּראַך צווישען די אידיש־ריידענדיגע מאַסען.

אלכסנדר האַרקאַווי.

אינהאלט־פארצייכעניש.

זייט

בוכשטאבען און אויסשפראך:

דער עי־בי־סי — 5
איינטיילונג פון די בוכשטאבען — 6
די קלאנגען פון די וואקאלען — "
זילבע און אקצענט — "

די שפראכטיילען — 7

די לעקציאנען.

1. זי האט געגעסען פיר מיטאגען — 9
2. לומדות און עשירות — 13
3. מאיאריטעט האט די דעה — 17
4. א נדבה פון אן ארעלמאן — 20
5. דער באנקיר און דער מאלער — 24
6. פארוואס האט איהר פריהער ניט געזאגט? — 28
7. די גאנצע תורה אויף איין פוס — 32
8. דער מאן מיט די צוויי ווייבער — 35
9. ער איז געלעגען אין פוטער — 40
10. דער פוקס און די מאסקע — 44
11. די טענה פון א פוילענצער — 49
12. ער „ריינינגט" קליידער — 53
13. אורטיילט די שטעטעל נאך דער בעל־אכסניה'טע — 57
14. האט גלייך געוואוסט ס'איז א ליגען. — א דאמע און א זייגערל — 61
15. א קלוגע עצה פון א פויער — 65
16. ניט זיינע סאלדאטען — 69
17. ער האט פארלארען דעם וועט — 73
18. דעם טאטענ'ס א זוהן — 77
19. דאס איי איז נאך הארט — 80
20. דעם אלטען מאנ'ס בקשה פאר'ן טויט — 86
21. ער האט זיך אויפגעהאנגען טריקענע — 92
22. דער מאטראז און דער פויער — 96
23. דער צוטראגענער געלעהרטער — 100
24. א פאטריאטישער גנב — 104
25. קיין שטיוועל, קיין פריהשטיק — 108

זייט

26. א פיפיגער אינגעל — 113
27. א ברכה פון אן איירישמאן — 118
28. דער גרויסער קצב! — א סאלדאט צוגעטשעפעט צו א שווערד — 123
29. די מאלפע און די ציג — 129
30. א לאנגזאמער גיפט — 135
31. דאקטוירים און אדוואקאטען — 138
32. א גלייכער שרוד — 143
33. ביידע האבען דעם זעלביגען טעות — 146
34. דער לעבעדיגער נול — 150
35. א פריידיגער א ליץ — 153
36. דער פוילער אייזעל — 157
37. זיינע פילע רעקאמענדאציעס — 161
38. זי פארשטעהט אן עסק! — 167
39. שטעהט און קוקט ווי מען גראבט איהם אויס! — 171
40. וואס איז א פראגעצייכען? — 175
41. ביידע אראפ פון זינען! — 179
42. די האזיכע און די לייביכע — 184
43. ער אליין איז שולדיג — 188
44. דער גלגול פון א האז — 192
45. דער גלגול פון א האז (סוף) — 197
46. דער פלוימען־טייגאכץ — 201
47. דער פלוימען־טייגאכץ (סוף) — 204
48. א סעודה פון ציגנער — 208
49. א סעודה פון ציגנער (סוף) — 213
50. א מאטא פאר א שענק — 217

גרייזינגע ענגליש ביי אידען:

I. פארגרייזטע אויסשפראך — 223
II. גראמאטישע פעהלערן — 233
III. געאידישטע ענגליש — 238
IV. באנוצונג פון ווערטער אין פאלשע באדייטונגען — 240

ענגליש־אידישער ווערטערבוך — 242

רעגיסטער — 269

די מעהרסטע פון די מעשה'לאך, וועלכע קומען אין דיזען לעהרבוך, זיינען פון אומבאקאנטע פארפאסערס און געפינען זיך מיט פארשיידענע נוסח'ן אין פילע ענגלישע שולביכער. מאנכע זיינען איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכען. די מעשה'לאך „דעם טאטענ'ס א זוהן," „א פיפי־גער אינגעל," „זי פארשטעהט אן עסק" זיינען גענומען פון **Hossfeld's Short and Amusing Anecdotes** (לאנדאן, 1908); „דאקטוירים און אדוואקאטען," „א גלייכער שרוד," „ביידע האבען דעם זעלביגען טעות," „שטעהט און קוקט ווי מען גראבט איהם אויס"— פון דער זאמלונג **One Thousand and One Anecdotes** (הוויטטאקער, ניו יארק).

בוכשטאבען און אויסשפראך.

דער עי־בי־סי.

בוכשטאבען געדרוקטע	בוכשטאבען געשריבענע	נעמען	אויסשפראך
Aa	Aa	עי,	עי, אע, ע, א, אַא
Bb	Bb	בי	ב
Cc	Cc	סי	ס, ק
Dd	Dd	די	ד
Ee	Ee	אי	אי, ע, וי
Ff	Ff	עף	פֿ
Gg	Gg	דזשי	דזש, ג
Hh	Hh	עיטש	ה
Ii	Ii	אַי	אַי, אי, וי
Jj	Jj	דזשעי	דזש
Kk	Kk	קעי	ק
Ll	Ll	על	ל
Mm	Mm	עם	מ
Nn	Nn	ען	נ
Oo	Oo	אָו	אָו, אָ, וי
Pp	Pp	פּי	פּ
Qq	Qq	קיו	ק
Rr	Rr	אַר	ר
Ss	Ss	עס	ס, ז
Tt	Tt	טי	ט
Uu	Uu	יו	יו, אַ, וי
Vv	Vv	ווי	וו
Ww	Ww	דאַבל־יו	או, ו
Xx	Xx	עקס	קס, גז
Yy	Yy	אואַי	אַי, אי, וי; י
Zz	Zz	זעד, זי	ז

איינטיילונג פון די בוכשטאבען.

בוכשטאבען ווערען איינגעטיילט אין וואקאלען און קאנסאָ־נאנטען.

וואקאלען הייסען די בוכשטאבען, וואס קענען אויסגעזאגט ווערען פריי אליין, אהן דער הילף פון אנדערע בוכשטאבען, ווי: א, ע, אָ (דאס זיינען די קלאנגען, וואס ווערען באצייכענט אין לשון קדש דורך נקודות).

קאנסאנאנטען הייסען די בוכשטאבען, וואס קענען ניט אויסגעזאגט ווערען פריי אליין, נאר מיט דער הילף פון וואקאלען, ווי ב, ג, ד, וועלכע קענען נאר אויסגעשפראכען ווערען, ווען זיי האבען פאר זיך אדער נאך זיך א, ע, אָ, ווי: אב, בא, עב, בע, אָב, באָ. אז. וו.

די ענגלישע וואקאלען זיינען די בוכשטאבען a, e, i, o, u, y. אלע איבעריגע זיינען קאנסאנאנטען.

די קלאנגען פון די וואקאלען.

די ענגלישע וואקאלען האבען צוויי סארטען קלאנגען: לאנגע און קורצע.

די לאנגע קלאנגען פון די וואקאל־בוכשטאבען זיינען ווי זייערע נעמען: a-עי, e-אי, i-אַי, o-אָו, u-יו, y-אַי. די קורצע קלאנגען זיינען: a-אַע, e-ע, i-אי, o-אָ, u-אַ, y-אי.

אחוץ די לאנגע און קורצע קלאנגען האבען די וואקאלען נאך אנדערע, וועלכע ווערען אנגעגעבען אין דער עי־בי־סי טאבעלע.

☛ די כללים פאר די אויסשפראך פון די בוכשטאבען ווערען געגעבען בּיסלאכווייז אין די לעקציאנען.

זילבע און אקצענט.

ווערטער ווערען געטיילט אין זילבעס.

א זילבע איז א טייל פון א ווארט, וועלכען מען קען דייטליך אויסזאגען באזונדער, ווי „ליב" און „ליך" אין דעם ווארט „ליבליך," אדער „נא" און „מען" אין דעם ווארט „נאמען".

ווערטער האבען אין איינער פון זייערע זילבעס דעם אקצענט.

אקצענט איז דער דריק, וועלכען מען גיט אויף דעם וואקאל פון איינער פון די זילבעס פון א ווארט, ווי דער דריק פון „אָ" אין „זאָ'גען" אדער פון „ע" אין „קע'נען".

☛ אין די לעקציאנען ווערט דער אקצענט פון די ענגלישע ווערטער אין דער אידישער באצייכענונג פון דער אויסשפראך אנגעוויזען דורך א שטריכעלע פון אויבען.

די שפראכטיילען.

די איינטיילונג פון ווערטער אין גראמאטיק.

די ווערטער פון א שפראך ווערען איינגעטיילט אין קלאסען, וועלכע ווערען אנגערופען **שפראכטיילען** (אין ענגליש: parts of speech פארטס אוו ספיטש).

די ווערטער פון דער ענגלישער שפראך ווערען איינגעטיילט אין נייון קלאסען, נעמליך:

1) **ארטיקלען** (articles א'רטיקלז);
2) **הויפטווערטער** אדער **נאמענווערטער** (nouns נאונז);
3) **פאר-ווערטער** (pronouns פראו'נאונז);
4) **אייגענשאפטווערטער** אדער **בייווערטער** (adjectives ע'דזשעקטיווז);
5) **צייטווערטער** (verbs וואורבז);
6) **אומשטאנדווערטער** (adverbs ע'דוואורבז);
7) **פארזעצלאך** (prepositions פריפאזי'שאנז);
8) **בינדווערטער** (conjunctions קאנדזשא'נקשאנז);
9) **אויסרופווערטער** (interjections אינטערדזשע'קשאנז).

ארטיקלען.

ארטיקלען זיינען אין ענגליש די ווערטלאך a (עי), an (ען) א, אן, און the (דהי) דער, די, דאס.

נאמענווערטער.

נאמענווערטער זיינען נעמען פון באשעפענישען, זאכען און באגריפען; צ. ב. man (מען) א מענש, ox (אקס) אן אקס, bird (בוירד) א פויגעל, fly (פלאי) א פליג, house (האוס) א הויז, stone (סטאון) א שטיין, beauty (ביו'טי) שענקייט, truth (טרוטה) וואהרהייט, justice (דזשא'סטיס) גערעכטיגקייט, wisdom (וויז'דאם) חכמה או. אז. וו.

פאר-ווערטער.

פאר-ווערטער זיינען ווערטער, וועלכע ווערען באנוצט **פאר**, ד. ה. **אנשטאט**, די נעמען פון פערזאנען אדער זאכען; צו דיזע געהערען די ווערטער: I (אי) איך, you (יו) דו, איהר, he (הי) ער, she (שי) זי, it (איט) עס, we (ווי) מיר, they (דהעי) זיי, my (מאי) מיין, your (יור) דיין, אייער, his (היז) זיין, her (הויר) איהר, our (אור) אונזער, their (דהעיר) זייער, oneself (וואנסע'לף) זעלבסט, this (דהיס) דיזער, that (דהעט) יענער, some (סאם) מאנכער, who (הו) ווער, which (הוויטש) וועלכער.

בייווערטער.

בייווערטער זיינען ווערטער, וועלכע קומען אין פארבינדונג מיט נאמענ-ווערטער אנצואווייזען אייגענשאפט, אפשטאמונג, צאהל או. אז. וו.; ווי צ. ב. good (גוד) גוט, bad (בעד) שלעכט, sweet (סוויט) זיס, sour (סאור) זויער, high (האי) הויך, low (לאו) נידעריג, useful (יו'ספול) ניצליך, dangerous (דעי'נדזשעראס) געפעהרליך; wooden (וואודן) היל-צערן, woolen (וואולן) וואלען; American (עמע'ריקען) אמעריקאניש, German (דזשוי'רמען) דייטש; one (וואן) איין, two (טו) צוויי, three (טהרי) דריי; first (פוירסט) ערשטער, second (סע'קאנד) צווייטער, third (טהוירד) דריטער או. אז. וו.

צייטווערטער.

צייטווערטער זיינען ווערטער, וועלכע באצייכענען האנדלונג, טואונג אדער ווירקונג, ווי: to go (טו גאו) געהן, to make (טו מעיק) מאכען, to write (טו ראיט) שרייבען או. אז. וו.

צו צייטווערטער געהערען אויך אזעלכע ווערטער, ווי: to be (טו בי) זיין, to become (ביקא'ם) ווערען, to exist (עגזיי'סט) עקסיסטירען.

אומשטאנדווערטער.

אומשטאנדווערטער זיינען ווערטער, וועלכע קומען אין פארבינדונג מיט צייטווערטער און באצייכענען די אומשטאנדען: די ארט און וויין, דעם ארט, די צייט אדער די ארדנונג פון א ווירקונג, ווי: nicely (נאיסלי) שען, well (וועל) וואויל; here (היר) היר, there (דהער) דא; to-day (טו-דעי) היינט, yesterday (יע'סטערדעי) נעכטען; firstly (פוי'רסטלי) ער-שטענס, secondly (סע'קאנדלי) צווייטענס או. אז. וו.

פארוועצלאך.

פארוועצלאך זיינען ווערטער, וועלכע ווייזען די שייכות אדער פארהעלטע-ניש פון איין געגענשטאנד צו אן אנדערן, ווי: on (אן) אויף, in (אין) אין, over (או'ווער) איבער, to (טו) צו, for (פאר) פאר, of (אוו) פון, from (פראם) פון, with (ווידה) מיט, ביי או. אז. וו.

בינדווערטער.

בינדווערטער זיינען ווערטער, וועלכע קומען צווישען איינצעלנע ווערטער און צווישען זאצען זיי צו מאכען בינדיג אין געדאנק, ווי: and (ענד) און, too (טו) אויך, if (איף) אויב, that (דהעט) אז, but (באט) אבער, though (דהאו) הגם, כאטש, yet (יעט) דאך או. אז. וו.

אויסרופווערטער.

אויסרופווערטער זיינען ווערטער, וועלכע מען רופט אויס מיט אויפרעגונג פון פרייד אדער לייד, פון פארוואונדערונג אדער פאראכטונג, ווי: Ah (א) אך! Oh (או) א! alas (עלע'ס) וועה! fie (פוי) פוי! או. אז. וו.

פראקטישע לעקציאָנען אין ענגליש.

First Lesson—ערשטע לעקציאָן

זי האָט געגעסען פיר מיטאָגען.

Lucy,	a	poor	country	girl,	never	had	at
ליו'סי	עי	פור	קאַנ'טרי	גוירל	נעו'ווער	העד	עט
—	אַ	אָרימע	לאַנד, דאָרף	מיידעל	קיינמאָל	האָט געהאַט	אין

home	more	than	one	dish	for	her	dinner.
האָום	מאָור	דהען	וואַן	דיש	פאָר	הויר	דינ'נער
היים	מעהר	ווי	איין	געריכט	פאַר	איהר	מיטאָג

Once	she	was	invited	to	dine	with	a	rich
וואַנס	שי	וואַז	אינוואַיי'טעד	טו	דאַין	ווידה	עי	ריטש
איינמאָל	זי	איז געוועזען	געלאַדען	צו	עסען מיטאָג	מיט, ביי	אַ	רייכען

farmer	of	the	village.	When	she	came
פאַר'מער	אָוו	דהי	ווי'לעידזש	הווען	שי	קעים
לאַנדמאַן	פון	דעם	דאָרף	ווען	זי	איז געקומען

home,	she	said	to	her	sister :	"O,	dear
האָום	שי	סעד	טו	הויר	סיס'טער	אָו	דיר
אַהיים	זי	האָט געזאָגט	צו	איהר	שוועסטער	אָ !	טייערע

Mary,	what	a	pleasant	day	I	have	spent !
מעי'רי	הוואַט	עי	פלעז'ענט	דעי	אַי	העוו	ספענט
מאַריע	וואָס־פאַר	אַ	אַנגענעהמען	טאָג	איך	האָב	פאַרבראַכט

Think	only,	I	have	had	four	dinners,	one
טהינק	אָונ'לי	אַי	העוו	העד	פאָור	דינ'נערז	וואַן
באַדענק	נאָר	איך	האָב	געהאַט	פיר	מיטאָגען	איינעם

after	another."
עפ'טער	ענאַ'דהער
נאָך	אַן אַנדערן

פרייע איבערזעצונג.

ליוסי, אַן אָרימע דאָרף־מיידעל, האָט אין דער היים קיינמאָל ניט געהאַט מעהר ווי איין געריכט צו מיטאָג. איינמאָל איז זי געלאַדען געוואָרען צו עסען מיטאָג ביי אַ רייכען פאַרמער פון דעם דאָרף. ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי געזאָגט צו איהר שוועסטער: „אָ, ליבע מאַריע, וואָס־פאַר אַן אַנגענעהמען טאָג איך האָב פאַרבראַכט! באַדענק נאָר, איך האָב געהאַט פיר מיטאָגען, איינעם נאָך'ן אַנדערן."

די פראָזעס און זאַצען.

A poor country girl	אַן אָרימע דאָרף־מיידעל
never had at home	האָט קיינמאָל ניט געהאַט אין דער היים
more than one dish	מעהר ווי איין געריכט
for dinner.	פאַר מיטאָג.
Once she was invited	איינמאָל איז זי געווען געלאַדען
to dine	צו עסען מיטאָג
with a rich farmer	ביי א רייכען פאַרמער
of the village.	פון דעם דאָרף.
When she came home,	ווען זי איז געקומען אַהיים
she said to her sister:	האָט זי געזאָגט צו איהר שוועסטער:
"O, dear Mary,	„אָ, ליעבע מאַריע!
what a pleasant day	וואָס־פאַר אַן אַנגענעהמען טאָג
I have spent.	איך האָב פאַרבראַכט.
Think only,	באַדענק נאָר,
I have had	איך האָב געהאַט
four dinners,	פיר מיטאָגען
one after another."	איינעם נאָך'ן אַנדערן".

די ווערטער.

אַנמערקונג. אַ שטערנדעל (*) ווייזט אַן אויף אַ וואָרט, פון וועלכען דאָס פריהער־שטעהענדע שטאַמט.

a (עי)	אַ
poor (פור)	אָרעם
country (קאַנ'טרי)	לאַנד, דאָרף
girl (גוירל)	מיידעל
never (נע'ווער)	קיינמאָל ניט
had (העד)	האָט געהאַט
***have** (העוו)	האָבען
at (עט)	צו, אין
home (האָום)	היים
more (מאָור)	מעהר
at home	אין דער היים, צו הויז
than (דהען)	ווי, אַלס
one (וואָן)	איין
dish (דיש)	געריכט
for (פאָר)	פאַר
dinner (דינ'נער)	מיטאָג
once (וואָנס)	איינמאָל
she (שי)	זי
was (וואָז)	איז געווען
*** be** (בי)	זיין
invited (אינוואַיט'עד)	געלאַדען
***invite** (אינוואַי'ט)	לאַדען
to (טו)	צו
dine (דאַין)	עסען מיטאָג
with (ווידה)	מיט, ביי
rich (רימש)	רייך

farmer (פאַ'רמער)	לאַנדמאַן, פאַרמער
of (אָוו)	פון
the (דהי)	דער, די, דאָס
village (וויל'לעדזש)	דאָרף
when (הווען)	ווען
came (קעים)	איז געקומען
***come** (קאָם)	קומען
said (סעד)	האָט געזאָגט
***say** (סעי)	זאָגען
her (הויר)	איהר, איהרע
sister (סיס'טער)	שוועסטער
O! (אָו)	אָ!
dear (דיר)	טייער, ליב
what (הוואַט)	וואָס, וואָס-פאַר
pleasant (פלע'זענט)	אַנגענעהם
day (דעי)	טאָג
I (אַי)	איך
have (העוו)	האָב
spent (ספענט)	פאַרבראַכט
***spend** (ספענד)	פאַרברייינגען
think (טהינק)	דענק, באַדענק
only (אָונ'לי)	נאָר
four (פאָור)	פיר
after (עפ'טער)	נאָך
another (ענאָדה'ער)	אַן אַנדער

נייע ווערטער.

וויפיל ?	how many (האו מעני)	טאָן	do (דו)
ווער ?	who (הו)	האָט געטאָן	did (דיד)

§1 פערזאָן-ווערטער.

מיר, מיך	me (מי)	איך	I (אַי)
דיר, דיך ; אייך	you (יו)	דו, איהר	you (יו)
איהם	him (הים)	ער	he (הי)
איהר	her (הויר)	עס	it (איט)
איהם	it (איט)	מיר	we (ווי)
אונז	us (אָס)	זיי	they (דהעי)
זיי	them (דהעם)		

§2 די ווערטער do, did

did say האָט געטאָן זאָגען, דאָס הייסט : האָט געזאָגט ; did have האָט געטאָן האָבען, האָט געהאַט. אזוי זאָגט מען אָנשטאָט said, had אין אַ פראַגע און מיט דעם וואָרט not ; צ. ב. : what did I say ? וואָס האָב איך געזאָגט ? what did she have ? וואָס האָט זי געהאַט ? I did not say איך האָב ניט געזאָגט.

פאַר די געגענווערטיגע צייט ווערט אין דעם פאַל געזאָגט : I do (דו) איך טו ; you do איהר טוט, דו טוסט ; he, she does (דאָז) ער, זי טוט ; they do זיי טוען ; צום ביישפיל : what do I say ? וואָס זאָג איך ? what do you say ? וואָס זאָגסטו ? וואָס זאָגט איהר ? what does he say ? וואָס זאָגט ער ? what do they say ? וואָס זאָגען זיי ? I do not say איך זאָג ניט, she does not say זי זאָגט ניט או. אז. וו.

§3 מעהרצאָהל.

s, es (es נאָך sh, s, x) ווערט צוגעזעצט צו ווערטער צו באַצייכענען די מעהרצאָהל : dinners (דינ'נערז) מיטאָגען ; dishes (דישיז) געריכטען.

געשפרעך.

Who was Lucy ?
She was a poor country girl.
Who was Mary ?
Mary was her sister.

Who invited Lucy to dinner ?
A rich farmer invited her.
What did she say to her sister when she came home ?

She said: "I have spent a pleasant day."

How many dishes did she have for her dinner at home?

She had only one.

How many did she have with the farmer?

She had four.

§4 דיווערטלאך a און the

a איז דאָס זעלביגע, וואָס אין אידיש "אַ": a girl אַ מיידעל, a dinner אַ מיטאָג.

the באַטייט: דער, די, דאָס; צ. ב. the dinner דער מיטאָג, the girl די מיידעל, (טשאילד) the child דאָס קינד.

§5 בוכשטאַבען און אויסשפּראַך.

די בוכשטאַבען a (עי), e (אי), i (אַי), o (אָו), u (יו) ווערען אַנגע-רופען וואָקאַלען; אַלע אַנדערע, ווי c, d, f און אַז. וו. הייסען קאָנסאָנאַנטען.

די ענגלישע וואָקאַלען ווערען ניט אַלע מאָל אויסגעשפּראָכען אַזוי ווי זיי ווערען אָנגערופען. צ. ב. a האָט אחוץ דעם קלאַנג "עי" נאָך פיר: אַע, ע, אַ, אָא. אין די ווייטערדיגע לעקציאָנען וועט אַלץ וועגען דעם דערקלערט ווערען.

e צום סוף פון אַ וואָרט, אין וועלכען עס געפינט זיך פריהער נאָך אַ וואָקאַל, ווערט ניט אויסגעשפּראָכען: came—קעים, dine—דאַין, home—האָום.

§6 אויסשפּראַך פון one, once

פאַר דעם o אין די ווערטער one, once ווערט געהערט דער קלאַנג פון w—אַ לויזער קלאַנג פון וו: one — וואַן, once — וואָנס.

§7 אויסשפּראַך פון of

אין דעם וואָרט of ווערט f געלייענט ווי וו, ניט ווי פ (אָוו). צו אונ-טערשיידען פון דעם וואָרט off (אָף), אָראָפּ, אַוועק.

Second Lesson—צווייטע לעקציאָן

לומדות און עשירות.

A	**rich**	**man**	**once**	**asked**	**Rabbi**	**Jacob,**	**the**
עי	ריטש	מען	וואָנס	עסקד	ראַב'באַי	דזשעייקאַב	דהי
אַ	רייכער	מאַן	איינמאָל	האָט געפרעגט	רב (ר')	יעקב	דעם

preacher	**of**	**Dubno,**	**what**	**was**	**the**	**reason**
פּריטשער	אָוו	דוב'נאָו	הוואָט	וואָז	דהי	ריזין
מגיד	פון	דובנע	וואָס	איז געווען	די	אורזאַך

that	**he**	**was**	**often**	**seen**	**at**	**the**	**doors**	**of**
דהעט	הי	וואָז	אָפ'ן	סין	עט	דהי	דאָורז	אָוו
דאָס	ער	איז געווען	אָפט	געזעהן	ביי	די	טירען	פון

the	**rich,**	**while**	**rich**	**men**	**were**	**never**	**seen**
דהי	ריטש	הוואַיל	ריטש	מען	וואויר	נע'ווער	סין
די	רייכע	ווערענד	רייכע	לייט	זיינען געווען	קיינמאָל	געזעהן

at	**his**	**door.**	**"It**	**is,"**	**replied**	**the**	**celebrated**
עט	היז	דאָור	איט	איז	ריפּלאַי'ד	דהי	סע'ליברעיטעד
ביי	זיין	טיר	עס	איז	האָט געענטפערט	דער	באַריהמטער

preacher,	**"because**	**I**	**know**	**the**	**value**	**of**	**money,**
פּריטשער	ביקאָ'אָז	אַי	נאָו	דהי	וועליו	אָוו	מאַ'ני
מגיד	ווייל	איך	ווייס	דעם	ווערט	פון	געלט

and	**the**	**rich**	**do**	**not**	**know**	**the**	**value**	**of**
ענד	דהי	ריטש	דו	נאָט	נאָו	דהי	וועליו	אָוו
און	די	רייכע	טוען	ניט	וויסען	דעם	ווערט	פון

learning."
לוירנינג
לערנונג

פרייע איבערזעצונג.

אַ רייכער מאַן האָט אַמאָל געפרעגט ר' יעקב'ן, דעם דובנער מגיד, וואָס איז די אורזאַך, דאָס איהם זעהט מען אָפט ביי די טירען פון די רייכע, ווערענד רייכע לייט זעהט מען קיינמאָל ניט ביי זיין טיר. „די אורזאַך איז," האָט דער באַריהמטער מגיד געענטפערט, „ווייל איך ווייס דעם ווערט פון געלט, און די רייכע וויסען ניט דעם ווערט פון לערנען."

די פראָזעס און זאַצען.

אַ רייכער מאַן	A rich man
האָט איינמאָל געפרעגט	once asked
ר׳ יעקב׳ן,	Rabbi Jacob,
דעם מגיד פון דובנע,	the preacher of Dubno,
וואָס איז געווען די אורזאַך	what was the reason
דאָס ער איז אָפט געזעהן געוואָרען	that he was often seen
ביי די טירען פון די רייכע	at the doors of the rich,
ווערענד רייכע לייט	while rich men
זיינען קיינמאָל ניט געזעהן געוואָרען	were never seen
ביי זיין טיר.	at his door.
„עס איז,"	"It is,"
האָט געענטפערט דער בארימטער מגיד,	replied the celebrated preacher,
„ווייל איך ווייס	"because I know
דעם ווערט פון געלט,	the value of money
און די רייכע	and the rich
ווייסען ניט	do not know
דעם ווערט פון לערנען."	the value of learning."

די ווערטער.

ווערענד, בשעת	while (הוואַיל)
קיינמאָל ניט	never (נעווער)
זיין	his (היז)
עס	it (איט)
איז	is (איז)
האָט געענטפערט	replied (ריפּלאַייד)
בארימט	celebrated (סעליברייטעד)
(איך) פיהל	feel
ווערט, ווערדע	value (וועליו)
געלט	money (מאַני)
טוען	do (דו)
ניט	not (נאָט)
לערנונג, לערנען, געלערנטקייט	learning (לוירנינג)
איינמאָל	once (וואָנס)
האָט געפרעגט	asked (עסקד)
פרעגען	*ask (עסק)
פּריידיגער, מגיד	preacher (פּריטשער)
אורזאַך	reason (ריזן)
דאָס	that (דהעט)
אָפט	often (אָפן)
געזעהן	seen (סין)
זעהן	* see (סי)
ביי	at (עט)
טיר	door (דאָור)

נייע ווערטער.

ווארום?	why ? (הוואַי)
וואו?	where (הוער)
וואוינען	to live (טו ליוו)
אין	in (אין)

געשפרעך.

Who was Rabbi Jacob?
He was a celebrated preacher.
Where did he live?
He lived in Dubno.
Why was he often seen at the doors of the rich?
Because he was poor.
What did the rich man ask him?
He asked him, why rich men were never seen at his door.
And what did he reply?
He replied: "It is because the rich do not know the value of learning."

§8 „מען."

מערקט די ווערטער: he was seen ער איז געזעהן געווארען, they were seen זיי זיינען געזעהן געווארען. אזוי דריקט מען זיך אפט אויס אין ענגליש, ווען מען וויל זאגען: מען האט איהם געזעהן, מען האט זיי געזעהן.

§9 צייטווארט.

א ווארט, וואס דריקט אויס א טואונג, א פעולה, ווי אויך זיין און ווערען, ווערט אנגערופען צייטווארט.

§10 to פאר א צייטווארט.

אנשטאט דער אידישער ענדונג "ען," ווי אין זאגען, ריידען, מאכען, או. אז. וו., קומט אין ענגליש פאר א צייטווארט דאס ווערטעל to (טו) צו; צום ביישפיל: to ask (טו עסק) פרעגען, to say (טו סעי) זאגען, to have (טו העוו) האבען או. אז. וו.

§11 צייטווארט-ענדונג פאר פארגאנגענע צייט.

d אדער ed (d ווען דאס ווארט ענדיגט זיך מיט אן e, און ed ווען עס ענדיגט זיך מיט א קאנסאנאנט) ווערט צוגעזעצט צו א צייט-ווארט פאר די פארגאנגענע צייט: to dine (טו דאין) עסען מיטאג — dined (דאינד) האט געגעסען מיטאג; to ask (טו עסק) פרעגען — asked (עסקד) האט געפרעגט.

§12 אומרעגעלמעסיגע מעהרצאהל.

מערקט, דאס די מעהרצאהל פון man איז men, ניט mans, ווי זי האט געדארפט זיין לויט רעגעל. מעהרערע נאמענווערטער האבען אומרעגעלמעסיגע מעהרצאהלען. די וויכטיגסטע פון דיזע אין דער אלטעגליכער שפראך זיינען:

man (מען) א מאן, א מענש	מעהרצאהל	men (מען) מענשען, לייט
woman (וואו'מען) א פרוי	"	women (ווי'מען) פרויען
child (טשאילד) א קינד	"	children (טשיל'דרען) קינדער
ox (אקס) אן אקס	"	oxen (אק'סען) אקסען
foot (פוט) א פוס	"	feet (פיט) פיס
tooth (טוטה) א צאהן	"	teeth (טיטה) ציינער
mouse (מאוס) א מויז	"	mice (מאים) מייז
louse (לאוס) א לויז	"	lice (לאים) לייז
goose (גוס) א גאנז	"	geese (גים) גענז

אנמערקונג. אלע ווערטער, וואס זיינען צוזאמענגעזעצט מיט man מאכען די מעהרצאהל פארבייטענדיג a אויף e; צ. ב. gentleman (gentle און man), מעהרצאהל: gentlemen; Englishman (English און man), מעהרצאהל: Englishmen.

ווערטער ווי German (דזשויר'מען) א דייטש, Mussulman (מא'סאל-מען) א מוסולמאנער, מאחמעדאנער, אין וועלכע די ענדונג איז ניט דאס ענג-לישע ווארט man, זיינען אין מעהרצאהל רעגעלמעסיג: Germans דייטשען, Mussulmans מוסולמאנער.

דאס ווארט brother האט צוויי מעהרצאהלען: brothers (בראַ'דהערז) לייבליכע ברידער; brethren (ברעדה'רען) ברידער פון א פאראיין.

§13 קלאנגען פון וואקאל a

דער וואקאל a האט פינף קלאנגען: עי, אע, א, אא; ביישפילען: name — נעים (א נאמען), hat — האעט (א הוט), many — מע'ני (פילע), far — פאר (ווייט), fall — פאאל (פאלען).

☞ "אע" שטעלט פאר א קלאנג צווישען פתח און סגול, ווערט אין אמעריקע געהערט נאהענט צו "ע". מיר גיבען איהם דא איבער דורך "ע" און ראטען דעם לערנער דיזען קלאנג צו לערנען פון די וואס רעדען גוט די שפראך.

פאר יעדען פון די קלאנגען זיינען דא באזונדערע רעגלען, וועלכע מיר וועלען לערנען ביסלאכווייז.

§14 כלל פון a אלס „עי.“

a ווערט געלייענט עי, ווען נאך איהם קומט א קאנסאנאנט מיט אן e; צום ביישפיל:

זיכער	safe (סעיף)	א נאמען	name (נעים)
א מעשה	tale (טעיל)	שפעט	late (לעיט)
באקען	bake (בעיק)	א שטאק	cane (קעין)

Third Lesson—דריטע לעקציאָן

מאַיאָריטעט האָט די דעה.

A	lunatic	in	an	insane	asylum	was	asked
עי	ליו'נעטיק	אין	ען	אינסעיין	עסאַיילאַם	וואָז	עסקד
אַ	משוגענער	אין	אַ	משוגעים	האָספּיטאַל	איז געוואָרען	געפרעגט

how	he	came	there,	and	he	answered :	"The
האַו	הי	קעים	דהער	ענד	הי	ענ'סערד	דהי
ווי אזוי	ער	איז געקומען	דאָרטען	און	ער	האָט געענטפערט	די

world	said	I	was	mad,	I	said	the	world
וואָירלד	סעד	אַי	וואָז	מעד	אַי	סעד	דהי	וואָירלד
וועלט	האָט געזאָגט	איך	בין געוועזן	משוגע	איך	האָב געזאָגט	די	וועלט

was	mad,	and	they	outvoted	me."
וואָז	מעד	ענד	דהעי	אַוטוואָוט'עד	מי
איז געוועזן	משוגע	און	זיי	האָבן איבערגעשטימט	מיך

אַ שפּריכוואָרט.

A	fool	may	ask	more	questions	in	an	hour
עי	פול	מעי	עסק	מאָור	קוועס'טשאַנז	אין	ען	אַור
אַ	נאַר	קען	פרעגען	מעהר	פראַגעס	אין	אַ	שטונדע

than	a	wise	man	can	answer	in	a	year.
דהען	עי	וואַיז	מען	קען	ענ'סער	אין	עי	ייר
ווי, אַלס	אַ	קלוגער	מענש	קען	ענטפערן	אין	אַ	יאָהר

פרייע איבערזעצונג.

אַ משוגענעם אין אַ משוגעים-הויז האָט מען געפרעגט, ווי אזוי ער קומט דאָרטען, האָט ער געענטפערט: „די וועלט האָט געזאָגט איך בין משוגע, איך האָב געזאָגט די וועלט איז משוגע, און זי האָט געהאַט מעהר שטימען."

אַ נאַר קען פרעגען מעהר פראַגעס אין אַ שטונדע, ווי אַ קלוגער קען ענטפערן אין אַ יאָהר.

די פראַזעס און זאַצען.

A lunatic	א משוגענער
in an insane asylum	אין א משוגעים־הויז
was asked	איז געוואָרען געפרעגט
how he came there,	ווי אזוי ער איז געקומען אהין
and he answered :	און ער האָט געענטפערט :
"The world said	„די וועלט האָט געזאָגט
I was mad,	איך בין משוגע,
I said	איך האָב געזאָגט
the world was mad,	די וועלט איז משוגע,
and they outvoted me."	און זיי האָבען מיך אריבערגעשטימט".

A fool	א נאַר
may ask	קען פרעגען
more questions	מעהר פראַגעס
in an hour	אין א שטונדע
than a wise man	ווי א קלוגער מענש
can answer	קען ענטפערן
in a year.	אין א יאָהר.

די ווערטער.

lunatic (ליו'נעטיק)	א משוגענער
an (ען)	א (דאָס זעלביגע וואָס a)
insane (אינסעיין)	משוגע
asylum (עסאַי'לום)	האָספּיטאַל, אַנ־שטאַלט
how (האַו)	ווי אזוי
came (קעים)	איז געקומען
*to come (קאָם)	קומען
there (דהער)	דאָרטען
answered (ענ'סערד)	האָט געענטפערט
world (וואוירלד)	וועלט
mad (מעד)	משוגע

outvoted (אוטוואָוט'עד)	אריבערגע־שטימט, געגעבען מעהר שטימען.
fool (פול)	נאַר
may (מעי)	מעג, קען
question (קוועס'טשאָן)	פראַגע
hour (אור)	שטונדע
than (דהען)	ווי, אלס
wise (וואַיז)	קלוג
answer (ענ'סער)	ענטפערן
year (ייר)	יאָהר

נייע ווערטער.

about (עבאַו'ט) — וועגען

געשפרעך.

Where was the lunatic ?
He was in an insane asylum.
Why was he there ?
Because he was insane (mad).
What did they ask him ?
They asked him, why he was in the asylum.
What did he answer ?
He answered that the world outvoted him.
What did he say about the world ?
He said the world was mad.
What did the world say about him ?
The world said he was mad. That is the reason why he came to the insane asylum.

§15 די ווערטער may און can

דאס ווארט may באטייט קענען, מעגען; can מיינט: קענען, זיין אין שטאנד, און האט מאנכמאל אויך די באדייטונג: מעגען.

§16 דאס ווערטעל an

an איז דאס זעלביגע וואס דאס ווערטעל a, אבער עס איז א חילוק וואו עס דארף קומען. a קומט פאר ווערטער, וואס הייבען זיך אן מיט א קאנסאנאנט: a dinner (א מיטאג), a preacher (א מגיד), a question (א פראגע). an קומט פאר א וואקאל: an asylum—ען עסאיילום (אן אנשטאלט), an hour—ען אור (א שטונדע). פארגלייכט an, a מיט א, אן אין אידיש: א מענש, א פעלד; אן ארבעל, אן עפעל.

§17 אויסשפראך פון hour, answer

אין דעם ווארט hour ווערט ניט געלעזען דער h — לייענט: אור.
אין דעם ווארט answer ווערט ניט געלעזען דער w — לייענט: ענ׳סער.

§18 כלל פון a אלס עי.

a ווערט געלייענט "עי," ווען נאך איהם קומט א קאנסאנאנט מיט אן e; צ. ב.

ויכער	safe (סעיף)	א נאמען	name (נעים)
א מעשה	tale (טעיל)	שפעט	late (לעיט)
באקען	bake (בעיק)	א שטאק	cane (קעין)

a ווערט אויך געלייענט ע י פאר ste, nge, ble;ביישפילען:

פרעמד	strange (סטרעינדזש)	פעהיג, אין שטאנד	able (עיבל)
איינארדנען	arrange (עררעינ׳דזש)	פאבעל, משל	fable (פעיבל)
איילען	haste (העיסט)	שטאל	stable (סטעיבל)
א געשמאק	taste (טעיסט)	קרעץ	mange (מעינדזש)

אויסנאהמע: caste (א קאסטע, א קלאס) ווערט געלייענט: קעסט, ניט קעיסט.

§19 כלל פון a אַלס אַע.

a ווערט געלייענט "אַע," ווען ער קומט פאַר איינעם אָדער צוויי קאָנ-סאָנאַנטען, וועלכע שליסען אַ וואָרט אָדער אַ טייל פון אַ וואָרט;ביישפּילען:

had (האַעד)	געהאַט	hand (האַענד)	אַ האַנט
man (מאַען)	אַ מענש	ant (אַענט)	אַ מוראַשקע
strap (סטראַעפּ)	אַ לעדער-פּאַס	damp (דאַעמפּ)	פייכט

☞ זעהט וועגען דעם קלאַנג "אַע" די אַנמערקונג צו §13, זייט 16.

Fourth Lesson—פערטע לעקציאָן

אַ נדבה פון אַן אַדעלמאַן.

	A	poor	fellow,	begging	from	an	English	
	עי	פּור	פעל'לאָו	בעג'גינג	פראָם	ען	אינ'גליש	
	אַ	אָרימער	מאַן	בעטלענדיג	פון	אַן	ענגלישען	

duke,	said	to	him:	"I	hope	you	will	give
דיוק	סעד	טו	הים	אַי	האָופּ	יו	וויל	גיוו
הערצאָג	האָט געזאָגט	צו	איהם	איך	האָף	איהר	וועט	געבען

me	something,	as	we	are	of	the	same
מי	סאַמ'טהינג	עז	ווי	אַר	אָוו	דהי	סעים
מיר	עפּעס	ווייל	מיר	זיינען	פון	די	זעלביגע

family,	descending	both	from	Adam."	"Certainly,"
פע'מילי	דיסענ'דינג	באָוטה	פראָם	ע'דעם	סויר'טינלי
פאַמיליע	שטאַמענדיג	ביידע	פון	אדם	געווים

answered	the	duke,	"there	is	a	penny	for
ענ'סערד	דהי	דיוק	דהער	איז	עי	פּענ'ני	פאָר
האָט געענטפערט	דער	הערצאָג	דאָ	איז	אַ	פעניג	פאַר

you,	and	if	all	the	rest	of	your	relations
יו	ענד	איף	אָאָל	דהי	רעסט	אָוו	יור	רילעי'שאַנז
אייך	און	אויב	אַלע	די	איבעריגע	פון	אייערע	קרובים

will	give	you	as	much,	you'll	be	a	richer
וויל	גיוו	יו	עז	מאַטש	יו'ל	בי	עי	רי'טשער
וועלען	געבען	אייך	אַזוי	פיל	וועט איהר	זיין	אַ	רייכערער

man	than	I	am."
מען	דהען	אַי	עם
מענש	ווי	איך	בין

פרייע איבערזעצונג.

אַן אָרימער קערל האָט בעטלענדיג ביי אַן ענגלישען הערצאָג צו איהם געזאָגט: ״איך האָף, דאָס איהר וועט מיר געבען עפּעס, ווייל מיר זיינען פון דער זעלבינער פאַמיליע, מיר קומען ביידע ארויס פון אָדם׳ען.״ „געוויס,״ האָט געענטפערט דער הערצאָג. „דאָ האָט איהר אייך אַ פּעני, און אויב אַלע אייערע איבעריגע קרובים וועלען אייך געבען אַזוי פיל, וועט איהר זיין רייכער פאַר מיר.״

די פּראָזעס און זאַצען.

אַן אָרימער מאַן,	**A poor fellow,**
בעטלענדיג	**begging**
פון אַן ענגלישען הערצאָג,	**from an English duke**
האָט געזאָגט צו איהם:	**said to him :**
„איך האָף	**"I hope**
איהר וועט מיר געבען עפּעס,	**you will give me something**
ווייל מיר זיינען	**as we are**
פון דער זעלביגער פאַמיליע,	**of the same family**
שטאַמענדיג ביידע פון אָדם׳ען.״	**descending both from Adam."**
„געוויס,״	**"Certainly,"**
האָט געענטפערט דער הערצאָג,	**answered the duke,**
„דאָ איז אַ פּעני פאַר אייך,	**"there is a penny for you,**
און אויב אַלע די איבעריגע	**and if all the rest**
פון אייערע קרובים	**of your relations**
וועלען אייך געבען אַזוי פיל,	**will give you as much,**
וועט איהר זיין	**you'll be**
אַ רייכערער מאַן	**a richer man**
ווי איך בין.״	**than I am."**

די ווערטער.

איהם	him (הים)	אָרעם	poor (פּור)
ער	he (הי)	מאַן, קערל	fellow (פעל׳לאָו)
האָפען	to hope	בעטלענדיג	begging (בעג׳גינג)
איהר, אייך	you (יו)	בעטלען	* to beg (טו בעג)
וועט; וועלען	will (וויל)	פון, ביי	from (פראָם)
געבען	give (גיוו)	ענגליש	English (אינג׳ליש)
מיר	me (מי)	אַ דיוק, אַ דוכס, אַ הערצאָג	duke (דיוק)
עפּעס	something (סאָמ׳טהינג)		

דאָ, דאָרטען	there (דהער)
א פעני (ענגלישע מטבע, ווערט 2 סענט)	penny (פענ'ני)
אויב	if (איף)
אַלע	all (אָאל)
רעסט, איבעריגע	rest (רעסט)
אייער	your (יור)
קרוב	relation (רילעי'שאָן)
פיל	much (מאַטש)
אפקירצונג פון you will	you'll (יו'ל)
א רייכערער	richer (ריי'טשער)
(איך) בין	am (עם)
אזוי ווי, ווייל	as (עז)
מיר (דייטש: וויר)	we (ווי)
זיינען	are (אַר)
זעלביגע	same (סעים)
פאמיליע, משפחה	family (פע'מילי)
שטאמענדיג	descending (דיסע'נדינג)
שטאמען, ארויסקומען.	*to descend (טו דיסע'נד)
ביידע	both (באָוטה)
אָדם הראשון	Adam (ע'דעם)
געווים	certainly (סויר'טינלי)
ענטפערן	to answer (ע'נסער)

נייע ווערטער.

בעטען, בעטלען	*to beg (בעג)
ווי?	how (האו)
וויפיל?	how much
וועמען? (פון ווער who)	whom (הום)
זעהר	very (וועָ'רי)
האט געגעבען	gave (געיוו)
געבען	*to give (גיוו)
האט געבעטעלט	begged (בעגד)

געשפרעך.

What did the poor man say to him ?

He said: "We are of the same family descending both from Adam."

What did the duke answer him ?

He answered : "If all your other relations will give you a penny you will be richer than I am."

From whom did the man beg ?

He begged from an English duke.

Why did he beg from him ?

Because he was very poor.

How much did the duke give the poor man ?

He gave him only one penny.

§20 פאַרטאָפּלונג פון קאָנסאָנאַנטען.

מערקט דאָס וואָרט begged (מיט צוויי g'ען) פון beg (מיט איין g). ווען א וואָרט ענדיגט זיך מיט א קאָנסאָנאַנט, פאר וועלכען עס קומט אַן איינצעלנער וואָקאַל, ווי b-eg, f-it, c-ut, ווערט דער ענד-קאָנסאָנאַנט פאַרטאָפּעלט פאר די ענדונגען ed, ing, er, est, y; צ. ב. fit (פיט) פאַסען — fit-ting (פיט'טינג) פאַסענד, fit-ted (פיט'טעד) צו-געפאַסט, fit-ter (פיט'טער) אַן אַנפּאַסער; cut (קאַט) שניידען—cut-ting (קאַט'טינג) שניידענד, cut-ter (קאַט'טער) א צושניידער; fat (פעט) פעט — fat-ter (פעט'טער) פעטער, fat-test (פעט'טעסט) דער פעטסטער.

דאָס איז איבערהויפּט דער כלל פאַר קורצע, איינאָטעמדיגע ווערטלאָך, ווי beg, fat, cut או. אז. וו., אָבער ער גילט אויך פאַר גרעסערע ווערטער, ווען זיי האָבען דעם קוועטש אָדער דריק (״אַקצענט״ רופט מען עס) אויף דעם לעצטען טייל, ווי צ. ב. regret (ריגרע׳ט) באַדויערן — regret-ted (ריגרעט׳טעד) באַדויערט, regret-ting (ריגרעט׳טינג) באַדויערנד.

§21 געגענווערטיגע צייט פון צייטווערטער.

נאָך he, she, אָדער ווען עס רעדט זיך פון אַן איינציגער פערזאָן אָדער זאַך, ווערט צו אַ צייטוואָרט אין דער געגענווערטיגער צייט צוגעזעצט s; צ. ב. he gives (הי גיווז) ער גיט, she asks (שי עסקס) זי פרעגט, Mary dines (מערי דאַינז) מאַריע עסט מיטאָג. נאָך they (זיי), אָדער ווען עס רעדט זיך וועגען מעהרערע פערזאָנען אָדער זאַכען, בלייבט דאָס צייטוואָרט ניט געענדערט: they give זיי גיבען, they ask זיי פרעגען, Lucy and Mary dine ליוסי און מאַריע עסען מיטאָג.

אַנמערקונג. ווען דאָס צייטוואָרט ענדיגט זיך מיט s, ch, sh, x, o, קומט צו אַן e צום s (es) נאָך he, she או. אז. וו. צ. ב. pass (פּעס) פאַרבייגעהן — he passes (הי פּעס׳סיז) ער געהט פאַרביי, reach (ריטש) גרייכען — she reaches (שי ריטשיז) זי גרייכט; go (גאָו) געהן — he goes (הי גאָוז) ער געהט; do (דו) טאָן — she does (שי דאַז) זי טוט.

דאָס צייטוואָרט have ווערט אין דער געגענווערטיגער צייט נאָך he, she, אָדער ווען עס רעדט זיך פון אַן איינציגער פערזאָן אָדער זאַך, געענדערט אין has (העז); צ. ב. he has, she has ער האָט, זי האָט, Mary has מאַריע האָט.

די צייטווערטער can (קען) קענען, may (מעי) מעגען, נעהמען ניט צו קיין s.

§22 כלל פון a אַלס אַ.

a ווערט געלייענט אַ, ווען ער שטעהט פאַר דעם בוכשטאַב r, נאָך וועלכען עס קומט ניט קיין e; צ. ב.

אַ שייער	barn (באַרן)	ווייט	far (פאַר)
אַ טייל	part (פּאַרט)	האַרט, שווער	hard (האַרד)
שאָדען	harm (האַרם)	אָנהייב	start (סטאַרט)

Fifth Lesson—פינפטע לעקציאן

דער באַנקיר און דער מאַלער.

A	**great**	**Paris**	**banker**	**asked**	**a**	**celebrated**
עי	גרעיט	פא'ריס	בע'נקער	עסקד	עי	סע'ליברעיטעד
אַ	גרויסער	פאריזער	באנקיר	האט געבעטען	אַ	באריהמטען

painter	**to**	**do**	**a**	**little**	**thing**	**for**	**his**	**album.**
פעינ'טער	טו	דו	עי	ליטל	טהינג	פאר	היז	על'באם
מאלער	צו	טאָן	אַ	קליינע	זאַך	פאר	זיין	אַלבום

The	**painter**	**did**	**the**	**little**	**thing**	**and**	**asked**
דהי	פעינ'טער	דיד	דהי	ליטל	טהינג	ענד	עסקד
דער	מאלער	האט געטאָן	די	קליינע	זאַך	און	האט פארלאַנגט

a	**thousand**	**francs. —**	**"Why,**	**it**	**only**	**took**
עי	טהאו'זענד	פרענקס	הוואי	איט	אונ'לי	טוק
אַ	טויזענד	פראנקען	ווארום	עס	כאַר	האט גענומען

you	**five**	**minutes**	**to**	**draw**	**it,"**	**said**	**the**
יו	פאיוו	מי'ניטס	טו	דראא	איט	סעד	דהי
אייך	פינף	מינוטען	צו	צייכענען	עס	האט געזאָגט	דער

banker. — "Yes,"		**replied**	**the**	**painter,**	**"but**	**it**
בענ'קער	יעס	ריפלא'יד	דהי	פעינ'טער	באט	איט
באנקיר	יע	האט געענטפערט	דער	מאלער	אָבער	עס

took	**me**	**thirty**	**years**	**to**	**learn**	**how**	**to**	**do**
טוק	מי'	טהויר'טי	יירז	טו	לוירן	האו	טו	דו
האט גענומען	מיר	דרייסיג	יאהרען	צו	לערנען	ווי	צו	טאָן

it	**in**	**five**	**minutes."**
איט	אי'ן	פאיוו	מי'ניטס
עס	אין	פינף	מינוטען

פרייע איבערזעצונג.

אַ גרויסער פאַריזער באַנקיר האָט געבעטען אַ באַריהמטען מאַלער ער זאָל צייכענען עפּעס אַ קלייניגקייט אין זיין אַלבום (בילדער־בוך). דער מאַלער האָט עס געטאָן און האָט פאַרלאַנגט טויזענד פראַנק. — „סטייטש, עס האָט דאָך אייך גענומען בלויז פינף מינוטען צו צייכענען דאָס," האָט געזאָגט דער באַנקיר. „יע," האָט געענטפערט דער מאַלער, „אָבער איך האָב זיך געדאַרפט לערנען דרייסיג יאָהר צו קענען עס טאָן אין פינף מינוטען."

די פראַזעס און זאַצען.

A great Paris banker	א גרויסער פאריזער באנקיר
asked a celebrated painter	האט געבעטען א באריהמטען מאלער
to do a little thing	צו טאן אַ קליינע זאך (א קלייניגקייט)
for his album.	פאר זיין אלבום.
The painter did the little thing	דער מאלער האט געטאן די קליינע זאך
and asked	און האט פארלאנגט
a thousand francs.	א טויזענד פראנק.
"Why, it only took you	„סטייטש, עס האט אייך גענומען בלויז
five minutes	פינף מינוטען
to draw it,"	צו צייכענען עס."
said the banker.	האט געזאגט דער באנקיר.
"Yes," replied the painter,	„יע," האט געענטפערט דער מאלער,
"but it took me	„אבער עס האט מיר גענומען
thirty years	דרייסיג יאהר
to learn	צו לערנען
how to do it	ווי צו טאן עס
in five minutes."	אין פינף מינוטען."

די איינצעלנע ווערטער.

great (גרעיט)	גרויס	only (אָונ'לי)	נאר, בלויז
Paris (פּאַ'ריס)	פּאריז, פּאריזער	took (טוק)	האט גענומען, האט גע- פאדערט
banker (בענ'קער)	באנקיר	*to take (טעיק)	נעהמען, פאדערן
asked (עסקד)	געבעטען, פארלאנגט	five (פאַיוו)	פינף
celebrated (סע'ליברעיטעד)	באריהמט	minute (מי'ניט)	מינוט
painter (פּעינ'טער)	מאלער	draw (דראָא)	צייכענען
little (ליטל)	קליין, ווייניג	yes (יעס)	יע
thing (טהינג)	דינג, זאך	but (באַט)	אבער
album (על'באַם)	אלבום, בילדערבוך	thirty (טהויר'טי)	דרייסיג
thousand (טהאַו'זענד)	טויזענד	year (ייר)	יאהר
franc (פרענק)	פראנק (פראנ- צויזישע געלט)	learn (לוירן)	לערנען
why (הוואַי)	ווארום, סטייטש	how (האַו)	ווי

נייע ווערטער.

work (וואוירק)	ארבעט	how long ?	ווי לאנג ?
long (לאָנג)	לאנג	too long	צו לאנג
much (מאַטש)	פיל	too much	צו פיל
too (טו)	צו, זעהר	too little	צו ווייניג

געשפרעך.

Where did the banker live?
He lived in Paris.
What did he ask the painter to do?
He asked him to draw something in his album.
Did the painter do it?
Yes, he did.
How long did it take him to do it?
It took him only five minutes.

How much did the painter ask for it?
He asked a thousand francs.
What did the banker say to him?
He said it was too much for the work of five minutes.
What did the painter reply?
He replied that it took him thirty years to learn how to do it in five minutes.

§23 to און too

צו מערקען, אז too איז אנדערש פון to, כאטש זיי קלינגען ביידע גלייך. too באטייט ״צו״ אין דעם זין פון איבער דער מאס: too rich צו רייך.

§24 פארגאנגענע צייט פון צייטווערטער.

די פארגאנגענע צייט פון צייטווערטער ווערט געמאכט דורך די צוזעצונג פון ed אדער d (ווען דאס צייטווארט ענדיגט זיך מיט e); צ. ב. he asked ער האט געפרעגט, she lived זי האט געלעבט.

§25 אומרעגעלמעסיגע צייטווערטער.

מאנכע צייטווערטער האבען אומרעגעלמעסיגע פארמעס פאר די פארגאנגענע צייט. צו דיזע געהערען:

be (בי) זיין	— — — פארגאנגענע צייט		was (וואז) געוועזען — איינצ. were (וואויר) — מעהרצ.
have (העוו) האבען	“	“	had (העד) געהאט.
may (מעי) מעגען	“	“	might (מאיט) געמעגט.
can (קען) קענען	“	“	could (קוד) געקענט.
do (דו) טאן	“	“	did (דיד) געטאן.
take (טעיק) נעהמען	“	“	took (טוק) גענומען.
give (גיוו) געבען	“	“	gave (געיוו) געגעבען.
spend (ספענד) פארברייננגען	“	“	spent (ספענט) פארבראכט
feel (פיל) פיהלען	“	“	felt (פעלט) געפיהלט.

§26 בייגונג פון רעגעלמעסיגע צייטווערטער.

געגענווערטיגע צייט.

I ask	איך פרעג	we ask	מיר פרעגען
you ask	דו פרעגסט	you ask	איהר פרעגט
he asks	ער פרעגט	they ask	זיי פרעגען

פארגאנגענע צייט.

I asked	איך האב געפרעגט	we asked	מיר האבען געפרעגט
you asked	דו האסט געפרעגט	you asked	איהר האט געפרעגט
he, she asked	ער, זי האט געפרעגט	they asked	זיי האבען געפרעגט

§27 בייגונג פון may, can, have, be

געגענווארטיגע צייט.

I am	איך בין	I have	איך האב
you are	דו ביסט	you have	דו האסט
he, she is	ער, זי איז	he, she has	ער, זי האט
we are	מיר זיינען	we have	מיר האבען
you are	איהר זייט	you have	איהר האט
they are	זיי זיינען	they have	זיי האבען

I can	איך קען	I may	איך מעג, קען
you can	דו קענסט	you may	דו מעגסט, קענסט
he, she can	ער, זי קען	he, she may	ער, זי מעג, קען
we can	מיר קענען	we may	מיר מעגען, קענען
you can	איהר קענט	you may	איהר מעגט, קענט
they can	זיי קענען	they may	זיי מעגען, קענען

פארגאנגענע צייט.

I was	איך בין געווען	I had	איך האב געהאט
you were	דו ביסט געווען	you had	דו האסט געהאט
he, she was	ער, זי איז געווען	he, she had	ער, זי האט געהאט
we were	מיר זיינען געווען	we had	מיר האבען געהאט
you were	איהר זייט געווען	you had	איהר האט געהאט
they were	זיי זיינען געווען	they had	זיי האבען געהאט

I could	איך האב געקענט	I might	איך האב געמעגט
you could	דו האסט געקענט	you might	דו האסט געמעגט
he, she could	ער, זי האט געקענט	he, she might	ער, זי האט געמעגט
we could	מיר האבען געקענט	we might	מיר האבען געמעגט
you could	איהר האט געקענט	you might	איהר האט געמעגט
they could	זיי האבען געקענט	they might	זיי האבען געמעגט

§28 „דו" אין ענגליש.

אמאל איז אין ענגליש פאר „דו" געברויכט געווארען thou (דהאו). היינט ווערט סיי פאר "דו" סיי פאר "איהר" באנוצט you (יו). — נאך you דארף די פערגאנגענע צייט-פארמע זיין ווי אין מעהרצאל: were (וואויר), ניט ווי אין איינצאל: was (וואז).

היינט ווערט thou נאך באנוצט אין פאעזיע, אין דער איבערזעצונג פון תנ"ך און אין תפילות.

§29 כלל פאר צייטווערטער מיט thou

צייטווערטער מיט thou נעהמען צו est, st; צ. ב. thou askest דו פרעגסט, thou goest דו געהסט, thou canst דו קענסט; thou askedst האסט געפרעגט, thou wentest ביסט געגאנגען, thou couldst האסט געקענט. are, have ווערען מיט thou געענדערט אין art, hast, נעמליך: thou art דו ביסט, thou hast דו האסט; was ווערט געענדערט אין wast אדער wert, נעמליך: thou wast, thou wert ביסט געוועזן.

§30 כלל פון a אַלס אָאַ.

a ווערט געלייענט ווי אָאַ, ווען ער קומט פאר lt, ld, ll—צום ביישפיל:

all (אאָל)	אלע	fall (פאָאל)	פאלען
bald (באָאלד)	פליכעוואטע	scald (סקאָאלד)	אפבריהען
malt (מאָאלט)	מאלץ	halt (האָאלט)	האלטען

Sixth Lesson—זעקסטע לעקציאָן

„פאַרוואָס האָט איהר פריהער ניט געזאָגט?“

An	**officer**	**was**	**wounded**	**in**	**the**	**knee**
אַן	אָפ'פיסער	וואָז	וואונ'דעד	אין	דהי	ני
אַ	אָפיצער	איז געוואָרען	פערוואונדעט	אין	די	קני

by	**a**	**shot**	**from**	**a**	**gun,**	**and**	**the**	**physicians**
באַי	עי	שאָט	פראָם	עי	גאַן	ענד	דהי	פיזי'שענז
דורך	אַ	שאָס	פון	אַ	ביקס	און	די	דאָקטוירים

made	**many**	**incisions**	**to**	**find**	**the**	**bullet.**
מעיד	מע'ני	אינסי'זשאַנז	טו	פאַינד	דהי	בו'לעט
האָבען געמאַכט	פיעלע	איינשניטען	צו	געפינען	די	קויל

Losing	**patience**	**at**	**last,**	**he**	**asked**	**them,**	**why**
לו'זינג	פעי'שענס	עט	לעסט	הי	עסקד	דהעם	הוואַי
פארלירענדיג	געדולד	צו	לעצט	ער	האָט געפרעגט	זיי	וואָרום

they	**cut**	**him**	**so**	**cruelly.**	**"We**	**are**	**looking**
דהעי	קאָט	הים	סאָו	קרו'עללי	ווי	אָר	לו'קינג
זיי	האָבען געשניטען	איהם	אַזוי	גרויזאַם	מיר	זיינען	זוכענדיג

(We are looking: מיר זוכען)

for	**the**	**bullet,"**	**said**	**the**	**physicians.**	**"Why**
פאָר	דהי	בו'לעט	סעד	דהי	פיזי'שענז	הוואַי
נאָך	די	קויל	האָבען געזאָגט	די	דאָקטוירים	וואָרום

did	**you**	**not**	**say**	**so**	**before?"**	**said**	**the**
דיד	יו	נאָט	סעי	סאָו	ביפאָו'ר	סעד	דהי
האָט געטאָן	איהר	ניט	זאָגען	אַזוי	פריהער	האָט געזאָגט	דער

(did you not say: האָט איהר ניט געזאָגט)

officer,	**"I**	**have**	**it**	**in**	**my**	**pocket."**
אָפ'פיסער	אַי	העוו	איט	אין	מאַי	פאָ'קעט
אָפיצער	איך	האָב	עס	אין	מיין	קעשענע

פרייע איבערזעצונג.

אַן אָפיצער איז געוואָרען פאַרוואונדעט אין קני דורך אַ שאָס פון אַ ביקס, און די דאָקטוירים האָבען געמאַכט פילע שניטען צו געפינען די קויל. פאַרלי־רענדיג ענדליך די גערולד, האָט ער זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבען איהם אַזוי אומ'ברחמנות'דיג געשניטען. „מיר זוכען די קויל," האָבען די דאָקטוירים געזאָגט. „פאַרוואָס האָט איהר דאָס פריהער ניט געזאָגט," האָט געענטפערט דער אָפיצער, „איך האָב דאָך די קויל ביי מיר אין קעשענע."

די פראַזעס און זאַצען.

An officer was wounded	אַן אָפיצער איז געוואָרען פאַרוואונדעט
in the knee	אין קני
by a shot from a gun,	דורך אַ שאָס פון אַ ביקס
and the physicians made many incisions	און די דאָקטוירים האָבען געמאַכט פילע שניטען
to find the bullet.	צו געפינען די קויל.
Losing patience	פאַרלירענדיג גערולד
at last,	צולעצט (ענדליך)
he asked them,	האָט ער זיי געפרעגט,
why they cut him so cruelly.	וואָרום זיי האָבען איהם געשניטען אַזוי גרויזאַם.
"We are looking for the bullet,"	„מיר זוכען נאָך די קויל,"
said the physicians	האָבען געזאָגט די דאָקטוירים.
"Why did you not say so before ?"	„וואָרום האָט איהר אַזוי ניט געזאָגט פריהער?"
said the officer,	האָט געזאָגט דער אָפיצער,
"I have it in my pocket."	„איך האָב זי אין מיין קעשענע."

§31 צייטווערטער מיט -ing

צו מערקען דעם זאַץ we are looking for מיר זיינען זוכענדיג. דאָס מיינט: מיר זוכען. אַזוי דריקט מען אין ענגליש אויס אַ טואונג, אַלס דויערנד, אָנהאַלטענד. ביישפּילען:

I am dining	איך עס מיטאָג (יעצט, אימער)	he, she is drawing	ער, זי צייכענט
		we are taking	מיר נעהמען
you are looking for	איהר זוכט	they are giving	זיי גיבען

פאַר די פאַרגאַנגענע צייט.

I was dining	איך האָב געגעסען מיטאָג (דאַן געוועזען עסענדיג)	he, she was drawing	ער, זי האָט גע־צייכענט
		we were taking	מיר האָבען גענומען
you were looking	איהר האָט געזוכט	they were giving	זיי האָבען געגעבען

ווען אַ צייטוואָרט מיט דער ענדונג ing שטעהט אַליין, אָהן I am, you are, he is או. אַז. וו., האָט עס דעם זין פון די אידישע צייטווערטער מיט "דיג": losing פאַרלירענדיג, giving געבענדיג או. אַז. וו.

אַנמערקונג. צייטווערטער וואָס ענדיגען זיך מיט אַ שטומען e, וואַרפען אַראָפּ דעם e פאַר דער ענדונג ing; צ. ב. dine — dining, give — giving.

§32 צוזעצונג פון ly- צו אייגענשאַפטווערטער.

דאָס וואָרט cruelly איז געמאַכט פון דעם אייגענשאַפטוואָרט cruel דורך די צוזעצונג פון ly.

די פאָרמע cruel ווערט באַנוצט אין פאַרבינדונג מיט אַ געגענשטאַנד: cruel man אַ גרויזאַמער מענש; cruelly קומט אין פאַרבינדונג מיט אַ טואונג: to cut cruelly שניידען גרויזאַם, אָהן רחמנות. אַזוי אויך מיט אַנדערע אייגענשאַפטווערטער: pleasant man אַן אַנגענעהמער מענש, pleasant time אַנגענעהמע צייט; אָבער: to speak pleasantly ריידען אַנגענעהם.

§33 צייטווערטער נאָך do, did

מערקט דעם זאַץ: why did you not say פאַרוואָס האָט איהר ניט געטאָן זאָגען, ד. ה. פאַרוואָס האָט איהר ניט געזאָגט. צו מערקען, אַז סיי נאָך do סיי נאָך did קומט דאָס צייטוואָרט אין זיין ניט-געענדערטער פאָרמע. מען זאָגט: I did not say, ניט: I did not said; I did not take, ניט: I did not took (ווי עס זאָגען עם-הארצים).

די ווערטער.

פאַרלירען	*to lose (טו לוז)
צו	at (עט)
לעצט	last (לעסט)
צולעצט, ענדליך	at last
געשניטען	cut (קאַט)
אומ'ברחמנות'דיג, גרויזאַם	cruelly (קרו'עללי)
קוקענדיג, זוכענדיג	looking (לו'קינג)
קוקען, זוכען	*to look (טו לוק)
נאָכזוכען, זוכען	to look for
פאַר; נאָך	for (פאָר)
מיין	my (מאַי)
קעשענע	pocket (פאָ'קעט)

אָפיצער	officer (אָפ'פיסער)
פאַרוואונדעט	wounded (וואונ'דעד)
קני	knee (ני)
דורך	by (באַי)
שאָס	shot (שאָט)
פון	from (פראָם)
ביקס	gun (גאָן)
דאָקטער	physician (פיזיי'שאָן)
איינשניט, שניט	incision (אינסיי'זשאָן)
געפינען	to find (פאַינד)
קויל	bullet (בול'לעט)
פאַרלירענדיג	losing (לו'זינג)

געשפּרעד.

Who was wounded ?
An officer was wounded.
Where was he wounded ?
He was wounded in the knee.
By what was he wounded ?
By a shot from a gun.
What did the physicians do ?
They made many incisions in the knee.
Why did they make the incisions ?
They made them to find the bullet.

What did the officer ask the physicians ?

He asked them, why they cut him so cruelly.

What did the physicians answer ?

They answered that they were looking for the bullet.

What did the officer say to them ?
He said that he had the bullet in his pocket.

§34 קלאַנגען פון וואָקאַל e

e האָט דריי קלאַנגען : אי, ע, אוי.

§35 כלל פון e אַלס אי.

e ווערט געלייענט ווי א י פאַר אַ קאָנסאָנאַנט, נאָך וועלכען עס שטעהט אַן e, ווי אין די פאָלגענדע ווערטער :

eve (איוו)	אָוועגנט	mere (מיר)	גאַנץ
here (היר)	היער	mete (מיט)	מעסטען

אויך צום סוף פון קליינע איינזילביגע ווערטלאַך, ווי :

he (הי)	ער	me	מיר, מיך
she (שי)	זי	be (בי)	זיין

§36 שטומער e

☞ צו געדענקען די רעגעל, וועלכע איז שוין איינמאָל געגעבען געוואָרען פריהער, דאָס דער וואָקאַל e איז שטום, ווען ער קומט נאָך אַ קאָנסאָנאַנט, פאַר וועלכען עס שטעהט אַ וואָקאַל ; ביישפּילען :

name (נעים)	נאָמען	more (מאָור)	מעהר
eve (איוו)	אָוועגנט	before (ביפאָו'ר)	פריהער
life (לאַיף)	לעבען	use (יוס)	נוץ

Seventh Lesson—זיבעטע לעקציאָן

די גאַנצע תורה אויף איין פוס.

Once	a	gentile	came	to	Hillel	the	Great,
וואַנס	עי	דזשענ'טאַיל	קעים	טו	היל'לעל	דהי	גרעיט
איינמאָל	אַ	גוי	איז געקומען	צו	הללין	דעם	גרויסען

and	said:	"Convert	me,	but	on	condition
ענד	סעד	קאָנוואוי'רט	מי	באַט	אָן	קאָנדי'שאָן
און	האָט געזאָגט	זיי מגייר	מיך	אָבער	אויף	בעדינגונג

that	you	teach	me	the	whole	law	while
דהעט	יו	טיטש	מי	דהי	האָול	לאָא	הוואַיל
דאָס	דו	זאָלסט לערנען	מיך	דאָס	גאַנצע	געזעץ	ווערהענד

I	stand	on	one	leg."	Hillel	accepted	the
אַי	סטענד	אָן	וואַן	לעג	היל'לעל	עקסעפ'טעד	דהי
איך	שטעה	אויף	איין	פוס	הלל	האָט אָנגענומען	די

challenge	and	converted	him	by	answering
טשעל'לענדזש	ענד	קאָנוואוירט'עד	הים	באַי	ענ'סערינג
אויפפאָדערונג	און	האָט מגייר געווען	איהם	דורך	ענטפערנדיג

him	on	the	spot,	"That	which	is	hateful
הים	אָן	דהי	ספּאָט	דהעט	הוויטש	איז	העיט'פול
איהם	אויף	דעם	אָרט	דאָס	וועלכעס	איז	פאַרהאַסט

to	yourself	do	not	do	to	your	neighbor.
טו	יורסעלף	דו	נאָט	דו	טו	יור	נעי'באָר
צו	דיר אליין	טו	ניט	טאָן	צו	דיין	מיטמענש

(do not do:) זאָלסטו ניט טאָן

This	is	the	whole	law,	and	the	rest	is	its
דהיס	איז	דהי	האָול	לאָא	ענד	דהי	רעסט	איז	איטס
דאָס	איז	דאָס	גאַנצע	געזעץ	און	דאָס	איבעריגע	איז	זיין

commentary."
קאָמ'מענטערי
קאָמענטאַר, פּירוש

פרייע איבערזעצונג.

אַ גוי איז איינמאָל געקומען צו הלל דעם גרויסען (הלל הזקן) און האָט צו איהם געזאָגט: „זיי מיך מגייר, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דו זאָלסט מיך אויס־לערנען די גאַנצע תורה אין דער צייט וואָס איך שטעה אויף איין פוס." הלל האָט אָנגענומען די אויפפאָדערונג און האָט איהם מגייר געווען ענטפערנדיג גלייך אויפ'ן אָרט: „דאָס וואָס דיר אליין איז ניט ליב זאָלסטו ניט טאָן צו דיין מיטמענשען; דאָס איז די גאַנצע תורה און דאָס איבעריגע איז בלויז אַ פּירוש אויף איהר."

די פּראָזעס און זאַצען.

איינמאָל איז אַ גוי געקומען	Once a gentile came
צו הלל דעם גרויסען (הלל הזקן)	to Hillel the Great,
און האָט געזאָגט:	and said:
„זיי מיך מגייר,	"Convert me
אָבער מיט דעם בעדינג	but on condition
דאָס דו זאָלסט מיך אויסלערנען	that you teach me
באט סיקס'פענס הים גיווינג באי קוי'רטיסי דהיס ריוואַ'רד
אבער זעקס פענים איהם געבענדיג דורך פריינדליכקייט דיזע באלוינען

found that he had not so small a coin in his
היז אין קאין סמאאל עי סאו נאט העד הי דהעט פאונד
זיין אין מטבע קליין א אזוי ניט האט געהאט ער דאס ט'געפונען

purse. So he gave him a shilling, saying: "Here
היר סעי'אינג שי'לינג עי הים געיוו הי סאו פוירס
היר זאגענדיג שילינג (12 פענים) א איהם ט'געגעבען ער אזוי געלט־בייטעל

is a shilling for you, but mind you owe me
מי או יו מאינד באט יו פאר שי'לינג עי איז
מיר זייט שולדיג איהר געדענקט אבער אייך פאר שילינג א איז

sixpence." — "God bless your Honor," exclaimed
עקסקלעי'מד א'נאר יור בלעס גאד — סיקס'פענס
האט אויסגעשריען עהרווירדיגקייט אייער זאל בענשען גאט — זעקס פענים

the Irishman, "may your Honor live till I pay you."
יו פעי אי טיל ליוו א'נאר יור מעי איי'רישמען דהי
אייך באצאהל איך ביז לעבען עהרוויר־דיגקייט אייער מעג אירלענדער דער

פרייע איבערזעצונג.

סער וואלטער סקאט, דער בארימהמטער ענגלישער שרייבער פון דערצעה־לונגען, איז איינמאל געפאהרען רייטענדיג מיט זיינעם א פריינד איבער די פעלדער ארום זיין לאנד־וואוינונג. ער איז צוגעקומען צו א זאסטאווע, וועלכע אן איירישער בעטלער, וואס איז גראדע געוועזען דערביי, האט גיך געעפענט פאר איהם. סער וואלטער האט געוואלט באלוינען דעם מאן פאר זיין פריינדליכקייט מיט זעקס פענים, אבער ער האט ביי זיך ניט געפונען אזא קליינע מטבע: האט ער איהם געגעבען א שילינג (א מטבע פון 12 פענים), זאגענדיג: „דא האט איהר א שילינג, אבער געדענקט, אז איהר זייט מיר שולדיג א סיקספענס.“ — „גאט זאל אייך בענשען,“ האט אויסגערופען דער איירישמאן, הלואי זאלט איהר אזוי לאנג לעבען ביז איך וועל אייך באצאהלען.“

די פראזעס און זאצען.

Sir Walter Scott,	סער וואלטער סקאט,
the great English novel writer.	דער גרויסער ענגלישער שרייבער פון נאוועלען (דערצעהלונגען),
was once riding	איז איינמאל געפאהרען רייטענדיג
with a friend of his	מיט זיינעם א פריינד
over the fields near his country-seat.	איבער די פעלדער לעבען זיין לאנד־וואוינונג.
He came to a field-gate,	ער איז געקומען צו א זאסטאווע,
which an Irish beggar,	וועלכע אן איירישער בעטלער,
who happened to be near	וועלכער האט פאסירט צו זיין נאהענט, (וועלכער איז גראדע געוועזען דערביי),
hastened to open for him.	האט זיך געאיילט צו עפענען פאר איהם.
Sir Walter wished to reward this courtesy	סער וואלטער האט געוואלט באלוינען דיזע פריינדליכקייט
by giving him sixpence,	געבענדיג איהם זעקס פענים,
but found that he had not	אבער ער האט געפונען, דאס ער האט ניט געהאט
so small a coin	אזא קליינע מטבע
in his purse.	אין זיין געלט־בייטעל.
So he gave him a shilling, saying :	האט ער איהם געגעבען א שילינג, זא־גענדיג :
"Here is a shilling for you,	„דא איז א שילינג פאר אייך (דא האט איהר א שילינג),
but mind	אבער האט אין זינען (געדענקט),
you owe me sixpence."—	איהר זייט מיר שולדיג זעקס פענים.“—

"God bless your Honor,"	„גאט זאל בענשען אייער עהרווירדיג־קייט,"
exclaimed the Irishman,	האט אויסגערופען דער איירישמאן,
"May your Honor live	„הלואי זאל אייער עהרווירדיגקייט לע־בען
till I pay you."	ביז איך וועל אייך אפגעבען."

די ווערטער.

novel (נאָ'וועל)	נאָוועלע, דערצעהלונג
writer (ראַיי'טער)	שרייבער
to ride (ראַיד)	רייטען, פאָהרען ריי־טענדיג
over (אָו'ווער)	איבער
country (קאַ'נטרי)	געגענד לאַנד, דאָרף
seat (סיט)	זיץ, אָרט, וואוינונג
country-seat	לאַנד-וואוינונג
gate (געיט)	טויער
field-gate	פעלד-טויער, זאַסטאַווע, שלאַגבוים
beggar (בעג'גער)	בעטלער
to happen (העפּן)	פּאַסירען, טרעפען
to happen to be	גראָדע זיין
to hasten (העיסן)	אײלען, זיך אײלען
to open (אָופּן)	עפענען
to reward (ריוואָ'ארד)	באַלוינען
courtesy (קויי'רטיסי)	העפליכקייט, פריינדליכקייט
sixpence (סיקס'פּענס)	אַ מטבע פון 6 פּעניס
coin (קאָין)	מטבע, מינץ
purse (פּוירס)	בייטעל, געלט-בייטעל
shilling (שיל'לינג)	שילינג, אַ מטבע פון 12 פּעניס
to mind (מאַינד)	האָבען אין זינען, געדענקען
to owe (אָו)	זיין שולדיג, קומען
to bless (בלעס)	בענשען
honor (אָ'נאָר)	עהרע, כבוד, עהר־ווירדיגקייט (אַ טיטעל פאַר גרויסע לייט)
to exclaim (עקסקלעי'ם)	אויסרופען, אויסשרייען
may (מעי)	מעג, הלואי זאָל
to live (ליוו)	לעבען
till (טיל)	ביז, ביז וואַנען
to pay (פּעי)	צאָהלען, באַצאָהלען, אָפּגעבען

געשפּרעך.

Who was Sir Walter Scott?

He was a great English novel writer.

What was he doing one day?

He was riding over the fields near his country-seat.

With whom was he riding?

He was riding with a friend of his.

Where did he come to?*)

He came to a field-gate.

Who happened to be in that place?

An Irish beggar happened to be there.

What did the Irishman do?

He opened the field-gate for Sir Walter.

Did Sir Walter reward him for the courtesy?

Yes, he rewarded him (אדער Yes, he did).

---

*) where did he come to? וואוהין איז ער געקומען?

How much did he wish to give him?
He wished to give him sixpence.
And how much did he give him?
He gave him a shilling.
Why did he give him a shilling?
Because he had no sixpence in his purse.

What did Sir Walter say to the Irishman?
He said: "Mind you owe me sixpence."
What did the Irishman say?
He said: ""May your Honor live till I pay you."

§98 „וואוהין."

"וואוהין" קען אין ענגליש אויסגעדריקט ווערען דורך where אליין, אדער אויך צוזעצענדיג דאס ווערטעל to צום סוף פון זאץ; צ. ב.

Where are you going? אדער Where are you going to?	וואוהין געהט איהר?
I know where he is going. אדער I know where he is going to.	איך ווייס, וואוהין ער געהט.

§99 „זיינער א פריינד."

מערקט דעם אויסדריק: a friend of his א פריינד פון זיינע.

מען זאגט: a friend of mine א פריינד פון מיינע, ד. ה. איינער פון מיינע פריינד; a friend of yours אייערער א פריינד, דיינער א פריינד; a friend of his זיינער א פריינד או. אז. וו. אזוי זאגט מען אויך: a friend of John's א פריינד פון דזשאהנ'ס (פריינד), ד. ה. דזשאהנ'ס א פריינד; a friend of my brother's מיין ברודער'ס א פריינד או. אז. וו.

§100 פארגאנגענע צייטען פון must, may, can

די איינפאכע פארגאנגענע פארמעס פון can, may זיינען could, might (ווי עס איז שוין געלערנט געווארען אין א פריהערדיגער לעקציאן). must האט ניט קיין באזונדערע פארמע פאר די איינפאכע פארגאנגענע. I must דריקט אויס צוגלייך: איך מוז, איך האב געמוזט.

can, may, must האבען ניט קיין אייגענע גאנץ-פארגאנגענע און לאנג-פארגאנגענע. דער זין פון דיזע ווערט אויסגעדריקט דורך אנדערע צייטווערטער מיט דער הילף פון have been, had been, ווי פאלגט: can דורך have been able

(געווען אין שטאנד, ד. ה. געקענט), had been able (געהאט געווען אין שטאנד, ד. ה. געהאט געקענט) ; may דורך have been allowed (געווען דערלויבט, ד. ה. געמעגט), had been allwed (געהאט געווען דערלויבט, ד. ה. געהאט געמעגט) ; must דורך have been obliged (געווען געצוואונגען, ד. ה. געמוזט), had been obliged (געהאט געווען געצוואונגען, ד. ה. געהאט געמוזט).

§101 בייגונג פון must, may, can פאר גאנץ-פארגאנגענע און לאנג-פארגאנגענע.

פון can

לאנג-פארגאנגענע.	גאנץ-פארגאנגענע.
איך בין געהאט געווען אין שטאנד, איך האב געהאט געקענט I had been able	איך בין געווען אין שטאנד, איך האב געקענט I have been able
איהר האט געהאט געקענט you had been able	איהר האב געקענט you have been able
ער, זי האט געהאט געקענט he, she had been able	ער, זי האט געקענט he, she has been able
מיר האבען געהאט געקענט we had been able	מיר האבען געקענט we have been able
זיי האבען געהאט געקענט we had been able	זיי האבען געקענט they have been able
זיי האבען געהאט געקענט they had been able	

פון may

איך בין געהאט געווען דערלויבט, איך האב געהאט געמעגט I had been allowed	איך בין געווען דערלויבט, איך האב געמעגט I have been allowed
איהר האט געהאט געמעגט you had been allowed	איהר האט געמעגט you have been allowed
ער, זי האט געהאט געמעגט he, she had been allowed	ער, זי האט געמעגט he, she has been allowed
מיר האבען געהאט געמעגט we had been allowed	מיר האבען געמעגט we have been allowed
זיי האבען געהאט געמעגט they had been allowed	זיי האבען געמעגט they have been allowed

פון must

גאנץ-פארגאנגענע.	לאנג-פארגאנגענע.
I have been obliged איך בין געוועזען געצוואונגען, איך האב געמוזט	I had been obliged איך בין געהאט געוועזען געצוואונגען, איך האב געהאט געמוזט
you have been obliged איהר האט געמוזט	you had been obliged איהר האט געהאט געמוזט
he, she has been obliged ער, זי האט געמוזט	he, she had been obliged ער, זי האט געהאט געמוזט
we have been obliged מיר האבען געמוזט	we had been obliged מיר האבען געהאט געמוזט
they have been obliged זיי האבען געמוזט	they had been obliged זיי האבען געהאט געמוזט

Twenty-eighth Lesson—אכט־און־צוואנציגסטע לעקציאן

דער גרויסער קצב!

Napoleon	I.	came	to	visit	Belgium	after
נאפאו'ליאן	דהי פוירסט	קעים	טו	וו'יזיט	בע'לדזשיאם	ע'פטער
נאפאלעאן	דער ערשטער	ז'נעקומען	צו	באזוכען	בעלגיע	נאך

annexing	that	country	to	France.	On	entering	the
ענע'קסינג	דהעט	קא'נטרי	טו	פרענס	אן	ע'נטערינג	דהי
צוגעבען, פאראייניגען	יענע	מדינה	צו	פראנקרייך	ביי	אריינקומען אין	די

city	of	Ghent	he	found	a	triumphal	arch	erected
סי'טי	אוו	גענט	הי	פאונד	עי	טראיא'מפעל	ארטש	אירע'קטעד
שטאט	פון	——	ער	האט געפונען	א	פאראדנעם	בויגען, טויער	אויפגעשטעלט

in	his	honor	by	the	guild	of	butchers,	inscribed:
אין	היז	א'נאר	באי	דהי	גילד	אוו	בו'טשערז	אינסקראי'בד
אין	זיין	עהרע	דורך	די	גילדע, צעך	פון	קצבים	באשריבען (מיט די ווערטער)

"The	little	butchers	of	Ghent	to	Napoleon	the
דהי	ליטל	בו'טשערז	אוו	גענט	טו	נאפאו'ליאן	דהי
די	קליינע	קצבים	פון	——	צו	נאפאלעאן	דעם

great	(butcher)."	The	master	of	the	guild	asked
גרעיט	בו'טשער	דהי	מע'סטער	אוו	דהי	גילד	עסקד
גרויסען	קצב	דער	מייסטער	פון	דער	גילדע	ט'געבעטען

a	clever	nobleman	(who	despised	Napoleon)	to
עי	קלע'ווער	נאו'בלמען	הו	דיספאייזד	נאפאו'ליאן	טו
א	פעהיגען	אדעלמאן	וועלכער	האט פאראכטעט	נאפאלעאנען	צו

write	the	inscription,	but	he	did	not	detect	the
ראיט	דהי	אינסקריפשאן	באט	הי	דיד	נאט	דיטעקט	דהי
שרייבען	די	אויפשריפט	אבער	ער	ט'געטאן	ניט	אנטדעקען	דעם

sarcasm	in	it.
סא'רקעזם	אין	איט
שפאט	אין	דעם

א סאלדאט צוגעטשעפעט צו א שווערד.

Cicero,	the	great	Roman	orator,	seeing	one	day	his
סי'סערא	דהי	גרעיט	ראו'מען	א'רעטאר	סי'אינג	וואן	דעי	היז
ציצעראן	דער	גרויסער	רוימישער	רעדנער	זעהענדיג	איין	טאג	זיין

son-in-law,	who	was	very	short,	arrive	with	a	long
סאן־אין־לאא	הו	וואז	ווע'רי	שארט	עראייוו	ווידה	עי	לאנג
איידים	וועלכער	איז געוועז	זעהר	קורצגעוויקסיג	אנקומען	מיט	א	לאנגען

sword	at	his	side,	asked,	"Who	has	fastened	my
סאורד	עט	היז	סאיד	עסקד	הו	העז	פעסנד	מאי
שווערד	ביי	זיין	זייט	האט געפרעגט	ווער	האט	אנגעטשעפעט	מיין

son-in-law	to	his	sword ?"
סאן־אין־לאא	טו	היז	סאורד
איידים	צו	זיין	שווערד

פרייע איבערזעצונג.

ווען נאפאלעאן דער ערשטער איז נאך פילע נצחונות געקומען אויף א באזוך אין בעלגיע, וועלכע ער האט פאראייניגט מיט פראנקרייך, האט ער אריינקומענדיג אין די שטאט גענט געפונען א טריאומף־טויער, וועלכער איז אויפגעשטעלט געווארען לכבוד איהם פון דעם צעך פון די קצבים, מיט דער אויפשריפט: „די קליינע קצבים פון גענט צו נאפאלעאן דעם גרויסען" (קצב). דער מייסטער פון צעך האט געבעטען א פעהיגען אדעלמאן (וועלכער האט געהאסט נאפאלעאנ'ען) צו פארפאסען די אויפשריפט, אבער ער האט ניט דערטאפט דעם בייסענדען שפאט, וועלכער איז געלעגען אין די ווערטער.

דער בארי׳המטער רוימישער רעדנער ציצעראן, זעהענדיג איין טאג ווי זיין איידים, וועלכער איז געווען זעהר א קורצער, איז אנגעקומען מיט א לאנגען שווערד ביי'ן זייט, האט געפרעגט: „ווער האט צוגעטשעפעט מיין איידים צו דעם דאזיגען שווערד?"

די פראזעס און זאצען.

Napoleon I. came to visit Belgium	נאפאלעאן דער 1טער איז געקומען צו באזוכען בעלגיע
after annexing that country to France.	נאך פאראייניגען יענע מדינה מיט פראנקרייך.
On entering the city of Ghent	אריינקומענדיג אין די שטאט גענט
he found a triumphal arch	האט ער געפונען א טריאומף־בויגען (פאראדנעם טויער)
erected in his honor by the guild of butchers,	וואס איז אויפגעשטעלט געווארען צו זיין עהרע פון דעם צעך פון קצבים,
inscribed : "The little butchers of Ghent to Napoleon the great (butcher)."	באשריבען (מיט דער אויפשריפט) : „די קליינע קצבים פון גענט צו נא־פאלעאן דעם גרויסען (קצב)".
The master of the guild asked a clever nobleman (who despised Napoleon)	דער מייסטער פון דעם צעך האט געבע־טען א פעהיגען אדעלמאן (וועלכער האט פאראכטעט נאפאלעאנ'ען)
to write the inscription,	צו שרייבען (פארפאסען) די אויפשריפט,
but he did not detect the sarcasm in it.	אבער ער האט ניט אנטדעקט דעם סאר־קאזם (שפאט) אין דעם.

Cicero, the great Roman orator,	ציצעראן, דער גרויסער רוימישער רעד־נער,
seeing one day his son-in-law,	זעהענדיג אייז טאג זיין איידים,
who was very short,	וועלכער איז געוועזן זעהר קורצגעוויקסיג,
arrive with a long sword at his side,	אנקומען מיט א לאנגען שווערד ביי זיין זייט,
asked, "Who has fastened my son-in-law to his sword ?"	האט געפרעגט : „ווער האט צוגעמשע־פעט מיין איידים צו זיין שווערד?"

די ווערטער.

*triumph (טראי'אמף)	טריאומף, נצחון
arch (ארטש)	בויגען, האלב-רונדער טויער
to erect (אירע'קט)	אויפשטעלען, אויפבויען
honor (א'נאר)	כבוד, עהרע, האנער
guild (גילד)	גילדע, צעך
butcher (בו'טשער)	קצב, שלאכטער

I.	די גלח'ישע ציפער 1, באצייכענט : דער ערשטער ; אין ענגליש : the first
to visit (וויזיט)	באזוכען
to annex (ענע'קס)	אנבינדען, צוגע־בען, פאראייניגען מיט...
country (קא'נטרי)	מדינה, לאנד
city (סי'טי)	שטאט
triumphal (טראיא'מפעל)	פאראדנע

שרייבען, אויפשרייבען; פארג. צייט: wrote (ראוט), פארטיציפ: written (ריטן) — to write (ראיט)
אויפשריפט — inscription (אינסקריפ'שאן)
סארקאזם, שפאט — sarcasm (סא'רקעזם)
אנטדעקען, אויסגעפינען, דערטאפען — to detect (דיטע'קט)

אויפשרייבען, באשרייבען (מיט) — to inscribe (אינסקראי'ב)
קליין — little (ליטל)
מייסטער — master (מעס'טער)
געשיקט, פעהיג, קלוג — clever (קלע'ווער)
אדעלמאן — nobleman (נאו'בלמען)
פאראכטען — to despise (דיספאי'ז)

אנקומען — arrive (עראי'וו)
שווערד — sword (סאורד)
אנטשעפען, אנבינדען — to fasten (פעסן)

אראטאר, רעדנער — orator (א'רעטאר)
איידים*) — son-in-law (סאן-אין-לאא)
קורץ, קליין — short (שארט)

son-in-law §102

son-in-law אן איידים, ווערטליך: א זוהן דורך געזעץ, ד. ה. דורך מחותנ'עשאפט. אויף דעם זעלביגען אופן ווערען באצייכענט די פאלגענדע קרובים דורך מחותנ'עשאפט:

daughter-in-law (דאא'טער-אין-לאא) שנור
brother-in-law (בראַ'דהער-אין-לאא) שוואגער
sister-in-law (סי'סטער-אין-לאא) שוועגערין
father-in-law (פא'דהער-אין-לאא) שווער
mother-in-law (מא'דהער-אין-לאא) שוויגער

נייע ווערטער.

מיינען, באדייטען — to mean (מין)
באדייטונג — meaning (מי'נינג)
לאנד, מדינה — country (קאנ'טרי)

געשפרעך.

What country did Napoleon visit ?
He visited Belgium.
When did he visit that country ?
After annexing it to France.
What did he find on entering Ghent?
He found an arch which was erected in his honor.
By whom was the triumphal arch erected ?
By the butchers of the city.
What was the inscription on the arch ?
It was: "From the little butchers to Napoleon the great."
What do these words mean ?
They mean that Napoleon was a great butcher.
By whom was the inscription written ?
It was written by a clever nobleman who hated Napoleon.
Did the master of the butchers' guild know the meaning of the inscription ?
He did not.

Who was Cicero ?
He was a celebrated Roman orator.
Whom did he see one day arrive with a long sword ?
His son-in-law, who was very short.
What did Cicero ask when he saw him ?
He asked, who fastened his son-in-law to the long sword.

§103 גלח'ישע ציפער נאָך אַ נאָמען.

די גלח'ישע ציפער .I נאָך דעם נאָמען Napoleon באַדייט: דער ערשטער.

די אָרדנונג-צאָהל ביי דעם נאָמען פון אַ הערשער, ווערט געוועהנליך אויס-געדריקט אין שריפט דורך אַ גלח'ישע ציפער, ווי: .Napoleon I, Napoleon II או. אַז. וו.

אַנשטאָט גלח'ישע ציפערן קען מען שרייבען די אָרדנונג-צאָהל נאָך דעם נאָמען פון אַ הערשער אין פולע ווערטער, ווי צ. ב. ,Napoleon the First Napoleon the Second או. אַז. וו.

§104 דאָס ווערטעל of ביי שטאָט-נעמען.

the city of Ghent די שטאָט גענט. אין ענגליש ווערט צווישען דעם וואָרט "שטאָט" און דעם נאָמען געשטעלט דאָס ווערטעל of (פון). מען זאָגט: the city of New York די שטאָט ניו יאָרק, the city of London די שטאָט לאָנדאָן או. אַז. וו. אַזוי אויך ווען עס האַנדעלט זיך פון מדינות: the kingdom of Prussia דאָס קעניגרייך פּרייסען.

§105 קומענדיגע צייט פון must, may, can

can, may, must האָבען ניט קיין אייגענע קומענדיגע צייט-פאָרמעס. דער זין פון דיזע צייטווערטער פאַר די קומענדיגע צייט ווערט אויסגעדריקט דורך אַנדערע צייטווערטער מיט דער הילף פון be, ווי פאָלגט: can דורך to be able (זיין אין שטאַנד, ד. ה. קענען), may — דורך to be allowed (זיין דערלויבט, ד. ה. מעגען), must — דורך to be obliged (זיין געצוואונגען, ד. ה. מוזען).

§106 בייגונגען פון must, may, can פאר קומענדיגע צייט.

פון can

געשעהענע קומענדיגע צייט.

I shall have been able איך וועל געווען זיין אין שטאנד, איך וועל האָבען געקענט

you will have been able איהר וועט האָבען געקענט

he, she will have been able ער, זי וועט האָבען געקענט

we shall have been able מיר וועלען האָבען געקענט

they will have been able זיי וועלען האָבען געקענט

איינפאכע קומענדיגע צייט.

I shall be able איך וועל זיין אין שטאנד, איך וועל קענען

you will be able איהר וועט קענען

he, she will be able ער, זי וועט קענען

we shall be able מיר וועלען קענען

they will be able זיי וועלען קענען

פון may

I shall have been allowed איך וועל זיין געווען דערלויבט, איך וועל האָבען געמעגט

you will have been allowed איהר וועט האָבען געמעגט

he, she will have been allowed ער, זי וועט האבען געמעגט

we shall have been allowed מיר וועלען האָבען געמעגט

they will have been allowed זיי וועלען האָבען געמעגט

I shall be allowed איך וועל זיין דערלויבט, איך וועל מעגען

you will be allowed איהר וועט מעגען

he, she will be allowed ער, זי וועט מעגען

we shall be allowed מיר וועלען מעגען

they will be allowed זיי וועלען מעגען

פון must

I shall have been obliged איך וועל זיין געווען געצוואונגען, איך וועל האָבען געמוזט

you will have been obliged איהר וועט האָבען געמוזט

he, she will have been obliged ער, זי וועט האָבען געמוזט

we shall have been obliged מיר וועלען האָבען געמוזט

they will have been obliged זיי וועלען האָבען געמוזט

I shall be obliged איך וועל זיין געצוואונגען, כ'וועל מוזען

you will be obliged איהר וועט מוזען

he, she will be obliged ער, זי וועט מוזען

we shall be obliged מיר וועלען מוזען

they will be obliged זיי וועלען מוזען

Twenty-ninth Lesson—ניין־און־צוואנציגסטע לעקציאן

די מאלפע און די ציג.

(א פאבעל.)

A	Hindoo	once	set	out	on	a	journey,	and
עי	הינדוי	וואנס	סעט	אוט	אן	עי	דזשורני	ענד
א	אינדוס	איינמאל	ט'געזעצט	ארויס	אויף	א	רייזע	און

(set out: איז ארויסגעגאנגען)

took	his	monkey	and	his	goat	with	him.	He	also
טוק	היז	מאנ'קי	ענד	היז	גאוט	ווידה	הים	הי	אאל'סאו
ט'גענומען	זיין	מאלפע	און	זיין	ציג	מיט	איהם	ער	אויך

took	some	good	things	for	refreshment	on	the
טוק	סאם	גוד	טהינגז	פאר	ריפרע'שמענט	אן	דהי
ט'גענומען	מאנכע	גוטע	זאכען	פאר	דערקוויקונג	אויף	דעם

way.	On	arriving	at	a	pool	he	resolved	to	bathe
וועי	אן	עראי'ווינג	עט	עי	פול	הי	ריזא'לווד	טו	בעידה
וועג	אויפ'ן, ביים	אנקומען	צו, ביי	א	טייכעל	ער	האט באשלאסען	צו	באדען זיך

and	dine.	Laying	down	the	bundle	with	the
ענד	דאין	לעי'אינג	דאון	דהי	באנדל	ווידה	דהי
און	עסען (מיטאג)	לעגענדיג	ארונטער	דעם	פעקעל	מיט	די

provisions,	he	tied	the	animals	to	a	tree	and	went
פראווי'זשאנז	הי	טאיד	דהי	ע'נימעלז	טו	עי	טרי	ענד	ווענט
פראוויאנט, שפייז	ער	ט'צוגעבונדען	די	חיות	צו	א	בוים	און	ז'געגאנגען

down	to	the	pool.	No	sooner	had	he	disappeared
דאון	טו	דהי	פול	נאו	סו'נער	העד	הי	דיסעפי'רד
ארונטער	צו	דעם	טייכעל	ניט	גיכער	ט'געהאט	ער	פארשוואונדען

than	the	monkey	untied	the	bundle,	ate	the	whole	of	the
דהען	דהי	מא'נקי	אנטאי'ד	דהי	באנדל	עיט	דהי	האול	אוו	דהי
ווי	די	מאלפע	האט אויפ־געבונדען	דעם	פעקעל	האט געגעסען	דאס	גאנצע	פון	די

good	things,	and	then,	wiping	his	hands	on	the
גוד	טהינגז	ענד	דהען	וואי'פינג	היז	הענדז	אן	דהי
גוטע	זאכען	און	דאן	אפווישענדיג	זיינע	הענט	אויף	דער

beard	of	the	goat,	sat	down	solemnly	at	the	other
בירד	אוו	דהי	גאוט	סעט	דאון	סא'לעמלי	עט	דהי	א'דהער
בארד	פון	דער	ציג	האט זיך געזעצט	אנידער	ערנסט	אויף	דער	אנדערער

side	of	the	tree.	The	Hindoo,	having	finished	his
סאיד	אוו	דהי	טרי	דהי	הינדוי	הע'ווינג	פי'נישד	היז
זייט	פון	דעם	בוים	דער	אינדוס	האבענדיג	געענדיגט	זיין

bath,	came,	with	a	good	appetite,	to	dine,	but
בעטח	קעים	ווידה	עי	גוד	עפּיטאַיט	טו	דאַין	באַט
באַד	איז געקומען	מיט	אַ	גוטען	אַפּעטיט	צו	עסען (מיטאָג)	אָבער

found	his	food	all	gone.	On	examination	he	found
פאונד	היז	פוד	אָאל	גאָן	אָן	עגזעמינעי'שאָן	הי	פאונד
ט'געפונען	זיין	שפייז	אין גאַנצען	אַוועק	אויף	אונטערזוכונג	ער	האָט געפונען

every	mark	of	guilt	on	the	beard	of	the	poor
ע'וועריּ	מאַרק	אָוו	גילט	אָן	דהי	בירד	אָוו	דהי	פור
יעדען	צייכען	פון	שולד, פאַרברעכען	אויף	דער	באָרד	פון	דער	אָרימער

goat,	which	soon	received	the	punishment	due	to
גאָוט	הוויטש	סון	ריסי'ווד	דהי	פּאַ'נישמענט	דיו	טו
ציג	וועלכע	באַלד	האָט באַקומען	די	שטראָף	וואָס האָט געקומט	צו

her	roguish	companion.
הויר	ראָו'גיש	קאָמפּעֿ'ניאָן
איהר	גנבישער	חבר'טע

In	going	through	life	we	must	beware	of
אין	גאָו'אינג	טהרו	לאַיף	ווי	מאָסט	ביוועי'ר	אָוו
אין	געהענדיג	דורך	דאָס לעבען	מיר	מוזען	זיך היטען	פון

mischievous	companions,	lest	we	should	fare	as
מיס'טשיוואָס	קאָמפּעֿ'ניאָנז	לעסט	ווי	שוד	פעיר	עז
שלעכטע, בייזע	חברים	דאָס ניט	מיר	זאָלען	געהן	ווי

did	the	poor	goat	in	this	fable.
דיד	דהי	פור	גאָוט	אין	דהיס	פעיבל
עס האָט געטאָן	די	אָרימע	ציג	אין	דיזער	פאַבעל

פרייע איבערזעצונג.

אַן אינדוס איז איינמאָל אַרויס אין וועג און האָט מיטגענומען אַ מאַלפּ
און אַ ציג. ער האָט אויך מיטגענומען גוטע זאַכען צום עסען. קומענדיג צו
אַ טייכעל, האָט ער באַשלאָסען צו באָדען זיך און עסען מיטאָג. אַוועקלעגענ
דיג דעם בינטעל שפּייז, האָט ער צוגעבונדען די מאַלפּע און די ציג צו אַ בוי
און איז אַרונטער אין טייכעל. ווי נאָר ער איז אַוועק, האָט די מאַלפּע אויפגע
בונדען דעם פּעקעל, האָט אויפגעגעסען די שפּייז, און אַפּווישענדיג איהרע הענ
אַן די באָרד פון דער ציג, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן ערנסטער מינע אויף
דער אַנדערער זייט פון בוים. דער אינדוס, אָפּבאָדענדיג זיך, איז געקומען מי
אַ גוטען אַפּעטיט צו עסען, אָבער ער האָט געפונען, אַז די שפּייז איז פאַר
שוואונדען. מאַכענדיג אַן אונטערזוכונג, האָט ער געפונען אַלע סימנים פון
דעם פאַרברעכען אויף דער באָרד פון דער אָרימער ציג, וועלכע האָט באַלד גע
קראָגען די שטראָף, וואָס האָט געקומט איהר גנבישער חבר'טע.

די וואָס ווילען ניט קומען צו דער לאַגע פון דער אָרימער ציג אין דיזע
פאַבעל, דאַרפען זיך היטען פון שלעכטע חברים.

די פּראַזעס און זאַצען.

A Hindoo once set out on a journey,	ען אינדוס איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אויף אַ רייזע,
and took his monkey and his goat with him.	און האָט גענומען זיין מאַלפּע און זיין ציג מיט זיך.
He also took some good things for refreshment on the way.	ער האָט אויך גענומען מאַנכע גוטע זאַ-כען פאַר דערקוויקונג אויפ'ן וועג.
On arriving at a pool	אַנקומענדיג ביי אַ טייכעל
he resolved to bathe and dine.	האָט ער באַשלאָסען צו באָדען זיך און עסען.
Laying down the bundle with the provisions,	אַנידערלעגענדיג דעם פּעקעל מיט די פּראָוויאַנט,
he tied the animals to a tree	האָט ער צוגעבונדען די חיות צו אַ בוים
and went down to the pool.	און איז אַרונטערגעגאַנגען צום טייכעל.
No sooner had he disappeared than the monkey untied the bundle,	ניט גיכער (אַזוי באַלד ווי) ער איז פאַרשוואונדען האָט די מאַלפּע אויפ-געבונדען דעם פּעקעל,
ate the whole of the good things,	האָט אויפגעגעסען אין גאַנצען די גוטע זאַכען,
and then, wiping his hands on the beard of the goat,	און דאַן, אָפּווישענדיג די הענט אויף דער באָרד פון דער ציג,
sat down solemnly at the other side of the tree.	האָט זי זיך ערנסט (מיט אַן ערנסטער מינע) אַנידערגעזעצט אויף דער אַנ-דערער זייט פון בוים.
The Hindoo, having finished his bath,	דער אינדוס, האָבענדיג געענדיגט זיין באָד,
came, with a good appetite, to dine,	איז געקומען, מיט אַ גוטען אַפּעטיט, צו עסען,
but found his food all gone.	אַבער האָט געפונען זיין שפּייז אין גאַנ-צען אַוועק (פאַרשוואונדען).
On examination	אויף אונטערזוכונג (אונטערזוכענדיג)
he found every mark of guilt on the beard of the poor goat,	האָט ער געפונען אַלע צייכענס פון פאַר-ברעכען אויף דער באָרד פון דער אָרימער ציג,
which soon received the punishment	וועלכע האָט באַלד באַקומען די שטראָף,
due to her roguish companion.	וועלכע האָט געקומט איהר גנב'ישער חבר'טע.
In going through life	דורכגעהענדיג דאָס לעבען
we must beware of mischievous companions,	מוזען מיר זיך היטען פון שלעכטע חברים,
lest we should fare	מיר זאָלען ניט געהן (ד. ה. עס זאָל אונז ניט געהן)
as did the poor goat in this fable.	ווי עס איז געגאַנגען די אָרימע ציג (ווי עס איז געגאַנגען דער אָרימער ציג) אין דיזער פאַבעל.

די ווערטער.

ערנסט, מיט אן ערנסטער מינע — solemnly (סאָ'לעמלי)
אנדער — other (אָ'דהער)
זייט — side (סאַיד)
ענדיגען — to finish (פי'ניש)
באָד — bath (בעטה)
אפּעטיט — appetite (ע'פּיטאַיט)
אין גאַנצען — all (אָאָל)
געגאַנגען, אוועקגעגאַנגען, פאַרשוואונדען — gone (גאָן)
אונטערזוכונג — examination (עגזעמינעי'שאָן)
צייכען, סימן — mark (מארק)
שולד, פאַרברעכען — guilt (גילט)
באַקומען — to receive (ריסי'וו)
שטראָף — punishment (פּאָ'נישמענט)
וואָס קומט, צוגעהעריג — due (דיו)
גנבי'יש, שעלמיש — roguish (ראָו'גיש)
חבר, באַגלייטער — companion (קאָמפּע'ניאָן)
דורך — through (טהרו)
דאָס לעבען — life (לאַיף)
זיך היטען — to beware (ביווע'יר)
שלעכט, בייז — mischievous (מיס'טשיוואָס)
דאָס ניט; אין אַלטען ליבער שפּראַך זאָגט מען that not — lest (לעסט)
פאָהרען, געהן; אימעצן געהן: I fare well מיר געהט גוט; he fares ill עס געהט איהם שלעכט — fare (פעיר)
פאַבעל, משל — fable (פעיבל)

אן אינדוס (איינוואוינער פון אינדיען) — Hindoo (הינדו')
מאַלפּע, אָבעזיאַנע — monkey (מאָנ'קי)
ציג — goat (גאָוט)
דערפרישונג, דערקוויקונג — refreshment (ריפרעש'מענט)
וועג — way (ווער)
אָנקומען — to arrive (עראַי'וו)
טייכעל — pool (פול)
באַשליסען — to resolve (ריזאָ'לוו)
באָדען, זיך באָדען — to bathe (בעידה)
בינטעל, פּעקעל — bundle (באָנדל)
פּראָוויאַנט, שפּייז — provisions (פּראָווי'זשאָנז)
בינדען — to tie (טאַי)
חיה, טיר — animal (ע'נימעל)
בוים — tree (טרי)
גיכער — sooner (סו'נער)
באַלד, גיך — *soon (סון)
אזוי באַלד—ווי — no sooner—than
האָט געגעסען — ate (עיט)
עסען; פּאַרטיציפּ: (איטן) eaten — *to eat (איט)
גאַנץ — whole (האָול)
דאָס גאַנצע — the whole
פאַרשווינדען — to disappear (דיסעפּי'ר)
אויפבינדען — to untie (אָנטאַי')
ווישען, אָפּווישען — to wipe (וואַיפּ)
באָרד — beard (בירד)

נייע ווערטער.

לערנען, באַלעהרען — to teach (טיטש)
באַשטראָפען — to punish (פּאָ'ניש)

געשפּרעך.

What did the Hindoo take with him on his journey?

He took a monkey, a goat, and some provisions.

Where did he stop on the way?
He stopped at a pool.

What did he resolve to do there?
He resolved to bathe and eat.

What did he do with the animals?
He tied them to a tree.

What happened when he went down to the pool to bathe?
The monkey ate the whole food and wiped his hands on the beard of the goat.

What did the man do when he returned and found his food all gone?

He punished the goat for it.

Why did the goat receive the punishment?

Because she had on her beard the marks of guilt.

What does this fable teach us?

It teaches us to beware of bad companions.

no sooner—than... §107

מערקט דעם זאַץ: **no sooner had he disappeared than...** ניט גיכער איז ער פאַרשוואונדען װי...

no sooner — than דריקט אויס דאָס זעלביגע וואָס אין אידיש: "אַזוי באַלד װי," "װי נאָר," "נאָך ניט אויספּייעט," "קאָם." דער אויבען־שטעהענדער זאַץ מיינט אַלזאָ: אַזוי באַלד װי ער איז פאַרשוואונדען. מערקט פאָלגענדע בײַשפּילען:

No sooner had he arrived than he returned.	אַזוי באַלד װי ער איז אָנגעקומען איז ער אװעק צוריק.
No sooner had he spoken these words than he disappeared.	װי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט (נאָך ניט אויספּייעט אַרויסצורעדען) דיזע װערטער איז ער פאַרשוואונדען.
No sooner did she see him than she fell upon him.	אַזוי באַלד װי זי האָט (קאָם האָט זי) איהם דערזעהן איז זי אַרויפגעפאַלען אויף איהם.
No sooner said than done.	אַזוי באַלד װי געזאָגט — געטאָן (גע־טאָן אַזוי באַלד װי געזאָגט, געזאָגט און געטאָן).

"אַזוי באַלד װי" װערט געװעהנליך אויסגעדריקט מיט די װערטער: **as soon as**.

§108 אייגענשאַפטװאָרט אַלס הויפּטװאָרט.

מערקט דעם אויסדריק: **the whole** דאָס גאַנצע. דאָ װערט דאָס אייגענשאַפטװאָרט **whole** (גאַנץ) באַנוצט אַלס הויפּטװאָרט. אַזוי קענען אויך אַנדערע אייגענשאַפטװערטער באַנוצט װערען אַלס הויפּטװערטער: **the good** דאָס גוטע, **the best** דאָס בעסטע, **the worst** דאָס ערגסטע או. אז. װ.

§109 רעגעל פון געשלעכט.

אין דיזער לעקציאָן קומען פאָר צוויי נעמען פון חיות: monkey און goat. דער ערשטער ווערט באנוצט אַלס מענליך (his hands זיינע הענט), דער צווייטער אַלס ווייבליך (to her צו איהר). עס איז דאָ נעטיג אַ דער־קלערונג וועגען דעם געשלעכט (מין) פון הויפּטווערטער אין ענגליש.

אין ענגליש זיינען הויפּטווערטער פון דריי געשלעכטען: מענליך, ווייבליך, און טומטום (ניט זכר, ניט נקבה).

מענליך זיינען אין ענגליש הויפּטווערטער, וואָס באַצייכענען מענשען אָדער חיות פון מענליכען סאָרט, ווי: man (מען) אַ מאַן, boy (באָי) אַ אינגעל, ox (אָקס) אַן אָקס.

ווייבליך זיינען הויפּטווערטער, וואָס באַצייכענען מענשען אָדער חיות פון ווייבליכען סאָרט, ווי: woman (וואָ׳מען) אַ פרוי, girl (גוירל) אַ מיידעל, cow (קאַו) אַ קוה.

טומטום זיינען: 1) הויפּטווערטער, וואָס באַצייכענען ניט־לעבעדיגע זאַכען אָדער בלויז גלידער פון לעבעדיגע זאַכען, ווי: table (טעיבל) אַ טיש, book (בוק) אַ בוך, hand (הענד) אַ האַנט, head (העד) אַ קאָפּ; 2) הויפּטווערטער, וואָס באַצייכענען לעבעדיגע זאַכען, אָבער ווייזען ניט אָן דעם מין, ווי: child (טשאַילד) אַ קינד (ס׳ווייזט ניט, צי אַ אינגעל צי אַ מיידעל), animal (ע׳נימעל) אַ חיה (ווייזט ניט, צי אַ זכר צי אַ נקבה) או. אז. וו.

אַנמערקונג. נעמען פון אינסעקטען זיינען אימער טומטום; אַזוי אויך נעמען פון פויגלאַך, וועלכע ווייזען ניט אָן דעם מין. מאַנכע נעמען פון חיות, וועלכע ווייזען ניט אָן דעם מין, ווערען אָפט באנוצט אַלס מענליך, ווי dog (דאָג) אַ הונט, horse (האָרס) אַ פערד, monkey (מאָנ׳קי) אַ מאַלפּע און אַנדערע. goat ווערט אָפט באנוצט אַלס ווייבליך, ווען מען האָט אין זינען די נקבה.

אויסנאַהמעס פון דיזע כללים זיינען: ווערטער, וואָס באַצייכענען אַ שיף, ווי: ship (שיפּ), boat (באָוט), vessel (ועסל), און נעמען פון מדינות, ווי America (עמע׳ריקע), England (אינ׳גלענד), France (פרענס) זיינען ווייבליך. דאָס וואָרט moon (מון) די לבנה, איז ווייבליך (she), און sun (סאַן) די זון, איז מענליך (he).

אין פאַרבינדונג מיט טומטום־נעמען באנוצט מען it אַנשטאָט he אָדער she, און its אַנשטאָט his אָדער her.

§110 אויסשפּראַך פון בוכשטאַב X

x ווערט געוועהנליך אויסגעשפּראָכען קס; צ. ב.

א קעסטעל box (באָקס)	א האק axe (עקס)
אַנטשולדיגונג excuse (עקסקיו'ז)	אַן אַקס axle (עקסל)

צווישען צוויי וואָקאַלען, אָדער צווישען א וואָקאַל און h, ווערט x אויסגעשפּראָכען ווי גז; צ. ב.

אויסשעפּען exhaust (עגזהאָ'סט)	ביישפּיל example (עגזע'מפּל)
אַרויסווייזען exhibit (עגזהי'ביט)	גענוי, פּינקטליך exact (עגזע'קט)

אַנמערקונג. ווען x שטעהט צווישען צוויי וואָקאַלען און דער אַקצענט (דריק) איז אויף דער ערשטער זילבע, ווערט ער אויסגעשפּראָכען ווי "קס"; צ. ב. ex'ecute (ע'קסיקיוט) אויספיהרען, היגריכטען.

x אין אַנהויב וואָרט ווערט אויסגעשפּראָכען "ז"; צ. ב. Xerxes (זוי'רקסיז) קסערקסעס (א נאָמען), xyster (זי'סטער) א שאַב-מעסער (פאר דאָקטאָרשע אָפּעראַציעס).

Thirtieth Lesson—דרייסינסטע לעקציאָן

א לאַנגזאַמער גיפט.

In	former	times	physicians	in	Europe	advised	people
אין	פאָ'רמער	טאַימז	פיזי'שענז	אין	יו'ראָופּ	עדוואַי'זד	פּיפּל
אין	פריהערדיגע	צייטען	דאָקטוירים	אין	אייראָפּע	האָבען געראַטען	מענשען

not	to	drink	any	coffee,	saying	it	was	a	very
נאָט	טו	דרינק	ע'ני	קאָ'פי	סעי'אינג	איט	וואָז	עי	ווע'רי
ניט	צו	טרינקען	קיין	קאַווע	זאָגענדיג	עס	איז	א	זעהר

unwholsome,	dangerous	beverage	that	slowly	killed
אַנהאָול'סאָם	דעינ'דזשעראָס	בע'ווערעידזש	דהעט	סלאָו'לי	קילד
אומגעזונטער	געפעהרליכער	געטראַנק	וועלכער	לאַנגזאַם	הרג'עט

a	man.	One	day	a	doctor	paid	a	visit	to	the
עי	מען	וואָן	דעי	עי	דאָק'טאָר	פּעיד	עי	וויזיט	טו	דהי
א	מענשען	איין	טאָג	א	דאָקטאָר	ט'געצאָהלט (געמאַכט)	א	באַזוך	צו	דעם

celebrated	French	poet	Voltaire	and	found	him
סע'ליברעיטעד	פרענטש	פּאָו'עט	וואָלטעי'ר	ענד	פאַונד	הים
באַריהמטען	פראַנצויזישען	פּאָעט	—	און	האָט געפונען	איהם

drinking	a	cup	of	coffee.	"Don't	you	know,"	he
דרינ׳קינג	עי	קאפ	אוו	קא׳פי	דאו׳נט	יו	נאו	הי
טרינקענדיג	א	טאס	פון	קאווע	טוט ניט	איהר	ווייסען	ער

said,	"that	you	are	taking	slow	poison ?" —	"It
סעד	דהעט	יו	אר	טעי׳קינג	סלאו	פאיזן	איט
האט געזאגט	דאס	איהר	זייט	נעהמענדיג	לאנגזאמען	גיפט	עס

must	indeed	be	slow,"	replied	Voltaire,	"as
מאסט	אינדי׳ד	בי	סלאו	ריפלאי׳ד	וואלטעי׳ר	עז
מוז	ווירקליך	זיין	לאנגזאם	האט געענטפערט	—	ווייל

I	have	been	drinking	it	these	sixty	years."
אי	העוו	בין	דרינ׳קינג	איט	דהיז	סי׳קסטי	ייערז
איך	האב	געווען	טרינקענדיג	עס	דיזע	זעכציג	יאהרען
איך טרינק עס					שוין זעכציג יאהר		

פרייע איבערזעצונג.

אין פריהערדיגע צייטען האבען דאקטוירים אין איירא̈פּע געראטען ניט צו טרינקען קיין קאווע. זיי האבען געזאגט, אז קאווע איז אן אומגעזונטע, געפעהרליכע משקה, וועלכע טויטעט דעם מענשען בּיסלאכוויין. איינמאל איז א דאקטאר געקומען צו באזוך צו דעם בּאריהמטען פראנצויזישען דיכטער וואלטעיר און האט איהם געפונען טרינקענדיג א טאס קאווע. "ווייסט איהר ניט," האט ער געזאגט, "דאס איהר טרינקט לאנגזאמען גיפט?" — "דאס מוז ווירקליך זיין א לאנגזאמער גיפט," האט געענטפערט וואלטעיר, "ווארים איך טרינק איהם שוין זעכציג יאהר."

די פּראזעס און זאצען.

In former times	אין פריהערדיגע צייטען
physicians in Europe	דאקטוירים אין איירא̈פּע
advised people not to drink any coffee,	האבען געראטען מענשען ניט צו טרינ-קען קיין קאווע,
saying it was a very unwholesome, dangerous beverage	זאגענדיג, דאס עס איז א זעהר אומ-געזונטער, געפעהרליכער געטראנק,
that slowly killed a man.	וועלכער טויטעט לאנגזאם א מענשען.
One day a doctor paid a visit	איין טאג האט א דאקטאר געמאכט א באזוך
to the celebrated French poet Voltaire	דעם באריהמטען פראנצויזישען דיכ-טער וואלטעיר
and found him drinking a cup of coffee.	און האט איהם געפונען טרינקענדיג א טאס קאווע.
"Don't you know," he said,	„ווייסט איהר ניט," האט ער געזאגט,
"that you are taking slow poison ?"—	„דאס איהר נעהמט איין לאנגזאמען גיפט?" —
"It must indeed be slow," replied Voltaire,	„עס מוז ווירקליך זיין לאנגזאם," האט געענטפערט וואלטעיר,
"as I have been drinking it these sixty years."	„ווארים איך טרינק עס דיזע זעכציג יאהר (שוין זעכציג יאהר)."

די ווערטער.

- לאנגזאם, ביס-לאכווייז **slowly** (סלאָו'לי)
- לאנגזאם (אייגענשאפט-וואָרט) ***slow** (סלאָו)
- טויטען, הרג'ענען **to kill** (קיל)
- צאָהלען **to pay** (פּעי)
- אפּשטאטען א וויזיט, מאכען א באזוך **to pay a visit**
- פּאָעט, דיכטער **poet** (פּאָו'עט)
- טאָם, שאָל **cup** (קאָפּ)
- גיפט, סם **poison** (פּאָיזן)
- ווירקליך, באמת, טאקע **indeed** (אינדי'ד)
- פריהערדיג, אמאָליג **former** (פּאָר'מער)
- ראטען, געבען אַן עצה **to advise** (עדוואַי'ז)
- קאווע **coffee** (קאָ'פי)
- אומגעזונט **unwholesome** (אָנהאָו'לסאָם)
- געזונט ***wholesome** (האָו'לסאָם)
- געפעהרליך **dangerous** (דעי'נדזשעראָס)
- געטראנק, משקה **beverage** (בע'ווערעדזש)

געשפּרעך.

What did a doctor ask Voltaire whom he found drinking it ?

He asked him whether he did not know that he was taking slow poison.

What did Valtaire say ?

He said it must indeed be slow, as he had been drinking it sixty years.

Why did the physicians advise not to drink any coffee ?

Because they believed it to be unwholesome.

Did they believe it to be very dangerous ?

Yes ; they thought that this beverage slowly killed a man.

§111 this, these אין פארבינדונג מיט צייט.

מערקט די פראזע: these sixty years דיזע זעכציג יאהרען. these, this האבען אין פארבינדונג מיט א משך פון צייט די באדייטונג „שוין" אדער „זייט." די געגעבענע פראזע באדייט אלזא: שוין זעכציג יאהר, זייט זעכציג יאהר. מערקט נאך פאלגענדע ביישפּילען:

איך קען איהם שוין (זייט) א לאנגע צייט.	**I have known him this long time.**
ער וואוינט היר שוין (זייט) צעהן יאהר.	**He has lived here these ten years.**

§112 אויסשפּראך פון צוזאמענגעזעצטע וואקאלען.

au, aw ווערען געלייענט ווי אָ: laud — לאָד (לויבען), applaud — עפּלאָד (אפּלאָדירען), straw — סטראָ (שטרוי), law — לאָ (געזעץ).

ai, ay ווי עי: brain—ברעין (מארך), day—דעי (טאָג).

ea מעהרסטענס ווי "אי", אין אייניגע ווערטער ווי "ע": heat—היט (היץ), lead—ליד (פיהרען); head—העד (קאפ), lead—לעד (בליי).

eau ווי "יו" און "אָו": beauty—ביו'טי (שענקייט), beautiful—ביו'טיפול (שען); bureau—ביו'ראָו (אַ ביורע; אַ קאנטאָר).

ee ווי "אי": feed—פיד (שפייזען), feet—פיט (פים).

eu, ew ווי "יו": feud—פיוד (אַ קריג), few—פיו (ווייניג), new—ניו (ניי).

ou מעהרסטענס ווי "אַו", אין אייניגע ווערטער ווי "אָו", אויך ווי "אַ"; loud—לאַוד (הויך, אויפ'ן קול), mould—מאָולד (שימעל), country—קאַ'נטרי (געגענד, מדינה). אין דעם וואָרט you ווי "או" (יו).

אַנמערקונג. אין דער ענדונג ous פון אייגענשאַפטווערטער ווערט ou תמיד געלייענט "אַ", ווי צ. ב. אין: pious — פּאַי'אַס (פרום), dangerous—דעינ'דזשעראַס (געפעהרליך).

ow מעהרסטענס ווי "אָו", אין אייניגע ווערטער ווי "אַו": low—לאָו (נידעריג), show—שאָו (ווייזען), throw—טהראָו (ווארפען); bow—באַו (זיך בייגען; אַ פיילענבויגען), now—נאַו (יעצט).

Thirty-first Lesson—איין־און־דרייסיגסטע לעקציאָן

דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען.

A	lawyer,	in	the	course	of	a	cross-examination,
עי	לאָא'יער	אין	דהי	קאָורס	אָוו	עי	קראָס עגזעמינעי'שאָן
אַ	אַדוואָקאַט	אין	דעם	פאַרלויף	פון	אַ	קרייץ־פאַרהער
							אויספרעגונג

had	compelled	the	doctor	in	the	witness-box	to
העד	קאָמפּעל'ד	דהי	דאָק'טאָר	אין	דהי	וויטנעס באָקס	טו
ט'געהאַט	געצוואונגען	דעם	דאָקטאָר	אין	דעם	עדות זיצאָרט	צו
						אויפ'ן עדות־באַנק	

admit	that	he	had	made	a	mistake	upon	an
עדמי'ט	דהעט	הי	העד	מעיד	עי	מיסטעי'ק	אַפּאָ'ן	ען
צוגעבען	דאָס	ער	ט'געהאַט	געמאַכט	אַ	טעות	אויף, אין	אַ

unimportant point. Casting a cunning glance at the
דהי עט גלענס קא'נינג עי קע'סטינג פאינט אנאימפא'רטענט
די אויף בליק כיטרען א ווארפענדיג פונקט ניט־וויכטיגען

jury he said sarcastically: "Doctors' mistakes are sometimes
סאמ'טאימז אר מיסטעי'קס דא'קטארז סארקע'סטיקעלי סעד הי דזשו'רי
מאנכמאל ווערען טעות'ן דאקטוירים'ס סארקאסטיש, בייסענד האט ער גע־
געזאגט שווארענע

buried six feet under ground." — "And lawyers'
לאא'יערז ענד גרא'ונד א'נדער פיט סיקס בויר'איד
אדוואקאטענ'ס און דער ערד אונטער פוס זעקס באגראבען

mistakes," promptly answered the witness, "are
אר וויט'נעס דהי ענ'סערד פרא'מטלי מיסטעי'קס
ווערען עדות דער האט געענטפערט שנעל, באלד טעות'ן

often hung six feet above it."
איט עבא'וו פיט סיקס האנג אפן
איהר איבער פוס זעקס אויפגעהאנגען אפט
איבער דער ערד

שפריכווערטער.

A good lawyer — a bad neighbor.
נעי'באר בעד עי לאא'יער גוד עי
שכן שלעכטער א אדוואקאט גוטער א

Far from court — far from care.
קעיר פראם פאר קאורט פראם פאר
זארג פון וויט געריכט פון וויט

פרייע איבערזעצונג.

אן אדוואקאט, וועלכער האט אין א קרייז־פארהער געצוואונגען דעם דאס־טאר, וואס האט אויפגעטראטען אלס עדות, צוצוגעבען, דאס ער האט געמאכט א טעות אין עפעס א קלייניגקייט, האט געזאגט מיט א שטאך, ווארפענדיג א כיטרען בליק אויף די דזשורי: „די טעות'ן פון דאקטוירים ווערען מאנכמאל באגראבען זעקס פוס אונטער דער ערד." — „און די טעות'ן פון אדוואקאטען," האט באלד געענטפערט דער עדות, „ווערען אפט אויפגעהאנגען זעקס פוס איבער דער ערד."

א גוטער אדוואקאט — א שלעכטער שכן.
וויים פון געריכט — וויים פון זארג.

די פּראָזעס און זאַצען.

A lawyer who	אַן אַדוואָקאַט, וועלכער
in course of a cross-examination,	אין דעם פאַרלויף פון אַ קרייץ־פאַרהער (אויספרעגונג)
had compelled the doctor in the witness-box	האָט געצוואונגען דעם דאָקטאָר אויף'ן עדות־באַנק
to admit that he had made a mistake	צוצוגעבען, דאָס ער האָט געהאַט געמאַכט אַ טעות
upon an unimportant point,	אין אַ ניט־וויכטיגען פונקט,
Casting a cunning glance at the jury	וואַרפענדיג אַ כיטרען בליק אויף די דזשורי (געשוואָרענע),
he said sarcastically :	האָט ער געזאָגט סאַרקאַסטיש (בייסענד):
"Doctors' mistakes are sometimes buried six feet under ground."	„טעות'ן פון דאָקטוירים ווערען מאַנכמאָל באַגראָבען זעקס פוס אונטער דער ערד."
"And lawyers' mistakes," promptly answered the witness,	„און טעות'ן פון אַדוואָקאַטען," האָט באַלד געענטפערט דער עדות,
"are often hung six feet above it."	„ווערען אָפט אויפגעהאַנגען זעקס פוס איבער איהר (איבער דער ערד).

די ווערטער.

lawyer (לאָ'יער)	אַדוואָקאַט
course (קאָורס)	לויף, גאַנג
in course of	אין פאַרלויף, וועהרענד
cross-examination (קראָס-עגזעמי־נעי'שאָן)	קרייץ-פאַרהער, אויס־פרעגונג
to compel (קאָמפּע'ל)	צווינגען
witness (ווי'טנעס)	עדות
witness-box (ווי'טנעס-באָקס)	עדות־באַנק
to admit (עדמי'ט)	צוגעבען
mistake (מיסטעי'ק)	טעות
unimportant (אַנאימפּאָר'טענט)	ניט־וויכטיג
*important (אימפּאָר'טענט)	וויכטיג
point (פּאָינט)	פונקט

sarcastically (סאַרקעסטיקעלי)	סאַר־קאַסטיש, בייסענד
cunning (קאַ'נינג)	כיטרע, ליסטיג
look (לוק)	קוק, בליק
jury (דזשו'רי)	דזשורי, געשוואָרענע
sometimes (סאַ'מטאַימז)	מאַנכמאָל, אַמאָל
to bury (בוירי'אי)	באַגראָבען
feet (פיט)	פוס
six feet	זעקס פוס
under (אַ'נדער)	אונטער
ground (גראַ'ונד)	באָדען, ערד
promptly (פּראָ'מפּלי)	שנעל, באַלד
often (אָפן)	אָפט
above (עבאָ'וו)	איבער
care (קעיר)	זאָרג, דאגה
court (קאָורט)	געריכט, געריכט-הויז

געשפרעך.

What did the doctor in the witness-box admit on cross-examination ?

He admitted that he had made a mistake.

Was it an important mistake ?

No, it was an unimportant one.

What did the lawyer say about it ?

He said : "Doctors' mistakes are sometimes buried six feet under ground."

At whom did the lawyer look when he said it ?

He looked at the jury.

What was the doctor's answer ?

His answer was that lawyers' mistakes were often hung six feet above the ground.

§113 די צוזעצלאך

דער צייכען ' צום סוף פון די ווערטער doctors', lawyers' באדייט: וועמעס: די דאקטוירים'ס, די אדוואקאטענ'ס.

אין איינצאהל ווערט אין אזא פאל צוגעזעצט s', נעמליך: the doctor's דעם דאקטאר'ס, the lawyer's דעם אדוואקאט'ס.

ווען די מעהרצאהל איז אומרעגעלמעסיג, ווי men, women, children, ווערט צוגעזעצט s', ווי אין איינצאהל: the man's דעם מאנ'ס, the men's די מענער'ס; the woman's דער פרוי'ס, the women's די פרויען'ס; the child's דעם קינד'ס, the children's די קינדער'ס.

§114 אויסשפראך פון c און g

c און g האבען צו צוויי קלאנגען: c ווי "ס" און "ק" — g ווי "דזש" און "ג".

c ווערט געלייענט ווי "ס" פאר די וואקאלען e, i, y; צ. ב.

cell (סעל)	קעמערל	cider (סאי'דער)	עפעלקוואס
cigar (סיגא'ר)	ציגאר	cymbal (סימ'בעל)	צימבעל

אין אלע אנדערע פאלען — ווי "ק":

cat (קעט)	קאץ	clap (קלעפ)	קלאפען, פאטשען
coat (קאוט)	ראק	zinc (זינק)	צינק (א מעטאל)
cut (קאט)	שניידען	black (בלעק)	שווארץ

g ווערט געלייענט ווי "דזש" פאר e, i, y, ווען דיזע געהערען מיט איהם צו איין זילבע; צ. ב.

gem (דזשעם)	עדעלשטיין	cler-gy (קלויר'דזשי)	גייסטליכע
large (לארדזש)	גרויס	stin-gy (סטינ'דזשי)	קארג
gin (דזשין)	יאלאוועץ-שנאפס	en-gine (ענ'דזשין)	מאשין

אויסנאהמען פון דיזער רעגעל זיינען: get (געט) קריגען, give (גיוו) געבען, און אייניגע אנדערע.

g ווערט אימער געלייענט ווי "ג" —

1) פאר די וואקאלען a, o, u, פאר קאנסאנאנטען, און צו ענדע פון א ווארט ; צ. ב.

גליטשען	glide (גלאיד)	שפיל	game (געים)
מאהלען	grind (גראינד)	גאלד	gold (גאולד)
זאק	bag (בעג)	געקראגען	got (גאט)
לאנג	long (לאנג)	קישקע	gut (גאט)

2) ווען ער קומט פאר e, i, y, וועלכע געהערען צו אן ענדונג ; צ. ב.

שפרינגענדיג, עלאסטיש	spring-y (ספרינג'אי)	לענגער	long-er (לאנג'ער)
עלאס־טישקייט	spring-iness (ספרינג'אינעס)	שטעכענדיג	sting-ing (סטינג'אינג)

אנמערקונג. ווען א ווארט ענדיגט זיך מיט ge (דזש), ווערט דער e פאר די ענדונגען er, ing אראפגעווארפען. אין אזא פאל באהאלט דער g דעם קלאנג "דזש" ; צ. ב. manage (מע'נעדזש) פארוואלטען, manager— (מע'נעדזשער), managing (מע'נעדזשינג).

§115 אויסשפראך פון טאפעל-g (gg) פאר e, i, y

צוויי g'ען (gg) פאר e, i, y ווערען געלייענט "דזש," ווען זיי געהערען מיט דיזע וואקאלען צום שורש, און "ג," ווען דיזע וואקאלען געהערען צו אן ענדונג;ביישפילען :

גרעסער (פון big, ענדונג er)	bigg-er (ביג'גער)	פאר־גרעסערן, מגזם זיין	ex-agger-ate (עגזע'דזשערעיט)
הינטעל (פון dog, ענדונג ie)	dogg-ie (דאג'גי)	איינגעבען ; אנדייטען	sug-gest (סאדזשע'סט)

Thirty-second Lesson—צוויי־און־דרייסיגסטע לעקציאָן

א גלייכער שדוך.

Dr.	Samuel	Johnson,	the	eminent	English	scholar,
דאק'טאר	סע'מיועל	דזשאנ'סאן	דהי	ע'מינענט	אינ'גליש	סקא'לער
דאקטאר	—	—	דער	הויבער, גרויסער	ענגלישער	געלעהרטער

in	proposing	to	the	lady	whom	he	afterwards
אין	פראופאו'זינג	טו	דהי	לע'ידי	הום	הי	עפ'טערוואורדז
אין	פארלעגען הייראט	צו	דער	דאמע	וועלכע	ער	דערנאך, שפעטער

married,	told	her	himself	that	he	was	of	mean
מע'ריד	טאולד	הויר	הימסע'לף	דהעט	הי	וואז	אוו	מין
ט'נעהייראט	האט געזאגט	איהר	זעלבסט	דאס	ער	איז געווען	פון	געמיינער

descent,	had	no	money,	and	had	had	an	uncle
דיסע'נט	העד	נאו	מא'ני	ענד	העד	העד	ען	אנקל
אפשטאמונג	האט געהאט	קיין	געלט	און	האט געהאט		א	פעטער

who	was	hanged.	To	this	the	lady	replied	that
הו	וואז	הענגד	טו	דהיס	דהי	לע'ידי	ריפלאי'יד	דהעט
וועלכער	ז'געווארן	געהאנגען	צו, אויף	דעם	די	דאמע	האט געענטפערט	דאס

her	birth	was	as	low	as	his,	that	she	was	equally
הויר	בוירטה	וואז	עז	לאו	עז	היז	דהעט	שי	וואז	איקוועלי
איהר	געבורט	ז'געוועז	אזוי	נידעריג	ווי	זיינע	דאס	זי	ז'געוועז	גלייך (ווי ער)

without	money,	and	that	if	she	had	never	had	an
ווידהא'וט	מא'ני	ענד	דהעט	איף	שי	העד	נע'ווער	העד	ען
אהן	געלט	און	דאס	אויב	זי	האט קיינמאל ניט געהאט			א

uncle	who	was	hanged,	she	had	many	relations
אנקל	הו	וואז	הענגד	שי	העד	מע'ני	רילע'י'שאנז
פעטער	וועלכער	איז געווארען	געהאנגען	זי	האט געהאט	פילע	קרובים

who	deserved	hanging.
הו	דיזוי'רווד	הענ'גינג
וועלכע	האבען פארדינט	הענגען

שפריכווארט.

Birth	is	much,	but	breeding	more.
בוירטה	איז	מאטש	באט	ברי'דינג	מאור
געבורט	איז	פיל	אבער	דערציהונג	(איז) מעהר

פרייע איבערזעצונג.

דער באַריהמטער ענגלישער געלעהרטער, דר. סעמיועל דזשאָהנסאָן, האָט שרכ'ענענדיג זיך צו דער דאַמע, וועלכע ער האָט שפּעטער געהייראַט, איהר געזאָגט אָפען, דאָס ער שטאַמט פון אַ געמיינער משפּחה, איז אַן אָרעמאַן, און האָט געהאַט אַ פּעטער, וועלכער איז געהאַנגען געוואָרען. אויף דעם האָט איהם די דאַמע געענטפערט, דאָס איהר יחוס איז אַזוי קליין ווי זיינער, זי איז אַזוי אָרעם ווי ער, און ווען זי האָט ניט קיין געהאַנגענעם פּעטער, האָט זי אָבער קרובים, וואָס פאַרדינען מען זאָל זיי הענגען.

יחוס איז פיל, אָבער גוטע דערציהונג איז מעהר ווי יחוס.

די פּראָזעס און זאַצען.

Dr. Samuel Johnson, the eminent English scholar,	דר. סעמיועל דזשאָהנסאָן, דער גרויסער ענגלישער געלעהרטער,
in proposing to the lady whom he afterwards married,	פּאָרלעגענדיג הייראַט צו דער דאַמע, מיט וועלכער ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט,
told her himself	האָט איהר געזאָגט אַליין
that he was of mean descent,	דאָס ער איז געווען פון געמיינער אָפּ־שטאַמונג,
had no money	האָט ניט געהאַט קיין געלט,
and had had an uncle who was hanged.	און האָט געהאַט אַ פּעטער, וועלכער איז געהאַנגען געוואָרען.
To this the lady replied	אויף דעם האָט איהם די דאַמע געענט־פּערט,
that her birth was as low as his,	דאָס איהר געבורט (אָפּשטאַמונג) איז געווען אַזוי נידעריג ווי זיינע,
that she was equally without money,	דאָס זי איז געווען גלייך (ווי ער) אָהן געלט,
and that if she had never had an uncle who was hanged,	און אויב זי האָט ניט געהאַט קיין פּע־טער, וואָס איז געהאַנגען געוואָרען,
she had many relations who deserved hanging.	האָט זי געהאַט פילע קרובים, וועלכע האָבען פאַרדינט (מען זאָל זיי הענגען.

די ווערטער.

דערנאָך, שפּעטער	**afterwards** (עפ'טערוואָרדז)	הויך, גרויס	**eminent** (ע'מינענט)
געמיין, נידעריג	**mean** (מין)	געלעהרטער	**scholar** (סקאָ'לער)
אָפּשטאַמונג	**descent** (דיסע'נט)	פּאָרלעגען, פאַרשלאָגען ; פּאָרלעגען הייראַט	**to propose** (פּראָופּאָ'ז)

א קרוב, א קרובה	relation (רילעי'שאָן)
פאַרדינען	to deserve (דיזוי'רוו)
דערציהונג, גוטע האָדעוואַניע, בילדונג	breeding (ברי'דינג)
פעטער	uncle (אַנקל)
געבורט, אָפּשטאַמונג	birth (בוירטה)
נידעריג	low (לאָו)
גלייך, אויף דעם זעלבינען אופן	equally (אי'קוועלי)
אָהן	without (ווידהאַ'וט)

געשפּרעך.

Who was Dr. Samuel Johnson ?

He was an eminent English scholar.

What did he tell the lady to whom he proposed ?

He told her that he was of low birth, was poor, and had had an uncle who was hanged.

What did the lady reply ?

She replied that her descent was as mean as his, she was equally poor, and had many relations who deserved to be hanged.

So she agreed to marry him ?

She did.

§116 די שטומע קאָנסאָנאַנטען.

איינינע קאָנסאָנאַנטען זיינען שטום, ד. ה. זיי ווערען ניט אויסגעשפּראָ־כען, ווען זיי געפינען זיך אין געוויסע שטעלונגען. דיזע זיינען: k, h, g, b, t, n, gh, l.

b איז שטום נאָך m און פאַר t; צ. ב.

א חוב	debt (דעט)
א ספק	doubt (דאַוט)
שטום	dumb (דאַם)
א לאַם	lamb (לעם)

h איז שטום אין פאָלגענדע ווערטער:

עהרליך	honest (אָ'נעסט)
א יורש	heir (עיר)
א שטונדע, שעה	hour (אור)
עהרע, כבוד	honor (אָ'נאָר)

k, g זיינען שטום פאַר n, מיט וועלכען זיי געהערען צו איין זילבע; צ. ב.

קני	knee (ני)
וויסען	know (נאָו)
צייכען	sign (סאַין)
גריזשען	gnaw (נאָא)

l איז שטום צווישען f—a, k—a, m—a און k—o; צ. ב.

שטיל	calm (קאָם)
לייט	folk (פאָוק)
קאַלב	calf (קאַף)
רעדען	talk (טאָאק)

n איז שטום נאָך m אין איין זילבע:

הימנע, פּזמון	hymn (הים)
הערבסט	autumn (אָא'טאָם)

איז gh שטום אימער נאָך i און אין מעהרערע ווערטער נאָך ou, au; צום ביישפּיל:

טייג	dough (דאָו)	הויך	high (האַי)
הגם, כאָטש	though (דהאָו)	נאַכט	night (נאַיט)
גאָרנישט	naught (נאָאַט)	גלייך	straight (סטרעיט)

t איז שטום צווישען f—en, s—l, s—en; צ. ב.

דאָרן	thistle (טהיסל)	אָפט	often (אָפ'ן)
איילען	hasten (העיסן)	ווייך מאַכען	soften (סאָפ'ן)
באַפעסטיגען	fasten (פעסן)	פייפען	whistle (הוויסל)

w איז שטום: 1) אין די ווערטער answer (ע'נסער) ענטפער, sword (סאָורד) שווערד, who (הו) ווער (אַזוי אויך אין whose, whom), whole (האָול) גאַנץ, wholly (האָול'לי) אין גאַנצען.

2) אימער פאַר r; צ. ב.

שרייבען	write (ראַיט)	איינוויקלען	wrap (רעפּ)
אומרעכט	wrong (ראָנג)	רואינע	wreck (רעק)

Thirty-third Lesson—דריי־און־דרייסיגסטע לעקציאָן

##ביידע האָבען דעם זעלביגען טעות.

The	following	story	is	told	of	William	Thackeray,
דהי	פאָל'לאָואינג	סטאָו'רי	איז	טאָולד	אָוו	וויל'יעם	טהעיקערעי
די	פאָלגענדע	געשיכטע	ווערט	דער־צעהלט	פון	—	—

the	great	English	novelist	and	critic.
דהי	גרעיט	אינ'גליש	נאָ'וועליסט	ענד	קרי'טיק
דעם	גרויסען	ענגלישען	שרייבער פון דער־צעהלונגען	און	קריטיקער

During	a	visit	to	Rome	Thackeray	stayed	out
דיו'רינג	עי	וויי'זיט	טו	ראָום	טהעי'קערעי	סטעיד	אַוט
וועהרענד	אַ	באַזוך	צו, אין	רוים	—	איז געבליבען	אויס

rather	late	one	evening	among	the	ruins	of	the
ראַ'דהער	לעיט	וואַן	איוו'נינג	עמאָ'נג	דהי	רו'אינז	אָוו	דהי
עטוואָס	שפּעט	איין	אָווענט	צווישען	די	רואינען	פון	דער

ancient	city.	On	returning	to	his	hotel	he	was
עי'נשענט	סי'טי	אָן	ריטויר'נינג	טו	היז	האָטעל'	הי	וואָז
אַלטער	שטאָט	אויף, ביים	צוריקקעהרען זיך	צו	זיין	האָטעל	ער	ז'געוואָרען

met	by	a	man	whom	he	took	to	be	a	robber.
מעט	באי	עי	מען	הום	הי	טוק	טו	בי	עי	ראָ'בער
באגעגנט	פון	א	מאן	וועלכען	ער	ט'גענומען	צו	זיין	א	רויבער
						האט אנגענומען פאר				

Thackeray	shouted	at	him	and	gesticulated	so
טהע'קערעי	שא'וטעד	עט	הים	ענד	דזשעסטי'קיולעיטעד	סאו
—	האט געשריען	אויף	איהם	און	ט'געמאכט הויות	אזוי

fiercely	that	to	the	astonishment	of	the	novelist	the
פירס'לי	דהעט	טו	דהי	עסטאָ'נישמענט	אוו	דהי	נאָ'וועליסט	דהי
מורא'דיג	דאס	צו	דער	איבערראשונג	פון	דעם	נאוועלען־שרייבער	דער

man	handed	him	his	watch	and	made	off	as	fast
מען	העג'דעד	הים	היז	וואטש	ענד	מעיד	אָף	עז	פעסט
מאן	האט איבערגע־געבען	איהם	זיין	זייגערל	און	ט'געמאכט	אוועק	אזוי	גיך
						איז אוועקגעלאָפען			

as	he	could.	They	had	each	mistaken	the	other
עז	הי	קוד	דהעי	העד	איטש	מיסטעי'קן	דהי	אַ'דהער
ווי	ער	האט געקענט	זיי	האבען געהאט	יעדערער	פאלש אנגענומען	דעם	אנדערן

for	a	highwayman.
פאָר	עי	האי'וועימען
פאר	א	גאסענרויבער

פרייע איבערזעצונג.

פאלגענדע געשיכטע ווערט דערצעהלט פון וויליאם טהעקערעי, דעם גרויסען ענגלישען נאוועלען־שרייבער און קריטיקער.

בשעת ער איז געווען אויף א באזוך אין רוים איז טהעקערעי איין אווענט פארבליבען שפעט צווישען די חורבות פון דער אלטער שטאט, וועלכע ער האט באקוקט. צוריקקעהרענדיג זיך צו זיין האטעל, האט ער אנגעטראפען א מאן, וועלכען ער האט אנגענומען פאר א רויבער. טהעקערעי האט געמאכט אזעלכע ווילדע געשרייען און הויות, דאס צו זיין איבערראשונג האט דער מאן איהם דערלאנגט זיין זייגערל און איז אוועקגעלאפען אזוי שנעל ווי ער האט געקענט. זיי האבען איינער דעם אנדערן אנגענומען פאר א גאסענרויבער!

די פראזעס און זאצען.

The following story is told of William Thackeray,	די פאלגענדע געשיכטע ווערט דער־צעהלט פון וויליאם טהעקערעי,
the great English novelist and critic.	דעם גרויסען ענגלישען נאוועלען־שריי־בער און קריטיקער.
During a visit to Rome	אין דער צייט פון א באזוך אין רוים
Thackeray stayed out rather late one evening	איז טהעקערעי אויסגעבליבען שפעטליך איין אווענט
among the ruins of the ancient city.	צווישען די רואינעס (חורבות) פון דער אלטער שטאט.
On returning to his hotel	צוריקקעהרענדיג זיך צו זיין האטעל

he was met by a man	איז ער אָנגעטראָפען (באגעגענט) געוואָרען פון א מענשען,
whom he took to be a robber.	וועלכען ער האָט אָנגענומען פאר א רויבער.
Thackeray shouted at him and gesticulated so fiercely	טהעקערעי האָט געשריען אויף איהם און האָט געמאַכט הויות אַזוי ווילד,
that to the astonishment of the novelist	דאָס צו דער איבערראַשונג פון דעם נאָוועלען־שרייבער
the man handed him his watch	האָט דער מאַן דערלאַנגט איהם זיין זייגערל
and made off as fast as he could.	און איז אַוועקגעלאָפען אזוי שנעל ווי ער האָט געקענט.
They had mistaken each other for a highwayman.	זיי האָבען פאַלש אָנגענומען איינער דעם אנדערן פאר א גאַסענרויבער.

די ווערטער.

fiercely (פי׳רסלי) ווילד, שרעקליך

astonishment (עסטאָ׳נישמענט) פאַר־וואונדערונג, איבערראַשונג

to hand (הענד) איבערגעבען, דער־לאַנגען

to make off זיך אַוועקמאַכען, אַוועק־לויפען

fast (פעסט) גיך, שנעל

mistaken (מיסטעי׳קן) פאַלש אָנגע־נומען

to mistake (מיסטעי׳ק) פאַלש אָנ־נעהמען, האָבען א טעות

each (איטש) יעדער

each other איינער דעם אנדערן

highwayman (האַי׳וועימען) גאַסענ־רויבער

story (סטאָ׳רי) געשיכטע, מעשה

critic (קרי׳טיק) קריטיקער

to stay (סטעי) בלייבען

late (לעיט) שפעט

rather late שפעטליך

ruin (רו׳אין) רואינע, חורבה

ancient (עי׳נשענט) אַלט, פאַרצייטיג

met (מעט) באַגעגענט, אָנגעטראָפען

*to meet (מיט) באַגעגענען, אָנטרעפען

to take (טעיק) נעהמען

to take one to be... נעהמען איינעם צו זיין, ד. ה. אָננעהמען איינעם פאַר...

robber (ראָ׳בער) רויבער, גנב

to shout (שאַוט) שרייען

to gesticulate (דזשעסטי׳קיולעיט) מאַכען הויות, מאַכען תנועות

געשפרעך.

Of whom is this story told ?

It is told of Thackeray.

Who was he ?

He was a great novelist and critic.

What happened to him during his visit to Rome when he returned late one evening to his hotel ?

He met a person whom he took to be a highwayman.

What did Thackeray do ?

He shouted and gesticulated so fiercely that the man gave him his watch and ran away.

Why did the man do so ?

Because he had mistaken Thackeray for a highwayman.

So they had each mistaken the other for a robber ?

Yes, they had.

one another, each other — „איינער דעם אנדערן“ §117

מערקט די ווערטער each—other אין דעם זאַץ: they had each mistaken the other... זיי האָבן פאַלש אָנגענומען איינער דעם אנדערן...

„איינער דעם אנדערן“ ווערט אין ענגליש אויסגעדריקט דורך each other און one another. די ערשטע אַרט ווערט באַנוצט, ווען עס רעדט זיך פון צוויי פּערזאָנען אָדער זאַכען; די צווייטע—פון מעהר ווי צוויי, צ. ב. ווען מען רעדט פון צוויי פּערזאָנען, וואָס ליבען זיך, זאָגט מען: they love each other זיי ליבען איינע די אַנדערע, אָדער איינער דעם אנדערן; ווען מען רעדט פון מעהר ווי צוויי, זאָגט מען: they love one another. ווען מען וויל זאָגען וועגען צוויי פּערזאָנען: „זיי הרג'ענען זיך,“ זאָגט מען: they kill each other; ווען מען רעדט פון מעהר ווי צוויי, זאָגט מען: they kill one another או. אז. וו.

either, every, each — „יעדער“ §118

each מיינט אייגענטליך: יעדער. פאַר „יעדער“ איז דאָ נאָך אַ וואָרט: every, וועלכעס איז שוין מעהרערע מאָל פאָרגעקומען אין די פריהערדיגע לעקציאָנען. אין דיזען זין ווערט each באַנוצט ווען עס רעדט זיך פון אַ באַשטימטער צאָהל פון פּערזאָנען אָדער זאַכען, ווי צ. ב. each day of the week יעדער טאָג פון וואָך; the first day of each month דער ערשטער טאָג פון יעדען חודש; each house has nine rooms יעדעס הויז (פון אַ באַשטימטער צאָהל הייזער) האָט ניין צימערן.

every ווערט באַנוצט, ווען עס רעדט זיך פון אַן אומבאַשטימטער צאָהל פּערזאָנען אָדער זאַכען, עס מיינט „יעדער“ אָהן אַ גרענעץ; צ. ב. every man can do it יעדער מענש (עס מאַכט ניט אויס ווער) קאָן עס טאָן; every house must have windows יעטווידער הויז (עס מאַכט ניט אויס וועלכעס) מוז האָבען פענסטער; every man in the city יעדער מענש אין שטאָט או. אז. וו.

either באַדייט: יעדער פון צוויי; צ. ב.

There are trees on either side of the river.	עס זיינען דאָ בוימער אויף יעדער זייט פון טייך.
Here are two books ; you may take either.	היר זיינען צוויי ביכער, איהר קענט נעה־מען יעדען (וועלכען איהר ווילט)

די פארניינונג פון either איז neither (קיינער פון ביידע) ; צ. ב.

Will you have water or wine? | ווילט איהר האבען וואסער אדער וויין?
— Neither, thank you. | — קיינעם, דאנק אייך.

Thirty-fourth Lesson—פיר־און־דרייסיגסטע לעקציאן

דער לעבעדיגער נול.

Henri Mondeux, a simple shepherd born in
אין בארן שעפ'הוירד סימפל עי מאנדע' אנ'רי
אין נעבארן פאסטוך איינפאכער א — —

Macon, France, who had never received any instruction,
אינסטראק'שאן ע'ני ריסי'ווד נע'ווער העד הו פרענס מאקא'ן
לעהרע וועלכע ס'איז געקראגען קיינמאל ט'געהאט וועלכער פראנקרייך —

astonished the greatest mathematicians with his
היז ווידה מעטהימעטי'שענז גרעי'טעסט דהי עסטא'נישד
זיין מיט מאטעמאטיקער גרעסטע די האט איבערראשט

genius for arithmetic. But this child of nature was
וואז נעי'טשור אוו טשאילד דהיס באט עריטמה'מיטיק פאר דזשיי'ניאס
איז געוועזן נאטור פון קינד דיזעס אבער אריפמעטיקע פאר געבארענע פעהיגקייט

not only a wonderful reckoner, he was also a
עי אאל'סאו וואז הי רע'קנער וואנ'דערפול עי אונ'לי נאט
א אויך איז געוועזן ער רעכענער, בעל־חשבון וואונדערבארער א נאר ניט

man of ready wit. At one of his exhibitions a
עי עגזהיבי'שאנז היז אוו וואן עט וויט רע'די אוו מען
א עפענטליכע פארטראגען זיינע פון איינעם ביי וויץ פארטיגע, שנעלע פון מאן

joker asked him: "How many are 3 times 4?"—
פאור טאימז טהרי אר מע'ני האו הים עסקד דזשאו'קער
פיר מאל דריי זיינען פיל ווי איהם ט'געפרעגט שפאס־מאכער

"Sir," answered the shepherd without hesitating,
הע'זיטעיטינג ווידהא'וט שעפ'הוירד דהי ענ'סערד סויר
לאנג טראכטען אהן פאסטוך דער האט געענטפערט מיין הער

"by adding your person at the end it will be
בי וויל איט ענד דהי עט פויר'סן יור עד'דינג באי
זיין וועט עס סוף דעם ביי פערזאן אייער צוגעבען דורך

hundred and twenty (120)."
— טווע'נטי ענד הא'נדרעד
— צוואנציג און הונדערט

שפּריכוואָרט.

One	ounce	of	mother	wit	is	worth	a	pound
וואַן	אונס	אָוו	מאַ'דהער	וויט	איז	וואוירטה	עי	פּאונד
איין	אונץ	פון	מוטער־וויץ		איז	ווערט	אַ	פונט

of	learning.
אָוו	לוירנינג
פון	געלערנטקייט

פרייע איבערזעצונג.

אַנרי מאָנדע', אַן איינפאַכער פּאַסטוך, געבאָרען אין מאַקאָן, פראַנקרייך, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געלערנט, האָט איבערראַשט די גרעסטע מאַטעמאַטיקער מיט זיין געבאָרענער פעהיגקייט צום רעכענען. אָבער דיזער נאַטור־מענש איז ניט נאָר געווען אַ וואונדערבארער בעל־חשבון, ער האָט אויך באַזעסען שנעלען וויץ. ביי איינעם פון זיינע עפענטליכע פאָרטראָגען האָט אַ שפּאַסמאַכער איהם געפרעגט: „וויפיל איז 3 מאָל 4?" — „מיין הער," האָט דער פּאַסטוך געענטפערט, „ווען מען זאָל צולעגען אייער פּערזאָן צום סוף (ד. ה. אַ נול), וועט די צאָהל זיין 120."

אַ קווינט מוטער־וויץ באַשטעהט קעגען אַ פונט געלערנטע חכמה.

די פראַזעס און זאַצען.

Henri Mondeux, a simple shepherd born in Macon, France,	אַנרי מאָנדע', אַן איינפאַכער פּאַסטוך, געבאָרען אין מאַקאָן, פראַנקרייך,
who had never received any instruction,	וועלכער האָט קיינמאָל ניט געקראָגען וועלכע עס איז לעהרע,
astonished the greatest mathematicians	האָט איבערראַשט די גרעסטע מאַטעמאַטיקער
with his genius for arithmetic.	מיט זיין געבאָרענער פעהיגקייט פאַר אריפמעטיקע.
But this child of nature	אָבער דיזעם נאַטור־קינד
was not only a wonderful reckoner,	איז געווען ניט נאָר אַ וואונדערבאַרער רעכענער (בעל־חשבון),
he was also a man of ready wit.	ער איז אויך געווען אַ מענש פון שנעלען וויץ.
At one of his exhibitions	ביי איינעם פון זיינע עפענטליכע פאָרטראָגען
a joker asked him :	האָט אַ שפּאַסמאַכער איהם געפרעגט :
"How many are 3 times 4 ?"	„וויפיעל איז 3 מאָל 4 ?" —
— "Sir," answered the shepherd without hesitating,	„מיין הער," האָט געענטפערט דער פּאַסטוך ניט לאַנג טראַכטענדיג,
"by adding your person at the end it will be 120."	„צוגעבענדיג אייער פּערזאָן צו ענדע וועט עס זיין 120."

די ווערטער.

wonderful (וואָ'נדערפול) וואונדערבאר
reckoner (רע'קנער) רעכענער, בעל-חשבון
ready (רע'די) פאַרטיג, גרייט ; שנעל, פלינק
exhibition (עגזהיבי'שאָן) ארויסווייזונג, עפענטליכער פאָרטראַג
to hesitate (הע'זיטעיט) לאַנג טראַכטען, זיך קווײנקלען
to add (עד) צוגעבען
person (פוירסן) פערזאָן
end (ענד) ענדע, סוף
ounce (אונס) אונץ
mother (מאָ'דהער) מוטער
mother wit מוטער-וויץ, געבאָרענער וויץ
pound (פאונד) פונט
shepherd (שע'פהוירד) פאַסטוך
born (באָרן) געבאָרען
*__to bear__ (בעיר) געבוירען ; פאַרגאַנגענע צייט: **bore** (באָור)
to receive (ריסי'וו) דערהאַלטען, באַקומען
instruction (אינסטראָ'קשאָן) לעהרע, אונטעררינכט
to astonish (עסטאָ'ניש) איבעראַשען
mathematician (מעטהימעטי'שען) מאַטעמאַטיקער
genius (דזשי'ניאַס) זשעני, געבאָרענע פעהיגקייט ; גאונות
arithmetic (עריטה'מיטיק) אריפמעטיקע, רעכענען
nature (נעי'טשור) נאַטור

נייע ווערטער.

number (נאַ'מבער) צאָהל
cipher (סאַי'פער) ; א נול (ציפער 0) ; א גאָרנישט
fun (פאָן) שפּאַס
although (אָאלדהאָו')
though (דהאָו) } הגם, כאָטש

געשפּרעך.

Who was Henri Mondeux ?

He was a simple shepherd, but he was a wonderful reckoner although he had never received any instruction.

Where was he born ?

He was born in Macon, France.

What did a joker ask him at one of his exhibitions ?

He asked him : "How many are three times four ?"

Why did he ask him such a simple question ?

Because the foolish man wanted to make fun of him ; but he received a sharp answer.

What did the shepherd answer ?

He answered that by adding the joker's person to 3 times 4 the number would be 120.

Then the joker was a cipher ?

Yes, that is what he was !

Thirty-fifth Lesson—פינף־און־דרייסיגסטע לעקציאן

א פריידיגער א לץ.

The following anecdote is told of a preacher
פרי'טשער עי אוו טאולד איז ע'נעקדאוט פא'לאואינג דהי
פריידיגער א פון דערצעהלט ווערט מעשה'לע פאלגענדע די

who fooled his congregation three times in succession
סאקסע'שאן איז טאימז טהרי קאנגריגעי'שאן היז פולד הו
רייהע אין מאל דריי געמיינדע זיין ט אפגענארט וועלכער
(אין רייהע =) אין דער רייהע, נאכאנאנד

by jocular replies. The first time he ascended the
דהי עסע'נדעד הי טאים פוירסט דהי ריפלאייז דזשא'קיולער באי
די האט באשטיגען (ווען) ער מאל ערשטען דעם ענטפערם שפאסיגע דורך

pulpit he said: "Dear brethren, do you know
נאו יו דו ברע'דהרען דיר סעד הי פאל'פיט
וויסען איהר טוט ברידער טייערע האט געזאגט ער בימע

what I am going to say?" — They replied:
ריפלאייד דהעי סעי טו גאו'אינג עם אי הוואט
האבען געענטפערט זיי זאגען געהענדיג בין איך וואס
(איך בין געהענדיג =) איך וויל

"No;" whereupon he said: "Of what use is it to
טו איט איז יוס הוואט אוו סעד הי הווערעפא'ן נאו
צו עס איז נוץ וואס־פאר־א פון האט געזאגט ער אויף וואס ניין

preach to ignoramuses?" and came down from the
דהי פראם דאון קעים ענד איגנארעי'מאסיז טו פריטש
דער פון ארונטער איז געקומען און אומוויסענדע צו, פאר פריידיגען

pulpit. The next time, when he asked the same
סעים דהי עסקד הי הווען טאים נעקסט דהי פאל'פיט
זעלביגע די האט געפרעגט ער ווען מאל נעכסטען דעם בימע

question, they answered: "Yes, we know;"
נאו ווי יעס ענ'סערד דהעי קווע'סטשאן
וויסען מיר יע האבען געענטפערט זיי פראגע

whereupon he said: "Then, it is useless for me
מי פאר יו'סלעס איז איט דהען סעד הי הווערעפא'ן
מיר פאר נוצלאז איז עס דאן האט געזאגט ער אויף וואס
(איז עס =) איז עס

to tell you," and came down. The third time,
טאים טהוירד דהי דאון קעים ענד יו טעל טו
מאל דריטען דעם ארונטער איז געקומען און אייך זאגען צו

having taken counsel together, the congregation
קאנגריגעי'שאן . דהי טוגע'דהער קאו'נסעל טעי'קען העי'ווינג
געמיינדע די צוזאמען ראט גענומען האבענדיג
נאך דעם ווי זיי האבען זיך בעראטען

prepaired an answer which they thought would
וואוד טהאאט דהעי הוויטש ע'נסער ען פריפעי'רד
וועט האבען געדענקט זיי וועלכער ענטפער אן האבען צוגעגרייט

corner their joker-preacher, and said: "Some of us
אס אוו סאם סעד ענד פרי'טשער דזשאו'קער דהעיר קא'רנער
אונז פון מאנכע האבען געזאגט און פריידיגער שפאסמאכער־ זייער צודריקען
צום וואנט

know, and some don't;" whereupon he promptly
פרא'מטלי הי הווערא'פאן דאונט סאם ענד נאו
שנעל, גלייך ער אויף וואס טוען ניט מאנכע און ווייסען
(ווייסען ניט)

replied: "Let those who know tell those who
הו דהאוז טעל נאו הו דהאוז לעט ריפלא'יד
וועלכע יענע זאגען ווייסען וועלכע יענע לאזען, זאלען ט'געענטפערט

don't," and once more came down.
דאון קעים מאור וואנס ענד דאונט
ארונטער איז ער געקומען מעהר אמאל און טוען ניט
נאך אמאל

פרייע איבערזעצונג.

פאלגענדע מעשה'לע ווערט דערצעהלט פון א פריידיגער א לץ, וועלכער האט דריי מאל נאכאנאנד אפגענארט זיין געמיינדע מיט שפאסיגע תשובות. דעם ערשטען מאל, ווען ער איז ארויף אויף די בימע, האט ער געזאגט: „רבותי, ווייסט איהר וואס איך וועל ריידען?" — זיי האבען געענטפערט: „ניין;" האט ער געזאגט: „וואס איז די פעולה צו ריידען פאר אומוויסענדע?" און איז אראפ פון דער בימע. דעם צווייטען מאל, ווען ער האט זיי געפרעגט די זעלביגע פראגע, האבען זיי זיך געקליגט און געענטפערט: „יע, מיר ווייסען;" האט ער געזאגט: „איז דאך גאר קיין נוץ ניט פאר אייך צו ריידען," און איז ווידער אראפ. דעם דריטען מאל האט די געמיינדע זיך בעראטען און צוגע־גרייט אן ענטפער, וועלכער זיי האבען געדענקט וועט זייער פריידיגער צודריקען צום וואנט, און האבען געזאגט: „א טייל פון אונז ווייסען און א טייל ווייסען ניט;" אויף דעם האט דער פריידיגער גלייך געענטפערט: „מא זאלען די וואס ווייסען זאגען יענע וואס ווייסען ניט," און ער איז נאך אמאל ארונטער פון דער בימע.

די פראזעס און זאצען.

The following anecdote is told by a preacher	פאלגענדע מעשה'לע ווערט דערצעהלט פון א פריידיגער,
who fooled his congregation three times in succession	וועלכער האט אפגענארט זיין געמיינדע דריי מאל נאכאנאנד

by jocular replies.	מיט שפּאַסיגע ענטפערס.
The first time he ascended the pulpit he said :	דעם ערשטען מאָל, ווען ער איז ארויף אויף די בימע האָט ער געזאָגט :
"Dear brethren, do you know what I am going to say ?"	„ליבע ברידער, ווייסט איהר וואָס איך וועל ריידען ?"
They replied : No ;"	זיי האָבען געענטפערט : „ניין :"
whereupon he said :	אויף וועלכעס ער האָט געענטפערט :
"Of what use is it to preach to ignoramuses ?"	„וואָס פאַר א נוץ איז עס צו פּריידיגען פאַר אומוויסענדע ?"
and came down from the pulpit.	און איז ארונטערגעגאַנגען פון דער בימע.
The next time, when he asked the same question,	דעם נעכסטען מאָל, ווען ער האָט גע־פרעגט די זעלביגע פראַגע,
they answered: "Yes, we know;"	האָבען זיי געענטפערט : „יע, מיר ווייסען :"
whereupon he said :	אויף וועלכעס ער האָט געזאָגט :
"Then it is useless for me to tell you,"	„דאַן איז עס נוצלאָז פאַר מיר אייך צו זאָגען."
and came down.	און ער איז ארונטערגעגאַנגען.
The third time,	דעם דריטען מאָל,
having taken counsel together,	האָבענדיג באַראַטען זיך צוזאַמען,
the congregation prepared an answer	האָט די געמיינדע צוגעגרייט אַן ענט־פער
which they thought would corner their joker-preacher,	וועלכער זיי האָבען געדענקט וועט צו־דריקען צום וואַנט זייער פּריידיגער דעם ליץ,
and said : "Some of us know, and some don't ;"	און האָבען געזאָגט : „מאַנכע פון אונז ווייסען און מאַנכע ווייסען ניט :"
whereupon he promptly replied :	אויף וואָס ער האָט גלייך געענטפערט:
"Let those who know tell those who don't,"	„זאָלען די וואָס ווייסען זאָגען יענע וואָס ווייסען ניט."
and once more came down.	און נאָך אמאָל איז ער ארונטערגעגאַנגען.

די ווערטער.

to ascend (עסע'נד) ארויפגעהן, ארויפשטייגען : ארויפגעהן אויף, באַשטייגען

pulpit (פּאַל'פּיט) בימע

whereupon (הוועראַפּאָ'ן) אויף וואָס, אויף וועלכעס

use (יוס) נוץ, פּעולה

to preach (פּריטש) פּריידיגען

preacher (פּרי'טשער) פּריידיגער, מגיד

to fool (פול) אָפּנאַרען, מאַכען צום נאַרען

congregation (קאָנגריגעי'אָן) גע־מיינדע, עדה, קהילה

succession (סאַקסע'שאָן) פאָלגע, רייהע, סדר

in succession נאָך דער רייהע, כסדר, נאָכאַנאַנד

to prepare (פּריפּעי'ר)	צוגרייטען
to corner (קאָ'רנער)	ווינקלען, ד. ה. צודריקען צום וואַנט
***corner** (קאָ'רנער)	א ווינקעל
don't (דאָונט)	אָפּקירצונג פון **do not**
joker (דזשאָו'קער)	שפּאַסמאַכער, לץ
promptly (פּראָ'מטלי)	באַלד, גלייך, שנעל
ignoramus (איגנאָרעי'מאַס)	אום-וויסענדער, עם-הארץ
useless (יוס'לעס)	נוצלאָז, אָהן נוץ
to keep (קיפּ)	האַלטען
counsel (קאַו'נסעל)	ראַט, עצה
to keep counsel	אָפּהאַלטען א באַ-ראַטונג, זיך באַראַטען
together (טוגע'דהער)	צוזאַמען

געשפּרעך.

What did the jocular preacher do one day ?

He fooled his congregation three times in succession.

What did he ask his congregation when he ascended the pulpit the first time ?

He asked them whether they knew what he was going to say ?

What did he say when they answered "No ?"

He said it was of no use to preach to ignoramuses.

What did the congregation answer when he asked the same question the next time ?

They answered : "Yes, we know."

What did he say then ?

He said if they knew it was useless to tell them.

What did the congregation do then ?

They took counsel together and prepared an answer which they thought would corner him, and said : "Some of us do, and some of us don't."

Was the preacher cornered by this answer ?

No, indeed ; for he said to them : "Let those who know tell those who don't."

§119 באַדייטונג פון more

מערקט די פראַזע : once more איינמאָל מעהר, ד. ה. נאָך אַמאָל.
דאָס וואָרט more ווערט אָפט באַנוצט אין דער באַדייטונג "נאָך;" צ. ב.

Ten years more.	נאָך צעהן יאָהר.
Give me some more coffee.	גיט מיר נאָך אביסעל קאַווע.
Have you any more books ?	האָט איהר נאָך וועלכע ביכער ?
What more do you want ?	וואָס נאָך ווילט איהר ?

Thirty-sixth Lesson—זעקס־און־דרייסיגסטע לעקציאן

דער פוילער אייזעל.

(א פאבעל.)

A man wished to purchase an ass, and agreed
ענרי'ד ענד עס ען פויר'טשעיס טו ווישד מען עי
ט'אפגעמאכט און אייזעל אן קויפען האט געוואלט מאן א

with its owner to take it on trial before he
הי ביפאו'ר טראי'על אן איט טעיק טו או'נער איטס ווידה
ער איידער פראבע אויף איהם נעהמען צו אייגענטימער זיין מים

bought it. He took the ass home and put it in
אין איט פוט ענד האום עס דהי טוק הי איט באאט
אין איהם ט'אוועק־געשטעלט און אהיים אייזעל דעם ט'גענומען ער איהם ט'געקויפט

the yard with the other asses, upon which it
איט הוויטש אפא'ן ע'סיז א'דהער דהי ווידה יארד דהי
ער וועלכעס נאך אייזלען אנדערע די מיט הויף דעם

joined itself with the greatest eater and the laziest
לעי'זיעסט דהי ענד אי'טער גרעי'טעסט דהי ווידה איטסעלף דזשאינד
פוילסטען דעם און פרעסער גרעסטען דעם מיט זיך ט'פאראייניגט

of them all and kept away from the others. The
דהי א'דהערז דהי פראם עוועי' קעפט ענד אאל דהעם אוו
דער אנדערע די פון אוועק ט'געהאלטען און אלע זיי פון

man put a halter on it and led it back to its
איטס טו בעק איט לעד ענד איט אן האא'לטער עי פוט מען
זיין צו צוריק איהם האט גע־פיהרט און איהם אויף שטריקעל א האט ארויפגעטאן מאן

owner. — "How could you try it in so short a
עי שארט סאו אין איט טראי יו קוד האו — או'נער
א קורצע אזוי אין איהם פרובירן איהר האט געקענט ווי אזוי — אייגענטימער
אזא קורצע

time?" said the owner. — "I need not try it,"
איט טראי נאט ניד אי — או'נער דהי סעד טאים
איהם פרובירען ניט ברויך איך — אייגענטימער דער האט געזאגט צייט

answered the man. "I know that it will be just
דזשאסט בי וו'ל איט דהעט נאו אי מען דהי ענ'סערד
גראדע זיין וועט ער דאס ווייס איך מאן דער האט געענטפערט

such	another	as	the	one	which	of	all	the	rest	it
סאטש	ענא'דהער	עז	דהי	וואן	הוויטש	אוו	אאל	דהי	רעסט	איט
אזעלכער	אנדערער	ווי	דער	איינער	וועלכען	פון	אלע	די	איבעריגע	ער

(such another: נאך איינער אזא)

chose	for	a	companion.”
טשאוז	פאר	עי	קאמפע'ניאן
האט אויס־געקליבען	פאר	א	חבר

שפריכווערטער.

Like	will	to	like.
לאיק	וויל	טו	לאיק
גלייך	וויל, ציהט	צו	גלייך

Birds	of	a	feather	flock	together.
בוירדז	אוו	עי	פע'דהער	פלאק	טוגע'דהער
פויגלאך	פון	איין	פעדער	זאמלען זיך	אינאיינעם

(of a feather: פון זעלביגען מין)

Sloth	is	the	key	to	poverty.
סלאוטה	איז	דהי	קי	טו	פא'ווערטי
פוילקייט	איז	דער	שליסעל	צו	ארימקייט

Idleness	is	the	mother	of	all	vices.
איידלנעס	איז	דהי	מא'דהער	אוו	אאל	וואיסיז
פוילקייט	איז	די	מוטער	פון	אלע	שלעכטע מידות

פרייע איבערזעצונג.

איינער האט געוואלט קויפען אן אייזעל און האט אפגעמאכט מיט זיין אייגענטימער איהם צו נעהמען אויף פראבע איידער ער קויפט איהם. ער האט גענומען דעם אייזעל צו זיך און האט איהם אוועקגעשטעלט אין הויף מיט די אנדערע אייזלען. דא האט זיך דער אייזעל גלייך צוזאמענגעפארט מיט דעם גרעסטען פרעסער און דעם גרעסטען פוילענצער און האט געוויכט פון אלע אנדערע. דער מאן האט איהם באלד אנגעטאן א שטריקעל און אוועקגעפיהרט צוריק צו זיין אייגענטימער. — „ווי אזוי האט איהר איהם געקענט אויספרו־בירען אין אזא קורצער צייט?“ האט געפרעגט דער אייגענטימער. — „איך ברויך איהם ניט צו פרובירען,“ האט געענטפערט דער מאן. איך וויים, דאס ער וועט זיין גראדע אזא ווי דער, וועלכען ער האט זיך אויסגעקליבען פאר א חבר.“

גלייך ציהט צו גלייך (יעדערער זוכט זיין גלייכען).

פויגלאך פון איין מין זאמלען זיך אינאיינעם.

פוילקייט איז דער שליסעל צו ארעמקייט (אין אידיש: אז מ'איז פויל, האט מען ניט אין מויל).

פוילקייט איז די מוטער פון אלע שלעכטע מידות.

די פּראָזעס און זאַצען.

A man wished to purchase an ass,	א מאַן האָט געוואָלט קויפען אַן אייזעל
and agreed with its owner to take it on trial before he bought it.	און האָט אָפּגעמאַכט מיט זיין אייגענטימער צו נעהמען איהם אויף פּראָבע איידער ער קויפט איהם.
He took the ass home	ער האָט גענומען דעם אייזעל אהיים (צו זיך)
and put it into the yard with the other asses,	און האָט איהם אוועקגעשטעלט אין דעם הויף מיט די אַנדערע אייזלען,
upon which it joined itself with the greatest eater and laziest of them all	נאָך וועלכעם ער האָט זיך פּאַראייניגט מיט דעם גרעסטען פרעסער און פוילסטען פון זיי אַלע
and kept away from the others.	און האָט זיך געהאַלטען אוועק (האָט געוויכט) פון די אַנדערע.
The man put a halter on it	דער מאַן האָט אַרויפגעטאָן אַ שטריקעל אויף איהם
and led it back to its owner.	און האָט איהם געפיהרט צוריק צו זיין אייגענטימער. —
"How could you try it in so short a time?"	„ווי אזוי האָט איהר געקענט איהם אויספּרובירען אין אַזאַ קורצע צייט?“
said the owner. —	האָט געזאָגט דער אייגענטימער. —
"I need not try it,"	„איך דאַרף איהם ניט פּרובירען,“
answered the man.	האָט געענטפערט דער מאַן.
"I know that it will be just such another	„איך ווייס, דאָס ער וועט זיין גראַדע נאָך אַזעלכער
as the one	ווי דער איינער,
which of all the rest	וועלכען פון די אַלע איבעריגע
it chose for a companion."	ער האָט אויסגעקליבען פאַר א חבר.“

די ווערטער.

to purchase (פּוי'רטשעיס)	קויפען	upon which	נאָך וועלכעם
ass (עס)	אייזעל	to join (דזשאָין)	פּאַראייניגען
to agree (עגרי')	איינשטימען; אָפּמאַכען	eater (אי'טער)	עסער, פרעסער
owner (אָו'נער)	אייגענטימער, באַזיצער, בעל-הבית	laziest (לעי'זיעסט)	דער פוילסטער
trial (טראַי'על)	פּראָבע	*lazy (לעי'זי)	פויל
home (האָום)	היים; אהיים, צו זיך	to keep (קיפּ)	האַלטען, זיך האַלטען
yard (יאַרד)	הויף	away (עוועי')	אוועק
upon (אָפּאָ'ן)	אויף; נאָך	to keep away	זיך האַלטען אוועק, ווייכען

גלייך, גלייכעם — like (לאַיק)
װעלען — will (װיל)
אַ פֿויגעל — bird (בוירד)
פֿעדער — feather (פֿע'דהער)
זיך זאַמלען, זיך גרופּירען (אין סטאַדעס, אין טשאַטעס) — to flock (פֿלאָק)
צוזאַמען, אינ־איינעם — together (טוגע'דהער)
פֿוילקייט — sloth (סלאָטה)
שליסעל — key (קי)
אָרעמקייט — poverty (פּאָ'װערטי)
פֿוילקייט, ליידיג־געהן — idleness (אַי'דלנעס)
מוטער — mother (מאַ'דהער)
שלעכטע מידה, פֿאַרדאָרבענהייט, זינד — vice (װאַיס)

אַ שטריקעל, אַ צוים־שטריקעל — halter (האָ'לטער)
האָט געפֿיהרט — led (לעד)
פֿיהרען; פּאַרטיציפּ און פֿאַרגאַנגענע צייט led — *to lead (ליד)
צוריק — back (בעק)
פּראָבירען — try (טראַי)
אַזעלכער, אַזאַ — such (סאַטש)
נעטיג האָבען, ברויכען — to need (ניד)
אַנדערער, נאָך איינער — another (ענאַ'דהער)
נאָך איינער אַזעלכער — such another
האָט אויסגעקליבען — chose (טשאָוז)
אויסקלייבען, אויסװעהלען; פּאַרטיציפּ: chosen (טשאָוזן) — *to choose (טשוז)
קאַמפּאַ־ניאָן, חבר — companion (קאַמפּע'ניאַן)

געשפּרעך.

What did the man wish to purchase?

He wished to purchase an ass.

What did he do?

He agreed with its owner to take it on trial,

Where did he put the ass?

He put it into the yard with the other asses.

What did the ass do after the man had put it there?

It joined itself with the greatest eater and the laziest of them.

What did the man do when he saw that?

He led the ass back to its owner.

What did the owner ask him?

He asked him how he could try the ass in such a short time.

What did the man say?

He said that he did not need to try it, because he knew it would be just like its companion.

§120 דאָס צייטוואָרט need

מערקט דעם זאַץ: I need not try it (איך דאַרף איהם ניט פּראָבירען)
אַנשטאָט: I do not need to try it.

װען need קומט מיט אַן אַנדער צייטװאָרט, װי דאָ מיט דעם צייטװאָרט try, װערט פֿאַר דעם דאָזיגען צייטװאָרט אויסגעלאָזען דאָס װערטעל to, און פֿאַר דעם װאָרט not װערט אויסגעלאָזען do; אַלזאָ אַנשטאָט: I do not need to try קען געזאָגט װערען: I need not try.

אין פאַרבינדונג מיט אַן אַנדער צייטוואָרט, ווי אין דעם געגעבענעם זאַץ, קומט need אָהן דער ענדונג s פאַר די דריטע פּערזאָן איינצאָהל; מען זאָגט צ. ב. he need not go (ער ברויכט ניט צו געהן) אַנשטאַט: he needs not go.

מען זאָל געדענקען, דאָס מען קען דאָס צייטוואָרט need באַנוצען אויף צוויי אַרטען; מען קען זאָגען:

I need not try. אדער: I do not need to try.	איך ברויך ניט צו פּראָבירען.
He need not go. אדער: He does not need to go.	ער ברויכט ניט צו געהן.

ווען need קומט פאַר זיך אַליין, ניט מיט אַן אַנדער צייטוואָרט נאָך זיך, ווערט עס אימער באַנוצט רעגעלמעסיג:

I need money.	איך האָב נעטיג געלט.
He needs bread.	ער האָט נעטיג ברויט.

Thirty-seventh Lesson—זיבען־און־דרייסיגסטע לעקציאָן

זיינע פילע רעקאָמענדאַציעס.

A	businessman	once	advertised	for	an	office	boy
עֵי	בִּיזנעסמען	וואַנס	עֶדווערטאַיזד	פאָר	ען	אָפיס	באָי
אַ	געשעפטסמאַן	איינמאָל	האָט אַנאָנסירט	פאַר	אַ	קאָנטאָר	אינגעל

and	nearly	fifty	applied	for	the	place.	In	a	few
ענד	נִירלי	פִיפטי	עפּלאַיד	פאָר	דהי	פּלעיס	אין	עֵי	פיו
און	כמעט	פופציג	האָבען זיך געמאָלדען	פאַר	דעם	פּלאַץ, שטעלע	אין	אַ	ווייניגע

minutes	he	chose	one	an'	sent	the	others	away.
מִינִיטס	הִי	טשאָוז	וואָן	ענד	סענט	דהי	אָדהערז	עווּעי
מינוטען	ער	האָט אויסגעקליבען	איינעם	און	האָט געשיקט	די	אַנדערע	אַוועק

"I	should	like	to	know,"	said	a	friend	who	was
אַי	שוּד	לאַיק	טוּ	נאָו	סעד	עֵי	פרענד	הוּ	וואָז
איך	וואָלט	וועלען		וויסען	האָט געזאָגט	אַ	פריינד	וועלכער	איז געווען

present,	"on	what	ground	you	chose	that	boy.	He
פּרעזענט	אָן	הוואָט	גראַונד	יוּ	טשאָוז	דהעט	באָי	הִי
אַנוועזענד, דערביי	אויף	וועלכען	גרונט	איהר	האָט אויסגעקליבען	דעם דאָזיגען	אינגעל	ער

had not a single recommendation with him."
הים ווידה רעקאמענדעיישאן סינגל עי נאט העד
איהם, זיך מיט, ביי רעקאמענדאציע איינציגע א ניט ט'געהאט

"You are mistaken," said the man, "he had
העד הי מען דהי סעד מיסטעיקן אר יו
ט'געהאט ער מאן דער האט געזאגט געאירט, אין טעות זייט איהר

a great many :—
מע'ני גרעיט עי
מענגע, צאהל גרויסע א
א סך

"He wiped his feet when he came in ;
אין קעים הי הוועז פיט היז וואיפד הי
אריין איז געקומען ער ווען פיס זיינע האט אפגעווישט ער

showing that he was tidy.
טאיידי וואז הי דהעט שאו'אינג
ציכטיג איז געווען ער דאס וואס ווייזט

"He gave up his seat to that lame old man ;
מען אולד לעים דהעט טו סיט היז אפ געיוו הי
מאן אלטען הינקעדיגען יענעם צו זיץ, ארט זיין אויף ט'געגעבען ער

showing that he was kind.
קאינד וואז הי דהעט שאו'אינג
גוטהארציג איז געווען ער דאס וואס ווייזט

"He answered my questions promptly and
ענד פרא'מטלי קווע'סטשאנז מאי ע'נסערד הי
און גיך, שנעל פראגעס מיינע האט געענטפערט ער

respectfully ; showing that he was polite.
פאולאי'ט וואז הי דהעט שאו'אינג ריספע'קטפולי
העפליך איז געווען ער דאס וואס ווייזט מיט רעספעקט

"He lifted up the book which I purposely
פויר'פאסלי אי הוויטש בוק דהי אפ לי'פטעד הי
בכיוון איך וועלכעם בוך דאס אויף האט געהויבען ער

laid on the floor, while the others stepped over
או'ווער סטעפד א'דהערז דהי הוואיל פלאור דהי אן לעיד
איבער האבען געטראטען אנדערע די בשעת בארדען דעם אויף האב געלעגט

it ; showing that he was careful.
קעי'רפול וואז הי דהעט שאו'אינג איט
אויפמערקזאם איז געווען ער דאס וואס ווייזט איהם

"When I talked with him I noticed that his
היז דהעט נאו'טיסד אי הים ווידה טאאקד אי הוועז
זיינע דאס האב באמערקט איך איהם מיט האב גערעדט איך ווען

clothes were carefully brushed and his hair in
אין העיר היז ענד בראשד קעי'רפולי וואויר קלאוז
אין האר זיין און אפגעפוצט אקוראטנע זיינען געווען קליידער

nice order. When he wrote his name I observed
אבזוי'רווד אי נעים היז ראוט הי הוועז א'רדער נאיס
האב באמערקט איך נאמען זיין ט'געשריבען ער ווען ארדנונג שענער

that	**his**	**fingernails**	**were**	**clean**	**instead**	**of**	**being**
דהעט	היז	פײנגערנעילז	וואויר	קלין	אינסטעד	אוו	ביאינג
דאס	זיינע	פינגער־נעגעל	זיינען געווען	ריין	אנשטאט	פון, צו	זיין

dirty	**like**	**that**	**little**	**fellow's**	**in**	**the**	**blue**	**jacket.**
דוירטי	לאיק	דהעט	ליטל	פעלאָוז	אין	דהי	בליו	דזשעקעט
שמוציג	ווי	יענעם	קליינעם	יונג'ס	אין	דעם	בלויען	רעקעל

"Don't	**you**	**call**	**these**	**things**	**letters**	**of**
דאונט	יו	קאאל	דהיז	טהינגז	לעטערז	אוו
טוט ניט	איהר	אנרופען	דיזע	זאכען	בריוו	פון

recommendation ?	**I**	**do ;**	**and**	**they**	**are**	**worth**	**more**
רעקאמענדעישאן	אי	דו	ענד	דהעי	אר	וואוירטה	מאור
רעקאמענדאציע	איך	טו (עס)	און	זיי	זיינען	ווערט	מעהר

than	**all**	**the**	**fine**	**letters**	**that**	**he**	**can**	**bring**	**me."**
דהען	אאל	דהי	פאין	לעטערז	דהעט	הי	קען	ברינג	מי
ווי	אלע	די	פיינע	בריוו	וועלכע	ער	קען	ברייננען	מיר

פרייע איבערזעצונג.

א געשעפטסמאן האט אמאל אנאנסירט אין א צייטונג פאר א קאנטאר־אינגעל און עס האבען זיך געמאלדען א פופציג אינגלאך. אין איינינע מינוטען האט ער אויסגעקליבען איינעם און האט די איבעריגע אוועקגעשיקט. „איך וואלט וועלען וויסען,“ האט געזאגט א פריינד, וועלכער איז געווען דערביי, אויף וועלכען גרונט איהר האט אויסגעקליבען דעם דאזיגען אינגעל, ער האט דאך ניט געהאט קיין שום רעקאמענדאציע מיט זיך.“

„איהר האט א טעות,“ האט דער מאן געענטפערט, „ער האט געהאט גאר פילע רעקאמענדאציעס: —

„ער האט אפגעווישט די פיס בשעת ער איז אריינגעקומען; וואס וויזט, דאס ער איז ציכטיג.

„ער האט אפגעגעבען זיין ארט צו יענעם הינקעדיגען אלטען מאן; וואס וויזט, דאס ער איז גוטהארציג.

„ער האט אויפגעהויבען דאס בוך, וועלכעס איך האב בכיוון אוועקגעלעגט אויף דער ערד, בעת אלע אנדערע האבען געטראטען איבער דעם; וואס וויזט, דאס ער איז אויפמערקזאם.

„בשעת איך האב גערעדט מיט איהם האב איך באמערקט, דאס זיינע קליידער זיינען געווען אקוראטנע אפגעפוצט און זיינע האר אין שענער ארד־נונג. ווען ער האט געשריבען זיין נאמען האב איך באמערקט, דאס זיינע נעגעל זיין געווען ריין, ניט שמוציג ווי יענעם אינגעל'ס אין דעם בלויען רעקעל.

„האלט איהר ניט דיזע זאכען פאר רעקאמענדאציעס? איך יע; און זיי זיינען ווערט מעהר ווי אלע פיינע בריוו, וועלכע ער קען מיר ברייננען.“

די פראזעס און זאצען.

A businessman once advertised for an office boy,	א געשעפטסמאן האט איינמאל אנאנסירט פאר א איינגעל צום קאנטאר
and nearly fifty applied for the place.	און כמעט פופציג האבען זיך געמאלדען פאר די שטעלע.
In a few minutes he chose one	אין איניגע מינוטען האט ער אויסגעקליבען איינעם
and sent the others away.	און האט די אנדערע אוועקגעשיקט.
"I should like to know,"	„איך וואלט וועלען וויסען,"
said a friend who was presnet,	האט געזאגט א פריינד, וועלכער איז געווען דערביי,
"on what ground you chose that boy.	„אויף וועלכען גרונט איהר האט אויסגעקליבען דעם דאזיגען אינגעל.
He had not a single recommendation with him."	ער האט ניט געהאט קיין איינציגע רעקאמענדאציע מיט זיך."
"You are mistaken," said the man,	„איהר האט א טעות," האט געזאגט דער מאן,
"he had a great many : —	„ער האט געהאט זעהר פילע : —
"He wiped his feet when he came in ;	ער האט אפגעווישט זיינע פיס, ווען ער איז אריינגעקומען,
showing that he was tidy.	וואס ווייזט, דאס ער איז ציכטיג.
"He gave up his seat to that lame old man ;	„ער האט אפגעגעבען זיין ארט צו יענעם הינקעדיגען אלטען מאן ;
showing that he was kind."	וואס ווייזט, דאס ער איז גוטהארציג.
"He answered my questions promptly and respectfully ;	„ער האט געענטפערט מיינע פראגעס גיך און מיט רעספעקט ;
showing that he was polite.	וואס ווייזט, דאס ער איז העפליך.
"He lifted up the book	„ער האט אויפגעהויבען דאס בוך,
which I purposely laid on the floor	וועלכעס איך האב בכיוון געלעגט אויף דעם באדען,
while the others stepped over it ;	בעת די אנדערע האבען געטרעטען איבער איהם ;
showing that he was careful.	וואס ווייזט, דאס ער איז אויפמערקזאם.
"When I talked with him	„ווען איך האב גערעדט מיט איהם
I noticed that his clothes were carefully brushed	האב איך באמערקט, דאס זיינע קליידער זיינען געווען אקוראטנע אפגעפוצט
and his hair in nice order.	און זיינע האר אין שענער ארדנונג.
When he wrote his name	ווען ער האט געשריבען זיין נאמען
I observed that his fingernails were clean	האב איך באמערקט, דאס זיינע נעגעל זיינען געווען ריין
instead of being dirty	אנשטאט צו זיין שמוציג
like that little fellow's	ווי יענעם קליינעם אינגעל'ס

אין דעם בלויען רעקעל.	in the blue jacket.
„רופט איהר ניט אָן דיזע זאַכען רעקאָמענדאציע־בריוו ?	"Don't you call these things letters of recommendation ?
איך טו (ד. ה. איך יע)	I do ;
און זיי זיינען ווערט מעהר	and they are worth more
ווי אַלע פיינע בריף,	than all the fine letters
וועלכע ער קען מיר ברייננען."	that he can bring me."

די ווערטער.

purposely (פוי'רפאָסלי) בכיוון, או־מישנע

floor (פלאָור) באָדען, פאָדלאָגע

on the floor אויף דעם באָדען, אויף דער ערד

while (הוואיל) וועהרענד, בעת, בשעת

to step (סטעפ) טרעטען, געהן

over (אָו'ווער) איבער

careful (קעי'רפול) פאָרזיכטיג, אויפ־מערקזאַם, אַקוראַטנע

to talk (טאָאק) ריידען

to notice (נאָו'טיס) באַמערקען

clothes (קלאָון) קליידער

to brush (בראַש) פוצען מיט א בארשט, אָפבערשטען

nice (נאַים) שען, פיין

order (אָ'רדער) אָרדנונג

name (נעים) נאָמען

to observe (אָבזויי'רוו) באַמערקען, באַאָבאַכטען

fingernails (פי'נגערנעילז) פינגער־נעגעל

clean (קלין) ריין

blue (בליו) בלוי

jacket (דזשע'קעט) זשאַקעט, רעקעל

don't (דאָונט) אָפּקירצונג פון **do not**

to call (קאָאל) רופען, אָנרופען

letter (לע'טער) בריוו

worth (וואוירטה) ווערט

fine (פאַין) פיין, שען

businessman געשעפטסמאַן, סוחר

to advertise (ע'דווערטאַיז) באַקאַנט מאַכען, אַנאָנסירען

office (אָ'פיס) קאָנטאָר; אַמט

nearly (ניי'רלי) נאָהענט, כמעט

to apply (עפלאַי') זיך ווענדען, זיך מעלדען

friend (פרענד) פריינד

present (פרע'זענט) אַנוועזענד, דערביי

ground (גראַ'ונד) גרונט, אורזאַך

single (סינגל) איינציג

recommendation (רעקאָמענדעי'שאָן) רעקאָמענדאַציע

mistaken (מיסטעי'קן) געאירט, אין טעות

many (מע'ני) פילע; מענגע

a great many זעהר פילע, אַ סך

to show (שאָו) ווייזען; פאַרגאַנגענע צייט **showed** (שאָוד); פאַר־טיציפ: **shown** (שאָון)

tidy (טאַי'די) ציכטיג, נעט

to give up אויפגעבען, אוועקגעבען

seat (סיט) זיץ, אָרט

kind (קאַינד) פריינדליך, גוט, גוט־הארציג

respectfully (ריספע'קטפולי) מיט רעספעקט, מיט דרך ארץ

polite (פאָולאַי'ט) העפליך

to lift (ליפט) הייבען, אויפהייבען

נייע ווערטער.

באטראכ־טען, האלטען פאר... to consider (קאנסי'דער)

זיך אויפפיהרען, זי באנעהמען to behave (ביהעי'וו)

געשפרעך.

For whom did the businessman advertise ?

He advertised for an office boy.

How many boys applied for the place ?

Nearly fifty applied for it.

Which boy did he choose ?

He chose one who had no letter of recommendation.

Why did he choose that boy ?

Because he was tidy and behaved nicely.

What did the boy do when he came in ?

He wiped his feet.

What did he do while he waited in the office ?

He gave up his seat to a lame old man and lifted up a book over which the other boys stepped.

How did the businessman consider these things ?

He considered them better than the finest letters of recommendation.

§121 do אנשטאט דעם הויפט-צייטווארט.

באטראכט דעם זאצעלע I do נאך די ווערטער : don't you call these things letters of recommendation ?.

אויף א פראגע-זאץ מיט דעם ווארט do קומט אין דעם ענטפער דאס ווארט do אנשטאט דעם הויפט-צייטווארט ; צ. ב. do you see her ? זעהסטו איהר ? — ענטפער : yes, I do יע, איך זעה איהר ; no, I do not ניין, איך זעהר איהר ניט (אדער אהן yes און no, איינפאך : I do איך זעה, I do not איך זעה ניט. אין דיזען פאל קען I do איבערגעזעצט ווערען : יע, I do not — ניין). נאך ביישפילען : does she love you ? ליבט זי דיך ? ענטפער : she does יע ; she does not ניין ; did you speak ? האט איהר גערעדט ? — I did איך האב גערעדט (אדער בלויז: יע); I did not איך האב ניט גערעדט (אדער בלויז ניין).

אזוי אויך אומעטום, וואו עס דארף איבערגע'חזר'ט ווערען דאס הויפט-צייטווארט ; צ. ב. you do not love as I do איהר ליבט ניט ווי איך ליב ; I speak English and so does she איך רייד ענגליש און זי אויך (רעדט ענגליש) ; you read very much and so do I איהר לייענט זעהר פיל און איך אויך (לייען זעהר פיל).

who, which, that §122

מערקט די ווערטער who, which, that אין די זאצען: a friend who
was present א פריינד, וועלכער איז געוועזן דערביי; the book
which I laid... דאס בוך, וועלכעס איך האב געלעגט; the
letters that he can bring די בריוו, וועלכע ער קען ברייגנען.

וועלכער אין באצוג אויף א פערזאן אדער זאך אהן א פראגע, ווי אין די זאצען: "דער מאן, וועלכער שרייבט," "די פרוי, וועלכע לייענט," "דאס קינד, וועלכעס וויינט," דאס בוך, וועלכעס איז אפען," ווערט אויסגע-דריקט אין ענגליש דורך די ווערטער who, which, that לויט פאלגענדע כללים:

who באציהט זיך נאר אויף פערזאנען; צ. ב. the man who was
there דער מאן, וועלכער איז געוועזן דארטען.

which באציהט זיך אויף חיות און זאכען; צ. ב. the cat which די
קאץ, וועלכע; the table which דער טיש, וועלכער.

that באציהט זיך אי אויף פערזאנען אי אויף חיות און זאכען; צ. ב.
the man that דער מאן, וועלכער; the cat that די קאץ, וועלכע; the
table that דער טיש, וועלכער.

אנמערקונג. which אלס א פראגע געהט אי אויף פערזא-
נען אי אויף חיות און זאכען: which man? וועלכער מאן? which cat?
וועלכע קאץ? which table? וועלכער טיש? אנשטאט which אלס א
פראגע קען אויך באנוצט ווערען what (וואסער).

Thirty-eighth Lesson—אכט־און־דרייסיגסטע לעקציאן

זי פארשטעהט אן עסק!

A	young	woman	answered	an	advertisement
עי	יאנג	וואו'מען	ע'נסערד	ען	עדוואו'ירטיזמענט
א	יונגע	פרוי	האט געענטפערט	א	אנאנסע

for	a	servant,	and	the	lady	of	the	house	seemed
פאר	עי	סוי'רוועגט	ענד	דהי	לע'ידי	אוו	דהי	האוס	סימד
פאר	א	דינסט	און	די	ווירטין	פון	דעם	הויז	האט געשיינט צו זיין

pleased with her. But before engaging her there
דהער הויר ענגעיידזשינג ביפאו'ר באט הויר ווידה פליזד
דא איהר אנשטעלען פאר'ן אבער איהר מיט צופרידען

were some questions to ask.
עסק טו קוועסטשאנז סאם וואויר
פרעגען צו פראגעם מאנכע זיינען געוועזן

"Suppose," said the lady — "now only suppose,
סאפאו'ז או'נלי נאו לעיידי דהי סעד סאפאו'ז
שטעל זיך פאר נאר אבער ווירטין די האט געזאגט שטעל זיך פאר

understand — that you were carrying a piece of
או פיס עי קע'ריאינג וואויר יו דהעט אנדערסטע'נד
פון שטיק א האסט געטראגען דו דאס פארשטעהסטו

steak from the kitchen, and by accident should
שוד עיקסידענט באי ענד קיטשען דהי פראם סטעיק
זאלסטו א צופאל,סבה דורך און קיך דער פון א פלייש־שניט

let it slip from the plate to the floor, what should
שוד הוואט פלאור דהי טו פלעיט דהי פראם סליפ איט לעט
זאלסט וואס באדען דעם צו, אויף טעלער דעם פון אראפ־ עם לאזען
גלימשען זיך

you do in such case?"
קעים סאטש אין דו יו
פאל אזא אין טאן דו

The girl looked the lady square in the eyes
איז דהי אין סקוועיר לעיידי דהי לוקד גוירל דהי
אויגען די אין גלייך ווירטין דער האט געקוקט מיידעל די

for a moment and then asked:
עסקד דהען ענד מאו'מענט עי פאר
געפרעגט דאן און אויגענבליק א פאר

"Is it a private family, or are there boarders?"
באו'רדערז דהער אר אר פע'מילי פראיוועיט עי איט איז
קעסטניקעס דא עס זייגען אדער פאמיליע פריוואטע א עס איז

"Boarders," answered the lady.
לעיידי דהי ע'נסערד באו'רדערז
ווירטין די האט געענטפערט קעסטניקעס

"Pick it up and put it back on the plate,"
פלעיט דהי אן בעק איט פוט ענד אפ איט פיק
טעלער דעם אויף צוריק עם לעגען און אויפהייבען עם

firmly replied the girl.
גוירל דהי ריפלאייד פויירמלי
מיידעל די האט געענטפערט פעסט

She was engaged.
ענגעיידזשד וואז שי
אנגעשטעלט זיגעווארען זי

פרייע איבערזעצונג.

א מיידעל האט זיך געמאלדען אויף אן אנאנסע אין א צייטונג פאר א דינסט און די ווירטין האט געשיינט צו זיין צופרידען מיט איהר. אבער איידער זי נעהמט איהר אן האט זי איהר געוואלט אויספּרובירען מיט א פראגע.

„שטעל זיך פאר," האט געזאגט די ווירטין — „אבער נאר שטעל זיך פאר, פארשטעהסטו — דאס דו טראגסט א שטיק ביפשטעקס פון קיך און דאס פלייש פאלט אראפּ אויף דער ערד — וואס וואלסטו טאן אין אזא פאל?"

די מיידעל האט א רגע געקוקט דער ווירטין גלייך אין די אויגען און האט געפרעגט:

„איז דאס א פּריוואטע פאמיליע אדער עס זיינען דא פרעמדע עסערס?"

„פרעמדע עסערס," האט געענטפערט די ווירטין.

„וועל איך עס אויפהייבען און ארויפלעגען צוריק אויף'ן טעלער," האט די מיידעל פעסט געענטפערט.

זי איז געווארען אנגענומען.

די פראזעס און זאצען.

A young woman answered an advertisement for a servant,	א יונגע פרוי האט געענטפערט אן אנאנסע פאר א דינסט
and the lady of the house seemed pleased with her.	און די ווירטין פון הויז האט געשיינט (צו זיין) צופרידען מיט איהר.
But before engaging her	אבער פאר'ן אנשטעלען (אננעהמען) איהר
there were some questions to ask.	זיינען געווען אייניגע פראגעס צו פרעגען.
"Suppose," said the lady —	„שטעל זיך פאר," האט געזאגט די וויר־טין —
now only suppose, understand —	„אבער נאר שטעל זיך פאר, פאר־שטעהסטו —
that you were carrying a piece of steak from the kitchen,	דאס דו טראגסט א שטיק ביפשטעקס פון דער קיך
and by accident should let it slip from the plate to the floor,	און דורך א סבה זאלסטו עס לאזען אראפּגליטשען זיך פון דעם טעלער אויף דער ערד,
what should you do in such case ?	וואס זאלסטו טאן אין אזא פאל?"
The girl looked the lady square in the eyes for a moment	די מיידעל האט געקוקט דער ווירטין גלייך אין די אויגען פאר אן אויגענ־בליק
and then asked :	און האט דאן געפרעגט:
"Is it a private family,	„איז עס א פּריוואטע פאמיליע,
or are there boarders ?"	אדער עס זיינען דא קעסטניקעס?"

"Boarders," answered the lady.	„קעסטניקעס,“ האָט געענטפערט די ווירטין.
"Pick it up and put it back on the plate,"	„אויפהייבען עס און אַרויפלעגען צוריק אויף דעם טעלער,“
firmly replied the girl.	האָט פעסט געענטפערט די מיידעל.
She was engaged.	זי איז געוואָרען אַנגעשטעלט.

די ווערטער.

advertisement (עדוואַוי'רטיזמענט) אַנאָנסע, באַקאַנטמאַכונג
servant (סוי'רווענט) דינסט
to seem (סים) אויסזעהן, שיינען
to please (פּליז) צופרידען שטעלען
to engage (ענגעי'דזש) באַשעפטיגען, אַנשטעלען
to suppose (סאָפּאָו'ז) זיך פאָרשטעלען; מיינען, רעכענען
now (נאַו) יעצט; אָבער
to understand (אָנדערסטע'נד) פאַרשטעהן; פאַרגאַנגענע צייט און פאַרטיציפּ: **understood**
to carry (קע'רי) טראָגען
piece (פּיס) א שטיק
steak (סטעיק) פלייש-שניט, ביפשטעקס
kitchen (קי'טשען) קיך
accident (ע'קסידענט) צופאַל, סבה
to slip (סליפּ) אַראָפּגליטשען זיך
plate (פּלעיט) טעלער
floor (פלאָור) באָדען, פּאָדלאָגע
on the floor אויף דעם באָדען, אויף דער ערד
case (קעיס) פאַל
square (סקווערי'ר) גלייך, גראַדע
eye (אַי) אַן אויג
moment (מאָו'מענט) מאָמענט, אויגענבליק, רגע
private (פּראַי'וועיט) פּריוואַט
to pick up (פּיק אָפּ) אויפהייבען
firmly (פוי'רמלי) פעסט, זיכער

געשפּרעך.

Who answered the lady's advertisement?

A young woman answered it.

Was the lady pleased with her?

She was.

Was the young woman engaged?

Yes, she was; but before engaging her the lady put to her a question.

What was the question she put to her?

It was: "What should you do in case you let a piece of steak slip from the plate to the floor?"

Did the girl answer this question at once?

No; before answering she asked the lady if it was a private family or there were boarders?

What did she say when the lady answered that there were boarders?

She said that she would pick up the steak and put it back on the plate.

Was the lady pleased with the girl's answer?

Yes, she was, and she engaged her.

§123 באנוצונג פון **of** פאר נעמען פון שטאפען.

מערקט דאס ווארט **of** אין דער פראזע: **a piece of steak** א שטיק ביפשטעקס.

of ווערט אימער באנוצט, ווען עס רעדט זיך פון א טייל פון עפעס. אזוי זאגט מען אויך: **a piece of bread** א שטיק ברויט, **a piece of cloth** א שטיק טוך, **a glass of water** א גלאז וואסער, **a quart of wine** א קווארט וויין או. אז. וו.

צו מערקען, אז אין אידיש ווערט אנשטאט **of** גארנישט באנוצט; מיר זאגען: א שטיק ברויט, א גלאז וואסער, א קווארט וויין או. אז. וו.

Thirty-ninth Lesson—ניין־און־דרייסיגסטע לעקציאן

שטעהט און קוקט ווי מען גראבט איהם אוס!

An	**Irishman**	**took**	**a**	**contract**	**to**	**dig**	**a**	**public**
ען	אי'רישמען	טוק	עי	קא'נטרעקט	טו	דיג	עי	פא'בליק
אן	אירלענדער	ט'אנגענומען	א	קאנטראקט	צו	גראבען	א	קהל'שען

well.	**When**	**he**	**had**	**dug**	**about**	**twenty-five**	**feet**
וועל	הוועז	הי	העד	דאג	עבא'וט	טווע'נטי פא'יוו	פיט
ברונים	ווען	ער	ט'געהאט	אויסגעגראבען	אן ערך	פינף און צוואנציג	פוס

down,	**he**	**came**	**one**	**morning**	**and**	**found**	**it**	**caved in**
דאון	הי	קעים	וואן	מא'רנינג	ענד	פאונד	איט	קעיווד אין
ארונטער (טיף)	ער	איז געקומען	איין	פריהמארגען	און	האט געפונען	עס	איינגעפאלען

— filled	**nearly**	**to**	**the**	**top.**	**He**	**looked**	**cautiously**
פילד	ניירלי	טו	דהי	טאפ	הי	לוקד	קאא'שאסלי
אנגעפילט (פארשאטען)	כמעט	צו, ביז	דעם	אויבען	ער	האט געקוקט	פארזיכטיג

around,	**and**	**seeing**	**no**	**one**	**was**	**near,**	**he**	**took off**
עראונד	ענד	סי'אינג	נאו	וואן	וואז	ניר	הי	טוק אף
ארום	און	זעהענדיג	קיין	איינער	איז געווען	נאהענט	ער	ט'אראפגענומען

his	**hat**	**and**	**coat**	**and**	**hung**	**them**	**on**	**the**	**windlass,**
היז	העט	ענד	קאוט	ענד	האנג	דהעם	אן	דהי	ווי'נדלעס
זיין	חוט	און	ראק	און	ט'אויפגעהאנגען	זיי	אויף	דער	הייב־ווינדע

then	**crawled**	**into**	**some**	**bushes**	**and**	**waited**	**events.**
דהען	קראאלד	איינטו	סאם	בו'שיז	ענד	וועי'טעד	איווע'נטס
דאן	אוועקגעקראכען	אין	מאנכע	קוסטארניקעס	און	האט אפגעווארט	פאסירונגען

(waited events: האט געווארט צו זעהן וואס דא וועט זיין)

In	a	short	time	the	citizens	discovered	that	the
אין	עי	שארט	טאים	דהי	סי'טיזענס	דיסקא'ווערד	דהעט	דהי
אין	א	קורצע	צייט	די	שטאט־לייט	האבען אויסגעפונען	דאס	דער

well	had	caved	in,	and	seeing	Pat's	hat	and	coat
וועל	העד	קעיווד	אין	ענד	סי'אינג	פעטס	העט	ענד	קאוט
ברונים	ט'געהאט	איינגעפאלען		און	זעהענדיג	פעט'ס	הוט	און	ראק

on	the	windlass,	they	supposed	he	was	at	the
אן	דהי	וויי'נדלעס	דהעי	סאפאו'זד	הי	וואז	עט	דהי
אויף	דער	הייב־ווינדע	זיי	האבען גערעכענט	ער	איז געוועזן	אויף	דעם

bottom	of	the	excavation.	Only	a	few	hours	of
בא'טאם	אוו	דהי	עקסקעוועי'שאן	או'נלי	עי	פיו	אורז	אף
גרונט, אונטען	פון	דער	אויסגראבונג	נאר, בלויז	א	וועניגע	שעה	פון

brisk	digging	cleared	the	loose	earth	from	the	well.
בריסק	דיי'גינג	קלירד	דהי	לוז	אוירטה	פראם	דהי	וועל
לעבעדיג, פלייסיג	גראבען	האט אפגעראמט	די	לויזע	ערד	פון	דעם	ברונים

Just	as	the	eager	citizens	had	reached	the	bottom,
דזשאסט	עז	דהי	אי'גער	סי'טיזענס	העד	ריטשד	דהי	בא'טאם
גראדע	ווי	די	גיריגע, אומגעדולדיגע	שטאט־לייט	האבען געהאט	דערגרייכט	דעם	גרונט, אונטען

and	were	wondering	where	the	body	was,	Pat
ענד	וואויר	וואנ'דערינג	הווער	דהי	בא'די	וואז	פעט
און	זיינען געוועזן	זיך וואונדערנדיג	וואו	דער	קערפער	איז געוועזן	—

came	walking	out	of	the	bushes,	and	good-naturedly
קעים	וואא'קינג	אוט	אוו	דהי	בו'שיז	ענד	גוד נעי'טשורדלי
איז געקומען	געהענדיג	ארויס	פון	די	קוסטארניקעס	און	גוטמוטיג

thanked	them	for	relieving	him	of	a	hard	job.
טהענקד	דהעם	פאר	רילי'ווינג	הים	אוו	עי	הארד	דזשאב
האט געדאנקט	זיי	פאר	באפרייען	איהם	פון	א	שווערע	ארבעט

The	diggers	were	angry,	but	appreciating	the	joke,
דהי	דיי'גערז	וואויר	ע'נגרי	באט	עפרי'שיעיטינג	דהי	דזשאוק
די	גרעבער	זיינען געוועזן	אין כעס	אבער	איינזעהענדיג	דעם	שפאס

burst	out	into	laughter.
בוירסט	אוט	אי'נטו	לע'פטער
האבען געפלאצט	ארויס	אין	געלעכטער

פרייע איבערזעצונג.

אן איירישמאן האט אנגענומען א קאנטראקט צו גראבען א ברונים פאר א שטעטעל. ווען ער האט שוין געהאט אפגעגראבען א פינף־און־צוואנציג פוס די טיף, איז ער געקומען איין פריהמארגען און האט געפונען די גרוב איינגע־פאלען — פארשאטען כמעט ביז אויבען. ער האט זיך פארזיכטיג ארומגעקוקט, און זעהענדיג, אז קיינער איז ניטא, האט ער אראפגענומען זיין הוט און דעם ראק און האט זיי אויפגעהאנגען אויף דער הייב־ווינדע, דאן האט ער זיך באהאלטען הינטער א קוסטארניק און האט געווארט צו זעהן וואס דא וועט זיין. אין א קורצער צייט נאך דעם האבען די שטאטלייט אויסגעפונען, דאס דער ברונים איז פארשאטען, און זעהענדיג דעם איירישמאנ'ס הוט און ראק אויף דער הייב־

ווינדע, האָבען זײ געררעכענט, דאָס ער ליגט טיף אונטען א פאַרשאָטענער, און האָבען זיך גענומען צו דער אַרבעט איהם צו ראַטעווען. נאָך עטליכע שעה פלײסיגע אַרבעט האָבען זײ אָפּגעראַמט די גרוב ביז'ן גרונט, און ווי זײ שטעהען אַזוי און וואונדערן זיך, וואו איז דאָ אַהינגעקומען דער קערפּער פון דעם אומגליקליכען, שפּאַצירט זיך אַרום דער איירישמאַן פון דעם קוסטאַרניק און באַדאַנקט זײ בנעימות'דיג פאַר וואָס זײ האָבען איהם באַפרײט פון אַזאַ שווערער מלאכה. די גרעבער זײַנען געווען אין כעס, אָבער אײַנזעהענדיג דעם שפּאַס האָבען זײ אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער.

די פראָזעס און זאַצען.

An Irishman took a contract to dig a public well.	אַן אירלענדער האָט אָנגענומען א קאָנטראַקט צו גראָבען א קהל'שען ברונים.
When he had dug about twenty-five feet down,	ווען ער האָט געהאַט אויסגעגראָבען אַן ערך פינף־און־צוואַנציג פוס טיף,
he came one morning and found it caved in —	איז ער געקומען איין פריהמאָרגען און געפונען עס אײַנגעפאַלען —
filled nearly to the top.	אָנגעפילט (פאַרשאָטען) כמעט ביז'ן אויבען.
He looked cautiously around,	ער האָט זיך אַרומגעקוקט פאָרזיכטיג,
and seeing no one was near,	און זעהענדיג, אַז קײנער איז ניט געווען נאָהענט,
he took off his hat and coat	האָט ער אַראָפּגענומען זײַן הוט און ראָק
and hung them on the windlass.	און האָט זײ אויפגעהאַנגען אויף די הייב־ווינדע.
In a short time the citizens discovered	אין א קורצער צײַט האָבען די שטאָטלײַט אויסגעפונען,
that the well caved in,	דאָס דער ברונים איז אײַנגעפאַלען,
and seeing Pat's hat and coat on the windlass,	און זעהענדיג פעט'ס הוט און ראָק אויף דער הייב־ווינדע,
they supposed he was at the bottom of the excavation.	האָבען זײ גערעכענט, דאָס ער איז געווען אויף דעם גרונט פון דער אויסגראָבונג.
Only a few hours of brisk digging	בלויז אײניגע שטונדען פלײסיג גראָבען
cleared the loose earth from the well.	האָט אָפּגעראַמט די לויזע ערד פון דעם ברונים.
Just as the eager citizens had reached the bottom,	גראַדע ווען די אומגעדולדיגע שטאָטלײַט האָבען דערגרייכט דעם אונטען,
and were wondering where the body was,	און האָבען זיך געוואונדערט וואו דער קערפּער איז געווען,

איז פעט ארויסגעקומען שפאצירענדיג
פון די קוסטארניקעס,
און האט גוטמוטיג זיי געדאנקט
פאר באפרייען איהם פון א שווערער אר־
בעט.

די גרעבער זיינען געווען אין כעס,
אבער איינזעהענדיג דעם שפאס
האבען ארויסגעפלאצט אין א געלעכטער.

Pat came walking out of the bushes,
and good-naturedly thanked them
for relieving him of a hard job.

The diggers were angry,
but appreciating the joke,
burst out into laughter.

די ווערטער.

to clear (קליר) אפרייניגען, אפראמען
just (דזשאסט) גראדע, פונקט
eager (איגער) גיריג, אומגעדולדיג
to reach (ריטש) גרייכען, דערלאנגען
to wonder (וואנדער) זיך וואונדערן, ניט קענען פארשטעהן
body (באדי) קערפער, גוף
to walk (וואק) געהן, שפאצירען
good-naturedly (גוד-נעיטשורדלי) גוטמוטיג, בנעימות'דיג
to thank (טהענק) דאנקען
to relieve (ריליוו) באפרייען, העלפען
hard (הארד) שווער
job (דזשאב) ארבעט, מלאכה
digger (דיגער) א גרעבער
to hide (האיד) באהאלטען, זיך באהאלטען; פארג. צייט **hid** (היד), פארטיציפ: **hidden** (הידן)
angry (ענגרי) אין כעס
to appreciate (עפרישיעיט) אפשאצען, איינזעהן, באגרייפען
burst (בורסט) פלאצען; פארג. צייט
to burst out אויספלאצען, אויסשיסען און פארטיציפ: **burst**
laughter (לעפטער) געלעכטער

contract (קאנטרעקט) קאנטראקט
to dig (דיג) גראבען; פארג. צייט און פארטיציפ: **dug**
well (ועל) ברונים
to cave (קעיוו) נאכגעבען
to cave in איינפאלען
to fill (פיל) אנפילען
top (טאפ) שפיץ; דער אויבען
cautious (קאשאס) פארזיכטיג
around (עראונד) ארום
windlass (ווינדלעס) הייב-ווינדע, ווינדע צו הייבען משאות
to crawl (קראל) קריכען
bush (בוש) קוסטארניק
event (איווענט) פאסירונג
citizen (סיטיזען) בירגער, שטאטמאן
to discover (דיסקאווער) אנטדעקען, אויסגעפינען
to suppose (סאפאוז) מיינען, רעכענען
bottom (באטאם) דער אונטען, גרונט
excavation (עקסקעוועישאן) אויסגראבונג
brisk (בריסק) לעבעדיג, פלייסיג, ענערגיש

נייע ווערטער.

near-by (ניר־באי) נאהענט

trick (טריק) שפיצעל, המצאה

געשפרעך.

plum-pudding,	**and**	**so**	**usually,**	**when**	**they**	**had**
פלאם פו'דינג	ענד	סאו	יו'זשועלי	הווען	דהעי	העד
פלוימענ־טייגאכץ	און	אזוי	געוועהנליך	ווען	זיי	האבן געהאט

it	**for**	**dinner,**	**divided**	**it**	**between**	**them.**	**But**	**the**
איט	פאר	דיינער	דיוואי'דעד	איט	ביטווין	דהעם	באט	דהי
עס	פאר	מיטאג	האבען צעטיילט	עס	צווישען	זיי, זיך	אבער	דער

captain,	**in**	**order**	**to**	**get**	**the**	**better**	**half**	**of**	**it**	**for**
קע'פטעין	אין	א'רדער	טו	געט	דהי	בע'טער	העף	אוו	איט	פאר
קאפיטאן	אין	ארדנונג	צו	קריגען	די	בעסערע	העלפט	פון	דעם	פאר

(in order:) כדי, אום

himself,	**gave**	**secret**	**directions**	**to**	**the**	**cook.**	**From**
הימסעלף	געיוו	סיקרעט	דירע'קשאנז	טו	דהי	קוק	פראם
זיך זעלבסט	ט'ער געגעבען	געהיימע	אנווייזונגען	צו	דעם	קוכער	פון

that	**time**	**the**	**captain's**	**end**	**of**	**the**	**pudding**	**was**
דהעט	טאים	דהי	קע'פטעינז	ענד	אוו	דהי	פו'דינג	וואז
יענער	צייט	דעם	קאפיטאנ'ס	ענדע, זייט	פון	דעם	טייגאכץ	איז געוועזן

full	**of**	**plums,**	**while**	**the**	**mate,**	**to**	**his**	**greatest**
פול	אוו	פלאמז	הוואיל	דהי	מעיט	טו	היז	גרעי'טעסט
פול	פון, מיט	פלוימען	וועהרענד	דער	געהילף	צו	זיין	גרעסטער

surprise,	**could**	**scarcely**	**ever**	**find**	**any.**
סאירפראיז	קוד	סקעי'רסלי	ע'ווער	פאינד	ע'ני
איבערראשונג	האט געקענט	קאם	א מאל	געפינען	וועלכע עס איז

This	went	on	nicely	for	some	time,	but	at
דהיס	ווענט	אן	נאי'סלי	פאר	סאם	טאים	באט	עט
דאס	איז אנגעגאנגען		שען, גלאט	פאר	מאנכע	צייט	אבער	צו

last	the	mate	discovered	the	trick.	In	his	turn	he
לעסט	דהי	מעיט	דיסקא'ווערד	דהי	טריק	אי'ן	היז	טוירן	הי
לעצט	דער	געהילף	האט אויסגעפונען	דעם	שפיצעל	אין	זיין	רייהע	ער

also	persuaded	the	cook	to	place	the	end	of	the
א'אלסאו	פערסוועי'דעד	דהי	קוק	טו	פלעיס	דהי	ענד	אוו	דהי
אויך	האט איינגערעדט	דעם	קוכער	צו	שטעלען	די	ענדע, זייט	פון	דעם

pudding,	in	which	the	plums	were,	next	to	himself,
פו'דינג	אין	הוויטש	דהי	פלאמז	וואייר	נעקסט	טו	הימסע'לף
טייגאכץ	אין	וועלכער	די	פלוימען	זיינען געוועזן	נאהענט	צו	זיך

and	the	end	without	the	plums	next	to	the	captain.
ענד	דהי	ענד	ווידהאו'ט	דהי	פלאמז	נעקסט	טו	דהי	קע'פטעין
און	די	ענדע, זייט	אהן	די	פלוימען	נאהענט	צו	דעם	קאפיטאן

(דער סוף — אין זיבען־און־פערציגסטער לעקציאן.)

פרייע איבערזעצונג.

די פאלגענדע שפאסיגע געשיכטע ווערט דערצעהלט פון א קאפיטאן און זיין געהילף, וועלכע האבען זעהר ליב געהאט א פלוימען־טייגאכץ און פלעגען שטענדיג, ווען מ'האט זיי עס געגעבען צו מיטאג, צעטיילען עס צווישען זיך. אבער דער קאפיטאן, כדי צו קריגען די בעסערע העלפט פאר זיך, האט אין געהיים אנגעזאגט דעם קוכער וועגען דעם. פון דאן אן איז דעם קאפיטאנ'ס זייט פון דעם טייגאכץ געוועזן פול מיט פלוימען, און זיין געהילף האט צו זיין גרעסטער פארוואונדערונג ווען־ניט־ווען געפונען א פלוים.

פאר א צייט איז דאס אנגעגאנגען גלאט, אבער צו ענדע האט דער געהילף אויסגעפונען דעם שפיצעל. איצט האט ער אויך אנגעזאגט דעם קוכער צו שטעלען די זייט פון דעם טייגאכץ מיט די פלוימען צו איהם און די זייט אהן די פלוימען צו דעם קאפיטאן.

די פראזעס און זאצען.

The following pleasant story	די פאלגענדע אנגענעהמע געשיכטע
is told of a captain and his mate,	ווערט דערצעהלט פון א קאפיטאן און זיין געהילף,
who were both very fond of plum-pudding,	וועלכע האבעןביידע זעהר ליב געהאט פלוימען־טייגאכץ,
and so usually,	און אזוי געוועהנליך,
when they had it for dinner	ווען זיי האבען עס געהאט פאר מיטאג
divided it between them.	האבען זיי עס צעטיילט צווישען זיך.
But the captain,	אבער דער קאפיטאן,
in order to get the better half of it for himself,	מיט דעם ציל (כדי) צו קריגען די גרע־סערע העלפט פאר זיך,

gave secret directions to the cook.	האט געגעבען געהיימע אנווייזונגען צו דעם קוכער.
From that time	פון יענער צייט אן
the captain's end of the pudding was full of plums,	איז דעם קאפיטאנ'ס ענדע (זייט) פון טייגאכץ געוועזן פול מיט פלוימען
while the mate,	וועהרענד דער געהילף
to his great surprise,	צו זיין גרויסער איבערראשונג,
could scarcely ever find any.	האט קאם אמאל געקענט געפינען וועל־כע־עס־איז (איינינע).
This went on nicely for some time,	דאס איז זיך אנגעגאנגען גלאט פאר א צייט,
but at last the mate discovered the trick.	אבער לסוף האט דער געהילף אויסגע־פונען דעם שפיצעל.
In his turn	אין זיין רייהע
he also persuaded the cook	האט ער אויך איינגערעדט דעם קוכער
to place the end of the pudding,	אוועקצושטעלען די ענדע (זייט) פון דעם טייגאכץ,
in which the plums were,	אין וועלכער די פלוימען זיינען געוועזן,
next to himself,	נאהענט צו זיך,
and the end without the plums	און די זייט אהן די פלוימען
next to the captain.	נאהענט צו דעם קאפיטאן.

די ווערטער.

pleasant (פלע'זענט)	אנגענעהם
story (סטאו'רי)	מעשה, געשיכטע
captain (קע'פטעין)	קאפיטאן
mate (מעיט)	געהילף
fond (פאנד)	ליבענד
to be fond of	ליב האבען, האלט האבען
plum (פלאם)	פלוים
pudding (פו'דינג)	טייגאכץ
plum-pudding	פלוימענ-טייגאכץ
usually (יו'זשועלי)	געוועהנליך
***usual** (יו'זשועל)	געוועהנליך (איינגענ־שאפטווארט)
to divide (דיוואי'ד)	צעטיילען
order (א'רדער)	ארדנונג ; צוועק
in order to...	מיט דעם צוועק צו... כדי, אום צו...
secret (סי'קרעט)	געהיים
direction (דירע'קשאן)	אנווייזונג, אנ־זאגונג
cook (קוק)	קוכער
end (ענד)	ענדע, זייט
scarcely (סקעי'רסלי)	קאם
ever (ע'ווער)	ווענ-עס-איז, אמאל
nicely (נאי'סלי)	שען, פיין, גלאט
to discover (דיסקא'ווער)	אנטדעקען, אויסגעפינען, דערגעהן
turn (טוירן)	רייהע, אטשערעד
to persuade (פערסוועי'ד)	איינרעדען
to place (פלעים)	שטעלען
without (ווידהא'וט)	אהן

געשפרעך.

What is the story of the captain and his mate ?

They were both fond of plum-pudding and used to divide it between them when they had it for dinner ; but the captain played him a trick by giving directions to the cook to put the end with the plums next to himself.

Did the mate soon find out this trick ?

No ; it went on for some time, but at last he discovered it.

What did he do when he found it out ?

He played the same trick on the captain ; he persuaded the cook to place the plum-end of the pudding next to himself.

Forty-seventh Lesson—זיבען־און־פערציגסטע לעקציאן

דער פלוימען־טייגאכץ.

(סוף פון זעקס־און־פערציגסטער לעקציאן.)

The	captain	soon	saw	the	change,	and	cunningly
דהי	קע'פטעין	סון	סאא	דהי	טשעינדזש	ענד	קא'נינגלי
דער	קאפיטאן	באלד	ט'געזעהן	די	ענדערונג	און	כיטרע

picking	up	the	dish,	as	if	to	examine	the	china,
פּיקינג	אפּ	דהי	דיש	עז	איף	טו	עגזע'מין	דהי	טשאי'נע
הייבענדיג	אויף	די	שיסעל	אלס (אזוי ווי)	אויב	צו	באזעהן, באקוקען	די	פארצעליי

turned	the	end	with	the	plums	in	it	towards
טוירנד	דהי	ענד	ווידה	דהי	פלאמז	אין	איט	טאו'ארדז
ט'איבערגעדרייט	די	ענדע, זייט	מיט	די	פלוימען	אין	דעם	צו

himself,	and	while	saying,	"This	dish	cost	me	ten
הימסע'לף	ענד	הוואיל	סעי'אינג	דהיס	דיש	קאסט	מי	טען
זיך	און	וועהרענד	זאגענדיג	דיזע	שיסעל	האט געקאסט	מיר	צעהן

shillings,"	set	it	down	with	the	end,	in	which	the
שיי'לינגז	סעט	איט	דאון	ווידה	דהי	ענד	אין	הוויטש	דהי
שילינגס	ט'געשטעלט	זי	ארונטער	מיט	דער	ענדע, זייט	אין	וועלכער	די

plums	were,	next	to	himself.
פלאמז	וואויר	נעקסט	טו	הימסע'לף
פלוימען	זיינען געווען	נאהענט	צו	זיך

"Is it possible," said the mate, also taking up
אָפּ טעי'קינג אָ'אלסאָו מעיט דהי סעד פּאָ'סיבל איט איז
אויף גענעהמענדיג אויך געהילף דער ט'געזאָגט מעגליך עס איז
(אויפהייבענדיג)

the dish. "I really did not think it worth more
מאָור וואָירטה איט טהינק נאָט דיד ריי'עלי אי דיש דהי
מעהר ווערט עס דענקען ניט האָב געטאָן ווירקליך איך שיסעל די
(האָב ניט געדענקט אַז עס איז)

than a shilling," and down came the dish with the
דהי ווידה דיש דהי קעים דאַון ענד שי'לינג עי דהען
דער מיט שיסעל די איז געקומען אַרונטער און שילינג אַ ווי

plum-end towards the mate.
מעיט דהי טאָו'אָרדז ענד פּלאָם
געהילף דעם צו זייט פלוימען

The captain looked at the mate, the mate looked
לוקד מעיט דהי מעיט דהי עט לוקד קע'פּטעין דהי
האָט געקוקט געהילף דער געהילף דעם אויף האָט געקוקט קאַפּיטאַן דער

at the captain; the captain laughed, the mate
מעיט דהי לעפד קע'פּטעין דהי קע'פּטעין דהי עט
געהילף דער האָט געלאַכט קאַפּיטאַן דער קאַפּיטאַן דעם אויף

laughed. "Young man," said the captain, "you have
העוו יו קע'פּטעין דהי סעד מען יאָנג לעפד
האָט איהר קאַפּיטאַן דער האָט געזאָגט מאַן יונגער האָט געלאַכט

found me out. "Well, for this time let us divide
דיוואַי'ד אָס לעט טאַים דהיס פאָר וועל אַוט מי פאַונד
צעטיילען אונז לאָזט מאָל דיזען פאַר נו אויס מיך געפונען
(מיך אויסגעפונען)

this pudding lengthwise, and hereafter we will have
העוו וויל ווי הירע'פטער ענד לע'נגטהוואַיז פּו'דינג דהיס
האָבען וועלען מיר פון איצט אָן און אין דער לענג טייגאַכץ דיזען

the plums fairly divided between us."
אָס ביטוויי'ן דיוואַי'דעד פעי'רלי פּלאָמז דהי
אונז צווישען צעטיילט עהרליך פלוימען די

פרייע איבערזעצונג.

דער קאַפּיטאַן האָט באַלד באַמערקט די ענדערונג, און ביטרע אויפהייבענ־דיג די שיסעל, כלומרשט צו באַקוקען די פּאָרצעליי, האָט ער איבערגעדרייט די זייט מיט די פלוימען צו זיך, און מיט די ווערטער: „די שיסעל האָט מיר געקאָסט צעהן שילינג,“ האָט ער זי אוועקגעשטעלט מיט דער זייט, אין וועלכער עס זיינען געווען די פלוימען, צו זיך.

„ווירקליך?“ האָט געזאָגט דער געהילף, אויך אויפהייבענדיג די שיסעל. „איך האָב געמיינט, אַז אַזאַ שיסעל איז ניט ווערט מעהר ווי אַ שילינג,“ און ער האָט געגעבען אַ שטעל די שיסעל מיט דער זייט פון די פלוימען צו זיך.

דער קאַפּיטאַן האָט אַנגעקוקט דעם געהילף, דער געהילף האָט אַנגעקוקט דעם קאַפּיטאַן; דער קאַפּיטאַן האָט געלאַכט, דער געהילף האָט געלאַכט. —

„יונגערמאַן,“ האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, „איהר האָט אויסגעפונען מיין שפּיצעל. נו, גוט, דעם מאָל לאָמיר צעטיילען דעם טייגאַכץ איבער דער לענג, און פון היינט אָן וועלען מיר עהרליך צעטיילען די פלוימען צווישען אונז ביידען.“

די פראַזעס און זאַצען.

The captain soon saw the change,	דער קאַפּיטאַן האָט באַלד געזעהן די ענ־דערונג,
and cunningly picking up the dish,	און כיטרע אויפהייבענדיג די שיסעל,
as if to examine the china,	אַזוי ווי (ער וואָלט וועלען) באַקוקען די פאָרצעליי,
turned the end with the plums in it towards himself,	האָט ער איבערגעדרייט די ענדע (זייט) מיט די פלוימען דערין צו זיך,
and while saying,	און זאָגענדיג:
"This dish cost me ten shillings,"	„די שיסעל האָט מיר געקאָסט צעהן שילינג,“
set it down with the end, in which the plums were, next to himself.	האָט ער זי אַוועקגעשטעלט מיט דער זייט, אין וועלכער עס זיינען געווען די פלוימען, נאָהענט צו זיך.
"Is it possible,"	„איז עס מעגליך,“
said the mate,	האָט געזאָגט דער געהילף,
also taking up the dish.	אויך אויפהייבענדיג די שיסעל.
"I really did not think it worth more than a shilling,"	„איך האָב ווירקליך ניט געדענקט זי איז ווערט מעהר ווי אַ שילינג.“
and down came the dish with the plum-end towards the mate.	און די שיסעל איז אַרונטערגעקומען מיט דער פלוימען־זייט צום געהילף.
The captain looked at the mate,	דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט אויף דעם געהילף,
the mate looked at the captain;	דער געהילף האָט געקוקט אויף דעם קאַפּיטאַן;
the captain laughed,	דער קאַפּיטאַן האָט געלאַכט,
the mate laughed.	דער געהילף האָט געלאַכט.
"Young man," said the captain,	„יונגער מאַן,“ האָט געזאָגט דער קאַ־פּיטאַן,
"you have found me out.	„איהר האָט מיך אויסגעפונען.
Well, for this time	נו, פאַר היינטיגס מאָל
let us divide this pudding lengthwise,	לאָמיר צעטיילען דעם טייגאַכץ איבער דער לענג,
and hereafter	און פון איצט אָן
we will have the plums fairly divided between us."	וועלען מיר האָבען די פלוימען עהרליך צעטיילט צווישען אונז.“

די ווערטער.

shilling (שי'לינג) — שילינג (ענגלישע מטבע פון 12 פענים = 24 סענט)

to set down — אַרונטערשטעלען

possible (פּאָ'סיבל) — מעגליך

also (אָ'אָלסאָו) — אויך

to take up — אויפהייבען

really (רי'עלי) — ווירקליך, באמת

to laugh (לעף) — לאַכען

to find out — אויסגעפינען, דערטאַפּען

to divide (דיוואַי'ד) — צעטיילען

lengthwise (לע'נגטהוואַיז) — איבער דער לענג, אין דער לענג

hereafter (היר'עפטער) — פון איצט אָן, פון היינט אָן

fairly (פעי'רלי) — עהרליך, אָרענטליך

change (טשעינדזש) — ענדערונג

cunningly (קאַ'ניגגלי) — כיטרע, שלוי

***cunning** (קאַ'נינג) — כיטרע (איינגע־שאַפּטוואָרט)

to pick up — אויפהייבען

if (איף) — אויב

as if — אַזוי ווי

to examine (עגזע'מין) — אונטערזוכען, באַזעהן, באַקוקען

china (טשאַי'נע) — פּאָרצעלייי (אייגענטליך: כינע, קיטאַי)

to turn (טוירן) — איבערדרעהען

cost (קאָסט) — קאָסטען; פּארג. צייט און פּאַרטיציפּ: **cost**

געשפּרעך.

What did the captain do when he saw the change?

He played another trick on the mate. He picked up the dish, as if to examine the china, and saying, "This dish cost me ten shillings," he put it down with the plum-end next to himself.

Did the mate let him get off with this new trick?

Not at all; he paid him back in his own coin. He took up the dish, and saying, "I really did not think it worth more than a shilling," put it down with the plums next to himself.

What was the end of the story?

The captain, seeing that his mate found him out, agreed for this time to divide the pudding lengthwise and hereafter to have the plums divided fairly between them.

Forty-eighth Lesson—אכט־און־פערציגסטע לעקציאָן

אַ סעודה פון צינגער.

Aesop, the father of the Greek fables, was

וואז פעיבלז גריק דהי אוו פאַדהער דהי איסאַפּ

איז געווען פאַבלען גריכישע די פון פאַטער דער עזאָפּ

the servant of a philosopher named Xanthus. One

וואַן זאַנטהאַם נעימד פילאָסאָפער עי אוו סויררוועטנ דהי

איין קסאַנטוס מיט׳ן נאָמען פילאָסאָף אַ פון דינער דער

day his master, desiring to entertain some of his

היז אוו סאַם ענטערטעין טו דיזאַירינג מעסטער היז דעי

זיינע פון איינינע אויפנעהמען צו ווּלענדיג בעל־הבית זיין טאָג

friends to dinner, ordered him to provide the best

בעסט דהי פראָוואַיד טו הים אָרדערד דיינער טו פרענדז

בעסטע די פאַרשאַפען, איינקויפען צו איהם האָט געהייסען אַ מאָהלצייט צו, מיט פריינט

things he could find in the market. Aesop thereupon

דהעראַפּאָן איסאָפּ מאַרקעט דהי אין פאַינד קוד הי טהינגז

באַלד נאָך דעם עזאָפּ מאַרק דעם אין געפינען ט׳געקענט ער זאַכען

made a large provision of tongues, which he ordered

אָרדערד הי הוויטש טאַנגז אוו פראָוויזשאַן לאַרדזש עי מעיד

האָט געהייסען ער וועלכע צינגער פון איינקויף גרויסען אַ ט׳געמאַכט

the cook to serve up with different sauces. When

הוועז סאָסיז דיפערענט ווידה אַפּ סוירוו טו קוק דהי

ווען געווירצטע זופען פאַרשיידענע מיט דערלאַנגען, סערווירען צו קוכער דעם

dinner came, the first and second courses, the

דהי קאָורסיז סעקאַנד ענד פוירסט דהי קעים דיינער

די געריכטען צווייטע און ערשטע די איז געקומען די מאָלצייט

side-dishes, and the desserts, were all tongues.

טאַנגז אָאל וואוויר דעזוירטס דהי ענד סאַיד דיישיז

צינגער אַלע זיינען געווען נאָכשפּייזען דהי און זייט געריכטען

צווישען־געריכטען

"Did I not order you," said Xanthus in a violent

וואַיאָולענט עי אין זאַנטהאַס סעד יו אָרדער נאַט אַי דיד

גוואַלטיגען אַ אין קסאַנטוס האָט געזאָגט דיר הייסען ניט איך האָב געטאָן

האָב איך ניט געהייסען

passion, to buy the best victuals which the market

מאַרקעט דהי הוויטש וויטלז בעסט דהי באַי טו פעשאַן

מאַרק דער וועלכע עסענוואַרג בעסטע די קויפען צו צאָרן

afforded?"

עפאָרדעד

ט׳געגעבען, פאַרמאָגט

"And have I not obeyed your orders?" said
סעד א'רדערז יור אובעי'ד נאט אי העוו ענד
ט'געזאגט באפעהלען אייערע געפאלגט ניט איך האב און

Aesop. "Is there anything better than tongues? Is
איז טאנגז דהען בע'טער ע'ניטהינג דהער איז אי'סאפ
איז צינגער ווי בעסערס עפעס דא איז עזאפ

not the tongue the bond of civil society, the key
קי דהי סאוסאי'איטי סי'וויל אוו באנד דהי טאנג דהי נאט
שליסעל דער געזעלשאפט בירגער־ליכער פון פארבאנד דער צונג דער ניט

of science, and the organ of reason? It is by
באי איז איט ריזן אוו א'רגען דהי ענד סאי'ענס אוו
דורך איז עס שכל פון ארגאן דער און וויסענשאפט פון

means of the tongue cities are built, and governments
גא'ווערנמענטס ענד בילט אר סי'טיז טאנג דהי אוו מינז
רעגירונגען און געבויט ווערען שטעט צונג דעם פון מיטעל, הילף

established, and with it men instruct, persuade, and
ענד פערסוועי'ד אינסטרא'קט מען איט ווידה ענד עסטע'בלישד
און איבערצייגען באלעהרען מענשען איהם מיט און געגרינדעט, איינגעריכט

preside in assemblies."
עסע'מבליז אין פריזאי'ד
פארזאמלונגען אין פיהרען דעם פארזיץ

"Well, then," replied Xanthus, "go to the
דהי טו גאו זא'נטהאס ריפלאי'ד דהען וועל
דעם צו, אין געה קסאנטוס האט געענטפערט דאן נו

market to-morrow and buy me the worst things
טהינגז וואוירסט דהי מי באי ענד טו־מא'ראו מא'רקעט
זאכען ערגסטע די מיר קויף און מארגען מארק

you can find. This same company shall dine with
ווידה דאין שעל קא'מפעני סעים דהיס פאינד קען יו
מיט שפייזען זאל קאמפאניע זעלביגע דיזע געפינען קענסט דו

me, and I have a mind to change my entertainment."
ענטערטעי'נמענט מאי טשעינדזש טו מאינד עי העוו אי ענד מי
געסט־אויפנאהמע מיין ענדערן צו לוסט א האב איך און מיר
(איך האב א לוסט = איך וויל)

(דער סוף — אין ניין־און־פערציגסטער לעקציאן.)

פרייע איבערזעצונג.

עזאפ, דער פארפאסער פון די גריכישע פאבלען, איז געווען א דינער ביי א פילאסאף מיט'ן נאמען קסאנטוס. איין טאג האט זיין בעל־הבית, וועלכער האט געוואלט מאכען א סעודה פאר געסט, איהם געהייסען איינקויפען די בעסטע זאכען, וואס ער וועט געפינען אין מארק. עזאפ האט דאן איינגעקויפט א סך צינגער, וועלכע ער האט אנגעזאגט דעם קוכער צו דערלאנגען מיט פארשיידענע סאסען (געווירצטע זופען). ווען די מאהלצייט איז געקומען, זיינען אלע געריכטען —

די פארשפייזען, די צווישענשפייזען און די נאכשפייזען — געווען לויטער ציגנער.

„האב איך דיר ניט באפוילען,“ האט געזאגט קסאנטוס מיט גרויס כעס, „צו קויפען די בעסטע עסענווארג, וואס דו קענסט קריגען אין מארק?“ — „און האב איך ניט געפאלגט אייער באפעהל?“ האט געזאגט עזאפ. „איז דען דא עפעס בעסערס ווי ציגנער? דער צונג איז דאך דער מיטעל, וואס פארבינדט די מענשליכע געזעלשאפט, דער שליסעל פון וויסענשאפט און דער ארגאן פון שכל. דורך דעם צונג ווערען געבויט שטעט און איינגעארדענט רעגירונגען, מיט איהם גיבען מענשען באלעהרונג, איבערציינגען און פיהרען דעם פארזיץ אין פארזאמלונגען.“

„נו גוט,“ האט געענטפערט קסאנטוס, „געה זשע מארגען אין מארק און קויף מיר די ערגסטע זאכען, וואס דו קענסט געפינען. די זעלביגע געזעלשאפט וועט שפייזען ביי מיר און איך וויל זיי געבען אן אנדער סארט סעודה.“

די פראזעס און זאצען.

Aesop, the father of the Greek fables,	עזאפ, דער פאטער פון די גריכישע פאבלען,
was the servant of a philosopher named Xanthus.	איז געווען דער דינער פון א פילאסאף מיט'ן נאמען קסאנטוס.
One day his master,	איין טאג זיין בעל־הבית,
desiring to entertain some of his friends to dinner,	ווילענדיג אויפנעהמען איינינע פון זיינע פריינט מיט א מאהלצייט,
ordered him to provide the best things he could find in the market.	האט איהם געהייסען פארשאפען די בעסטע זאכען (וואס) ער האט געקענט געפינען אין מארק.
Aesop thereupon made a large provision of tongues,	עזאפ האט דאן געמאכט א גרויסען איינקויף פון ציגנער,
which he ordered the cook to serve up with different sauces.	וועלכע ער האט געהייסען דעם קוכער סערווירען מיט פארשיידענע סאסען (געווירצטע זופען).
When dinner came,	ווען די מאהלצייט איז געקומען,
the first and second courses,	די ערשטע און צווייטע געריכטען,
the side-dishes,	די צווישען־געריכטען,
and the desserts,	און די נאכשפייזען,
were all tongues.	זיינען אלע געווען ציגנער.
"Did I not order you," said Xanthus, in a violent passion,	„האב איך דיר ניט געהייסען,“ האט געזאגט קסאנטוס, מיט גוואלטיגען צארן,
"to buy the best victuals which the market afforded?"	„קויפען די בעסטע עסענווארג וואס דער מארק האט פארמאגט?“

"And have I not obeyed your orders ?" said Aesop.	„און האָב איך ניט געפאָלגט אייערע באַפעהלען ?" האָט געזאָגט עזאָפ.
"Is there anything better than tongues ?	„איז דאָ עפּעס בעסערס ווי צינגער ?
Is not the tongue the bond of civil society, the key of science, and the organ of reason ?	איז דער צונג ניט דער פאַרבאַנד פון בירגערליכער געזעלשאַפט, דער שליסעל פון וויסענשאַפט, און דער אָרגאַן פון שכל ?
It is by means of the tongue cities are built,	עס איז מיט דער הילף פון דעם צונג (דאָס) שטעט ווערען געבויט
and governments established,	און רעגירונגען (ווערען) איינגעריכט,
and with it men instruct, persuade, and preside in assemblies."	און מיט איהם גיבען די מענשען באַלעהרונג, איבערצייגען און פיהרען דעם פאָרזיץ אין פאַרזאַמלונגען."
"Well, then," replied Xanthus,	„נו גוט," האָט געענטפערט קסאַנטוס,
"go to the market to-morrow	„געה מאָרגען אין מאַרק
and buy me the worst things you can find.	און קויף מיר די ערגסטע זאַכען, וועלכע דו קענסט געפינען.
This same company shall dine with me,	דיזע זעלביגע קאָמפּאַניע זאָל שפּייזען מיט מיר
and I have a mind to change my entertainment."	און איך האָב א לוסט (איך וויל) ענדערן מיין אויפנאַהמע."

די ווערטער.

servant (סויּ'רוועגט) א דינער	to serve up סערווירען, דערלאַנגען צום טיש
philosopher (פילאָ'סאָפער) פילאָסאָף	different (דיי'פערענט) פאַרשיידען
named (נעימד) געהייסען מיט'ן נאָמען	sauce (סאָאס) סאָס, געווירצטע זופּ
*to name (נעים) געבען א נאָמען, אָנרופען	course (קאָורס) גאַנג ; געריכט
to entertain (ענטערטעי'ן) אונטערהאַלטען, אויפנעהמען (געסט)	side-dish (סאַי'ד-דיש) צווישענגעריכט
to order (אָ'רדער) באַפעהלען, הייסען	dessert (דעזער'רט) נאָכשפּייז
to provide (פּראָו-וואַי'ד) פאַרשאַפען, איינקויפען	violent (וואַי'אָולענט) געוואַלטיג, שטאַרק
market (מאַ'רקעט) מאַרק	passion (פּע'שאָן) ליידענשאַפט ; כעס, צאָרן
thereupon (דהעראָפּאָ'ן) דערנאָך, באַלד נאָך דעם	victuals (וויטלן) עסענוואַרג
provision (פּראָו-ווי'זשאָן) פאַרשאַפונג, איינקויף	to afford (עפאָ'רד) געבען, פאַרשאַפען, פאַרמעגען
tongue (טאָנג) א צונג	to obey (אָובעי') געהאָרכען, פאָלגען
to serve (סוירוו) דינען ; סערווירען	order (אָ'רדער) באַפעהל

געבויט (פארטיציפ פון build) built (בילט)

* * *

רעגירונג government (גא'ווערנמענט)

עטאבלי־רען, איינריכטען to establish (עסטע'בליש)

באלעהרען, געבען באלעהרונג to instruct (אינסטרא'קט)

איבערריי־דען, איינריידען, איבערצייגען to persuade (פערסוועי'ד)

פארזיצען, פיה־רען דעם פארזיץ to preside (פריזאי'ד)

אסיפה, פאר־זאמלונג, פארלאמענט assembly (עסע'מבלי)

בונד, פארבאנד bond (באנד)

בירגערליך civil (סי'וויל)

געזעלשאפט society (סאוסאי'איטי)

שליסעל key (קי)

וויסענשאפט science (סאי'ענס)

ארגאן, ווערקצייג organ (א'רגען)

שכל, פארנונפט reason (ריזן)

מיטעל means (מינז)

דורך דעם מיטעל פון, דורך by means of

שטאט city (סי'טי)

געשפרעך.

Who was Aesop ?

He was the father of the Greek fables.

Whose servant was he ?

He was the servant of Xanthus, a Greek philosopher.

What did Xanthus order him to do one day ?

He ordered him to provide the best things he could find in the market for a feast he desired to give to some of his friends.

What did Aesop provide ?

He provided many tongues which he ordered the cook to serve up with different sauces.

Was his master satisfied with the dishes ?

He was not, and he was very angry ; he wondered why he bought tongues when he had told him to get the b e s t victuals he could find.

What did Aesop say ?

He said there was not anything better than tongues, the tongue being the bond of civil society, the key of scince, and the organ of reason.

What did his master tell him then ?

He then told him that he would change his entertainment and that he wanted him to buy the w o r s t things he could find in the market.

Forty-ninth Lesson—ניין־און־פערציגסטע לעקציאן

א סעודה פון ציגנער.

(סוף פון אכט־און־פערציגסטער לעקציאן.)

When	Xanthus	assembled	his	friends	the	next
הווען	זא'נטהאס	עסע'מבלד	היז	פרענדז	דהי	נעקסט
ווען	קסאנטוס	האט פארזאמעלט	זיינע	פריינט	דעם	נעכסטען

day,	he	was	astonished	to	find	that	Aesop	had
דעי	הי	וואז	עסטא'נישד	טו	פאינד	דהעט	אי'סאפ	העד
טאג	ער	איז געווען	פארוואונדערט	צו	געפינען	דאס	עזאפ	האט געהאט

provided	nothing	but	the	very	same	dishes.
פראו־וואי'דער	נא'טהינג	באט	דהי	וועי'רי	סעים	דישיז
צוגעגרייט	גארנישט	אויסער	די	סאמע	זעלביגע	געריכטען

"Did	I	not	tell	you,"	said	Xanthus,	"to	purchase
דיד	אי	נאט	טעל	יו	סעד	זא'נטהאס	טו	פוי'רטשעיס
האב געטאן	איך	ניט	זאגען	דיר	ט'געזאגט	קסאנטוס	צו	קויפען

the	worst	things	for	this	day's	feast?	How	comes
דהי	וואוירסט	טהינגז	פאר	דהיס	דעיז	פיסט	האו	קאמז
די	ערגסטע	זאכען	פאר	דיזען	טאג'ס	מאהלצייט	ווי	קומט

it,	then,	that	you	have	placed	before	us	the	same
איט	דהען	דהעט	יו	העוו	פלעיסד	ביפאו'ר	אס	דהי	סעים
עס	אלזא	דאס	דו	האסט	געשטעלט	פאר	אונז	דעם	זעלביגען

kind	of	food,	which	only	yesterday	you	declared
קאינד	אוו	פוד	הוויטש	או'נלי	יע'סטערדעי	יו	דיקלעי'רד
סארט	פון	שפייז	וועלכען	נאר, ערשט	נעכטען	דו	האסט דערקלערט

to	be	the	very	best?"
טו	בי	דהי	ווע'רי	בעסט
צו	זיין	די	סאמע	בעסטע

Aesop,	not	at	all	abashed,	replied:	"The	tongue
אי'סאפ	נאט	עט	אאל	עבע'שד	ריפלאי'ד	דהי	טאנג
עזאפ	ניט	אין	גאנצען	סקאנפוזשעט	האט געענטפערט	דער	צונג

(not at all: גאר ניט)

is	the	worst	thing	in	the	world	as	well	as	the
איז	דהי	וואוירסט	טהינג	אין	דהי	וואוירלד	עז	וועל	עז	דהי
איז	די	ערגסטע	זאך	אין	דער	וועלט	אזוי	גוט	ווי	די

best;	for	it	is	the	instrument	of	all	strife	and
בעסט	פאר	איט	איז	דהי	איי'נסטרומענט	אוו	אאל	סטראיף	ענד
בעסטע	ווייל	ער	איז	דער	אינסטרומענט, ווערקצייג	פון	אלע	קריג	און

contention,	the	fomenter	of	law-suits,	the	source	of
קאנטע'נשאן	דהי	פאומע'נטער	אוו	לאא'סיוטס	דהי	סאורס	אוו
שטרייט	דער	אויפרייצער	פון	קלאגעס, משפטים	דער	קוואל	פון

division	and	war,	the	organ	of	error,	of	calumny,
דיוויי'זשאן	ענד	וואאר	דהי	א'רגען	אוו	ע'ראר	אוו	קע'לאמני
שפאלטונג	און	מלחמה	דער	ארגאן	פון	אירטום, טעות	פון	פארליימדונג (לשון הרע)

of	falsehood,	and	of	profanity."
אוו	פא'אלסהוד	ענד	אוו	פראופע'ניטי
פון	שקר, ליגען	און	פון	לעסטערונג

שפריכווערטער.

Wide	ears	and	a	short	tongue	are	best.
וואיד	אירז	ענד	עי	שארט	טאנג	אר	בעסט
ברייטע	אויערן	און	א	קורצער	צונג	זיינען	די בעסטע

He	that	has	a	tongue	in	his	head	may	find
הי	דהעט	העז	עי	טאנג	אין	היז	העד	מעי	פאינד
ער (דער)	וועלכער	האט	א	צונג	אין	זיין	קאפ	קען	געפינען

his	way	where	he	pleases.
היז	וועי	הווער	הי	פליזיז
זיין	וועג	וואו	ער	וויל

פרייע איבערזעצונג.

דעם צווייטען טאג, ווען קסאנטוס האט פארזאמעלט זיינע פריינט, איז ער געווארען פארוואונדערט צו זעהן, דאס עזאפ האט ווידער צוגעגרייט די זעלביגע געריכטען — צינגער.

„האב איך דיר ניט באפוילען,“ האט געזאגט קסאנטוס, „צו קויפען די ע ר ג ס ט ע זאכען פאר היינטיגע מאהלצייט? ווי זשע קומט עס, דאס דו האסט אונז דערלאנגט דעם זעלביגען סארט שפייז, וועלכען דו האסט ערשט נעכטען דערקלערט פאר דעם בעסטען?“

עזאפ איז גארניט געווארען סקאנפוזשעט און האט געענטפערט: „דער צונג איז די ערגסטע זאך אין דער וועלט אזוי גוט ווי די בעסטע; ווייל ער איז דער מיטעל פון שטרייט און מחלוקת, דער אויפרייצער צו משפטים, דער קוואל פון שפאלטונג און מלחמה, דער ארגאן פון טעות'ן און לשון הרע, פון ליגען און לעסטערונג.“

ברייטע אויערן און א קורצער צונג זיינען די בעסטע (ד. ה. מען דארף אלעס הערען און ווייניג ריידען).

דער וואס האט א צונג, קען געפינען דעם וועג וואו ער וויל (ווער עס קען ריידען, קומט איבעראל דורך).

די פראַזעם און זאַצען.

When Xanthus assembled his friends next day,	ווען קסאַנטוס האָט פאַרזאַמעלט זיינע פריינט דעם נעכסטען טאָג,
he was astonished to find	איז ער געוואָרען פאַרוואונדערט צו געפינען,
that Aesop had provided nothing but the very same dishes.	דאָס עזאָפּ האָט ניט צוגעגרייט קיין זאַך אויסער די סאַמע זעלביגע געריכטען.
"Did I not tell you," said Xanthus,	„האָב איך דיר ניט געזאָגט," האָט געזאָגט קסאַנטוס,
"to purchase the worst things for this day's feast ?	„צו קויפען די ערגסטע זאַכען פאַר דיזען טאָג'ס (פאַר היינטיגען) מאָהלצייט?
How comes it, then,	ווי קומט עס אַלזאָ,
that you have placed before us the same kind of food,	דאָס דו האָסט געשטעלט פאַר אונז דעם זעלביגען סאָרט שפּייז,
which only yesterday you declared to be the very best ?"	וועלכען דו האָסט ערשט נעכטען דערקלערט פאַר דעם סאַמע בעסטען."
Aesop, not at all abashed, replied :	עזאָפּ, גאָר ניט סקאָנפוזשעט, האָט געענטפערט:
"The tongue is the worst thing in the world as well as the best ;	„דער צונג איז די ערגסטע זאַך אין דער וועלט אַזוי גוט ווי די בעסטע;
for it is the instrument of all strife and contention,	ווייל ער איז דער אינסטרומענט (די ווערקצייג) פון אַלע קריג און שטרייט,
the fomenter of law-suits,	דער אויפרייצער פון משפטים,
the source of division and war,	דער קוואַל פון שפּאַלטונג און מלחמה,
the organ of error, of calumny, of falsehood, and of profanity."	דער אָרגאַן פון טעות, פון פאַרליימדונג, פון ליגען און פון לעסטערונג."

די ווערטער.

to assemble (עסע'מבל)	פאַרזאַמלען
next (נעקסט)	נעכסטער, פאָלגענדער
astonish (עסטאָ'ניש)	פאַרוואונדערן
to be astonished	פאַרוואונדערט ווערען, נשתומם ווערען
very (ווע'רי)	זעהר; סאַמע
the very same	די סאַמע זעלביגע
to purchase (פוי'רטשעים)	קויפען
to come (קאָם)	קומען
how comes it ?	ווי קומט עס, ווי אַזוי איז עס ?
to place (פלעים)	שטעלען, אוועקשטעלען
food (פוד)	שפּייז
only (אָו'נלי)	נאָר, ערשט
wide (וואַיד)	ברייט
ear (איר)	אַן אויער
head (העד)	קאָפּ
to please (פליז)	אימעצן געפעלען, זיין ליב, וועלען
to declare (דיקלעי'ר)	דערקלערען
to abash (עבע'ש)	סקאָנפוזשען, צעמישען, ברייננגען אין פאַרלעגענהייט
instrument (אי'נסטרומענט)	אינסטרומענט, ווערקצייג
strife (סטראַיף)	שטרייט, קריג

מלחמה, קריג war (וואָר)

אירטום, טעות error (ע'ראָר)

פארליימדונג, לשון הרע calumny (קע'לאַמני)

שקר, ליגען falsehood (פאָ'אָלסהוד)

לעסטערונג, פארשוועכונג פון הייליגקייטען profanity (פּראָופע'ניטי)

שטרייט, מחלוקת contention (קאָנטע'נשאָן)

אויפרייצער fomenter (פאָומע'נטער)

אויפרייצען *to foment (פאָומע'נט)

קלאגע, משפט lawsuit (לאָא'סיוט)

קוואל, מקור source (סאָורס)

צעטיילונג, שפאלטונג division (דיווי'זשאָן)

געשפרעך.

What kind of dishes did Aesop provide for the second feast?

He provided the same dishes as the day before — dishes of tongues.

I suppose his master was astonished?

He certainly was; he could not understand why Aesop bought the same things, which only yesterday he declared to be the best, when he had told him to buy the worst things he could find.

What did Aesop say to his astonished master?

He said there was not anything better than tongues, the tongue being the instrument of strife, the fomenter of law-suits, the source of war, the organ of calumny, of falsehood, and of profanity.

Fiftieth Lesson—פופציגסטע לעקציאָן

אַ מאָטאָ פאַר אַ שענק.

It	is	told	of	Sir	Walter	Scott	that	he
איט	איז	טאָולד	אָוו	סויר	וואָ'לטער	סקאָט	דהעט	הי
עס	ווערט	דערצעהלט	פון	סער	—	—	דאָס	ער

was	sitting	in	his	library	one	day	when	a	tall
וואָז	סי'טינג	אין	היז	לאַי'ברערי	וואָן	דעי	הווען	עי	טאָאָל
ז'געווען	זיצענדיג	אין	זיין	ביבליאָטעק	איין	טאָג	ווען, אלס	אַ	הויכער
איז געזעסען									

Scotchman,	who	had	been	building	an	inn	near
סקאָ'טשמען	הו	העד	בין	בי'לדינג	ען	אין	ניר
שאָטלענדער	וועלכער	ט'געהאַט	געווען	בויענדיג	אַ	קרעטשמע	נאָהענט
		האָט געהאַלטען אין בויען					

by,	came	in	and	said:
באַי	קעים	אין	ענד	סעד
דערביי	ז'געקומען	אַריין	און	האָט געזאָגט

"May	it	please	you,	Sir	Walter,	I	am	going
מעי	איט	פליז	יו	סויר	וואָ'לטער	אַי	עם	גאָו'אינג
מעג	עס	באַליבען	אייך	סער	—	איך	בין	געהענדיג
						איך האָב בדעה		

to	call	my	place	"The	Flodden	Inn,"	and	as	you
טו	קאָאָל	מאַי	פלעים	דהי	פלאָדן	אין	ענד	עז	יו
צו	רופען	מיין	פלאַץ	די	—	קרעטשמע	און	אַזוי ווי	איהר

have	written	a	poem	on	Flodden	Field,	it	struck
העוו	ריטן	עי	פאָו'עם	אָן	פלאָדן	פילד	איט	סטראָק
האָט	געשריבען	אַ	געדיכט	אויף	—	פעלד	עס	איז איינגע־פאַלען

me	and	my	wife	that	you	might	give	us	a	line
מי	ענד	מאַי	וואַיף	דהעט	יו	מאַיט	גיוו	אָס	עי	לאַין
מיר	און	מיין	ווייב	דאָס, אַז	איהר	וואָלט געקענט	געבען	אונז	אַ	שורה

for	a	motto."
פאָר	עי	מאָ'טאָו
פאַר	אַ	שפּרוך

"Have	you	read	the	poem?"	asked	Sir
העוו	יו	רעד	דהי	פאָו'עם	עסקד	סויר
האָט	איהר	געלייענט	דאָס	געדיכט	האָט געפרעגט	סער

Walter.
וואָ'לטער
—

“No,	Sir,	I	am	not	a	reader.”
נאו	סויר	אי	עם	נאט	עי	ריי'דער
ניין	מיין הער	איך	בין	ניט	א	לעזער

“Then	you	know	nothing	about	it ?”
דהען	יו	נאו	נא'טהינג	עבא'וט	איט
דאן אלזא	איהר	ווייסט	גארנישט	וועגען	איהם

“Nothing,	but	I’ve	heard	them	say	that	it’s	a
נא'טהינג	באט	איי'וו	הוירד	דהעם	סעי	דהעט	איט'ס	עי
גארנישט	אבער	כ'האב	געהערט	זיי	זאגען	דאס	ס'איז	א

very	fine	thing.”
ווע'רי	פאין	טהינג
זעהר	שענע	זאך

“Well,	I	should	advise	you	to	take	a	verse
וועל	אי	וואוד	עדוואיי'ז	יו	טו	טעיק	עי	וואוירס
נו	איך	וואלט	ראטען	אייך	צו	נעהמען	א	פערז

from	the	poem	itself.”
פראם	דהי	פאו'עם	איטסע'לף
פון	דעם	געדיכט	זעלבסט

“And	what’ll	that	be ?”
ענד	הוואט'ל	דהעט	בי
און	וואס וועט	דאס	זיין

“ ‘Drink,	weary	traveler —	drink	and	pray.’ ”
דרינק	וויי'רי	טרע'וועלער	דרינק	ענד	פרעי
טרינק	מידיגער	וואנדערער	טרינק	און	בעט (צו גאט)

“But	my	inn	will	not	be	a	church,”	said	the
באט	מאי	אין	וויל	נאט	בי	עי	טשוירטש	סעד	דהי
אבער	מיין	קרעטשמע	וועט	ניט	זיין	א	קירך	ט'געזאגט	דער

man ;	“and	the	more	praying	there	is	the	less
מען	ענד	דהי	מאור	פרעי'אינג	דהער	איז	דהי	לעס
מאן	און	דאס	מעהר	בעטען	דא	איז	דאס	ווייניגער
		וואס מעהר					אלץ ווייניגער	

drinking	there	will	be,	and	I	don’t	want	that.”
דרי'נקינג	דהער	וויל	בי	ענד	אי	דאונ'ט	וואנט	דהעט
טרינקען	דא	וועט	זיין	און	איך	טו ניט	ווילען	דאס

“Oh,”	laughed	Sir	Walter,	“I	think	I	can	fix
או	לעפד	סויר	וואַ'לטער	אי	טהינק	אי	קען	פיקס
א !	האט געלאכט	סער	——	איך	דענק	איך	קען	פאר־ריכטען

the	verse	by	leaving	out	one	letter,	an	r.”
דהי	וואוירס	באי	לי'ווינג	אוט	וואן	לע'טער	ען	אר
דעם	פערז	דורך	לאזען	ארויס	איין	בוכשטאב	אן	„אר“

“How	will	it	be	then ?”
האו	וויל	איט	בי	דהען
ווי	וועט	עס	זיין	דאן

“ ‘Drink,	weary	traveler —	drink	and	pay.’ ”
דרינק	וויי'רי	טרע'וועלער	דרינק	ענד	פעי
טרינק	מידיגער	וואנדערער	טרינק	און	באצאהל

"That	is	just	the	thing!"	shouted	the	man,
דהעט	איז	דזשאַסט	דהי	טהינג	שאו׳טעד	דהי	מען
דאָס	איז	גראַדע	די	זאַך	האָט אויסגעשריען	דער	מאַן

and	went	away	delighted.
ענד	ווענט	עוועי׳	דילאַיי׳טעד
און	זיגעגאַנגען	אַוועק	דערפרייט

פּריינע איבערזעצונג.

עס ווערט דערצעהלט פון סער וואָלטער סקאָט, דאָס ווען ער איז איין טאָג געזעסען אין זיין ביבליאָטעק, איז אריינגעקומען א הויכער שאָטלענדער, וועלכער האָט געהאַלטען אין בויען א קרעטשמע נאָהענט דערביי, און האָט געזאָגט:

„זייט אזוי גוט, סער וואָלטער, איך וויל א נאָמען געבען מיין פּלאַץ „דהי פּלאַדן אין" (די קרעטשמע פון פּלאַדן), און אזוי ווי איהר האָט פּאַרפּאַסט א געדיכט אויף „פּלאַדן פּילד" (די פעלד פון פּלאַדן) איז מיר און מיין ווייב איינגעפאַלען, אז איהר וואָלט געקענט געבען אונז א שורה, וואָס זאָל אויסדריקען עפּעס א שענעם געדאַנקען."

„האָט איהר געלייענט דאָס געדיכט?" האָט געפרעגט סער וואָלטער.

„ניין, הארינקע, איך בין ניט קיין לעזער."

„אלזאָ ווייסט איהר גאַרנישט וועגען איהם?"

„גאַרנישט, אָבער איך האָב געהערט זאָגען, אז עס איז זעהר א שענע זאַך."

„נו, וואָלט איך אייך ראַטען צו נעהמען א פערז טאַקע פון דעם דאָזיגען געדיכט."

„און וואָסער פערז זאָל דאָס זיין?"

" 'Drink, weary traveler — drink and pray' "

(טרינק, מידיגער וואַנדערער — טרינק און בעט צו גאָט).

„אָבער מיין קרעטשמע וועט דאָך ניט זיין קיין קירך," האָט געזאָגט דער מאַן; „און וואָס מעהר מען וועט בעטען צו גאָט אַלץ ווייניגער וועט מען טרינקען, און דאָס וויל איך ניט."

„אָ!" האָט געלאַכט סער וואָלטער, „איך גלויב, אז איך קען פאַרריכטען דעם פערז ארויסוואַרפענדיג איין בוכשטאַב, אַן r."

„ווי וועט עס זיין דאַן?"

" 'Drink, weary traveler — drink and pay' "

(טרינק, מידיגער וואַנדערער — טרינק און ב א צ אָ ה ל.)

„דאָס איז גראַדע וואָס איך ברויך!" האָט אויסגעשריען דער מאַן און איז אַוועק מלא שמחה.

די פראזעס און זאצען.

It is told of Sir Walter Scott	עס ווערט דערצעהלט פון סער וואלטער סקאט,
that he was sitting in his library one day	דאס ער איז געזעסען אין זיין ביבליא־טעק איין טאג,
when a tall Scotchman,	ווען א הויכער שאטלענדער,
who had been building an inn near by,	וועלכער האט געהאלטען אין בויען א קרעטשמע נאהענט דערביי,
came in and said :	איז אריינגעקומען און האט געזאגט:
"May it please you, Sir Walter,	מעג עס אייך זיין ליב, סער וואלטער,
I am going to call my place	איך וועל אנרופען מיין פלאץ
"The Flodden Inn,"	„די פלאדן־קרעטשמע,"
and as you've written a poem on Flodden Field,	און אזוי ווי איהר האט געשריבען א געדיכט אויף די פלאדן־פעלד,
it struck me and my wife	איז איינגעפאלען מיר און מיין ווייב,
that you might give us a line for a motto."	דאס איהר וואלט געקענט אונז געבען א שורה פאר א מאטא" (שפרוך).
"Have you read the poem ?"	„האט איהר געלייענט דאס געדיכט?"
asked Sir Walter.	האט געפרעגט סער וואלטער.
"No, Sir, I am not a reader."	„ניין, הארינקע, איך בין ניט קיין לע־זער."
"Then you know nothing about it ?"	„דאן ווייסט איהר גארנישט וועגען איהם?"
"Nothing, but I've heard them say	„גארנישט, אבער איך האב געהערט זאגען,
that it's a very fine thing."	אז עס איז זעהר א שענע זאך."
"Well, I would advise you,	„נו, וואלט איך אייך ראטען
to take a verse from the poem itself."	צו נעהמען א פערז פון דעם געדיכט זעלבסט" (טאקע פון דעם דאזיגען געדיכט).
"And what'll that be ?"	„און וואס וועט דאס זיין?"
"'Drink, weary traveler — drink and pray.'"	„טרינק, מידיגער וואנדערער — טרינק און בעט צו גאט."
"But my inn will not be a church,"	„אבער מיין קרעטשמע וועט ניט זיין קיין קירך,
said the man ;	האט געזאגט דער מאן;
"and the more praying there is	און וואס מעהר בעטען דא וועט זיין,
the less drinking there will be,	אלץ ווייניגער וועט זיין דאס טרינקען,
and I don't want that."	און דאס וויל איך ניט."
"Oh," laughed Sir Walter,	„א!" האט געלאכט סער וואלטער,

I think I can fix the verse	איך דענק איך קען פאררירכטען דעם פערז
by leaving out one letter, an r."	דורך אויסלאזען איין בוכשטאב, אן r."
"How will it be then ?"	„ווי וועט עס זיין דאן ?"
" 'Drink, weary traveler — drink and pay.' "	„טרינק, מידינער וואנדערער — טרינק און באצאהל."
"That is just the thing !"	„דאס איז גראדע די זאך" (גראדע וואס איך ברויך)
shouted the man,	האט אויסגעשריען דער מאן,
and went away delighted.	און איז אוועקגעגאנגען דערפרייט.

די ווערטער.

א פערז, א שורה **verse** (וואוירס)
אפקירצונג פון **what'll** (הוואט'ל) **what will**
טרינקען ; פארג. צ. **drink** (דרינק) **drank** (דרענק), פארטיצ. **drunk** (דראנק)
רייזענדער, וואנדערער **traveler** (טרע'ווועלער)
בעטען, טאן תפילה **pray** (פרעי)
קירך **church** (טשוירטש)
לאכען **to laugh** (לעף)
פאררירכטען, אויסבעסערן **to fix** (פיקס)
לאזען, פארלאזען **to leave** (ליוו)
אויסלאזען **to leave out**
בוכשטאב, אות **letter** (לע'טער)
גראדע **just** (דזשאסט)
גראדע די זאך, גראדע וואס מען ברויכט **just the thing**
שרייען, אויסשרייען **to shout** (שאוט)
דערפרייט, אנטציקט **delighted** (דילאי'טעד)

זיצען ; פארג. צ. און פצ. **sat** (סעט) **to sit** (סיט)
ביבליאטעי **library** (לאי'ברערי)
הויך, הויך־געוויקסיג **tall** (טאאל)
שאטלענדער **Scotchman** (סקא'טשמען)
בויען **to build** (בילד)
רופען, געבען א נאמען **to call** (קאאל)
נאמען פון א בארג **Flodden** (פלאדן)
אפקירצונג פון **you have** **you've** (יו'וו)
געדיכט, שיר **poem** (פאו'עם)
איינגעפאלען **struck** (סטראק)
שלאגען ; איינפאלען (אימעצן) **strike** (סטראיק)
שורה, ציילע **line** (לאין)
געדאנקענשפרוך, א זינרייכער זאץ **motto** (מא'טאו)
א לעזער **reader** (רי'דער)
אפקירצונג פון **I have** **I've** (אי'וו)
ראטען **advise** (עדוואי'ז)

נייע ווערטער.

נארד, צפון **north** (נארטה)
א בארג **hill** (היל)

געשפּרעך.

What happened when Sir Walter was one day sitting in his library ?

A tall man, who had been building an inn near by, came in.

What did the man tell Sir Walter ?

He told him he was going to call his place "The Flodden Inn" and he wanted a motto for it.

Why did it strike him to come to Sir Walter ?

Because Sir Walter had written a fine poem on Flodden Field.

What did Sir Walter ask the man ?

He asked him whether (אויב) he had read that poem.

What did the man say ?

He said he had not read it, but had heard people say it was a fine thing.

What did Sir Walter advise him to take for a motto ?

He advised him to take a verse from that poem.

What verse was that ?

It was: "Drink, weary traveler — drink and pray."

Did the man like this line for a motto ?

No, he did not; he said his inn would not be a church, and the more praying there was the less drinking there would be.

What did Sir Walter say then ?

He said he could fix that verse by leaving out one letter, an r, so that it would be: "Drink, weary traveler — drink and p a y."

Was the man pleased now ?

He certainly was, and he went away delighted.

the—the וואָס—אַלץ §128

מערקט דעם אויסדרוק: the more praying there is the less drinking there will be דאָס מעהר עס וועט זיין בעטען (תפילה) דאָס וועניגער וועט זיין טרינקען, ד. ה. וואָס מעהר מען וועט בעטען אַלץ וועניגער וועט מען טרינקען.

דאָס אידישע „וואָס—אַלץ" פאַר איינענשאַפטווערטער און אומשטאַנד־ווערטער ווערט אין ענגליש איבערגעגעבען דורך the—the; צ. ב.

the sooner the better.	וואָס גיכער אַלץ בעסער.
the more one has the more he wants to have.	וואָס מעהר איינער האָט אַלץ מעהר וויל ער האָבען.

אָהן ווידערהאָלונג:

the sooner.	אַלץ גיכער.
the more.	אַלץ מעהר.
so much the better.	אַזוי פיל בעסער.

פאַר דעם העכסטען גראַד: צום (אַם):

this book pleases me the most.	דיזער בוך געפעלט מיר צום (אַם) מעהר־סטען.

גרייזינע ענגליש ביי אידען.

אין ריידען ענגליש קומען פאר ביים אידישען עולם געוויסע פעהלערן, אויף וועלכע עס איז נעטיג אויפמערקזאם צו מאכען, כדי די לערנער זאלען זיין געווארנט און וויסען זיי אויסצומיידען.

דיזע פעהלערן קענען איינגעטיילט ווערען אין פיר קלאסען, נעמליך: פארגרייזטע אויסשפראך, פעהלערהאפטע גראמאטיק, פאראידישטע אויסדריקען, באנוצונג פון ווערטער אין פאלשע באדייטונגען.

I.

פארגרייזטע אויסשפראך.

איינגעוואנדערטע אידען זיינען ניט די איינציגע, צווישען וועלכע מען הערט פאלשע אויסשפראך; ביי די אנדערע נאציאנאליטעטען איז אויך ניט בעסער. נאך מעהר, אפילו ביי געבארענע אמעריקאנער באגעגענט מען די זעלביגע צרה. ניט איין אמעריקאנער זאגט צ. ב. "וואנסט" אנשטאט "וואנס" (once), "פעלער" אנשטאט "פע'לאו" (fellow), "האס" אנשטאט "האארס" (horse) און נאך און נאך.

א באדייטענדע צאהל פארגרייזטע ענגלישע ווערטער זיינען גאנגבאר אין אידיש, וועלכע ווערען אפט אויך פון אידען אריבערגעטראגען אין ענגליש. אין אידיש זיינען די פארגרייזטע פארמעס אויף'ן ארט און פאסען זיך אפשר בעסער, ווי ווען זיי זאלען זיין אין זייערע ריכטיגע פארמעס. ווען מען זאגט ריידענדיג אידיש „לענדלער" אנשטאט „לענדלארד" (landlord), אדער „ליסט" אנשטאט „ליס" (lease), אדער „צאמיס" אנשטאט „סאממאנז" (summons), אדער „ווינדע" אנשטאט „ווינדאו" (window), קלינגט עס

מעהר נאך דעם אידישען שפראך־גוסט, און ווען אזעלכע פארמעס האבען זיך שוין איינגעבירגערט — זיינען אריין אין אלגעמיינעם געברויך — זיינען זיי פשוט אידיש. אזוי איז געווען דער גאנג פון שפראך איבערנעהמונג ביי אידען פון פילע דורות, און ווערטער, וואס זיינען לכתחילה געווען גרייזען, זיינען שפעטער געווארען גוטע אידיש. אבער ווען מען רעדט ענגליש דארף מען אונ־טערדריקען דעם אייגענעם שפראך-גוסט און זיך צווינגען צו געברויכען די ווער־טער, ווי ע נ ג ל י ש פאדערט. פילע פון אונזער עולם זיינען ניט אויפמערקזאם אויף דעם און באנוצען די פאראידישטע פארמעס אויך בשעת זיי ריידען ענגליש.

פאלגענדע איז א ליסט פון פארגרייזטע ענגלישע ווערטער, וועלכע זיינען זעהר גאנגבאר צווישען אונזער עולם, אויסגעשטעלט נאך׳ן אלף־בית מיט די נעטיגע דערקלערונגען.

א

„א - גלאק."

פארגרייזט פון „א׳קלא׳ק" (o'clock), אויף׳ן זייגער: דריי א־גלאק, פינף א־גלאק או. אז. וו. די פארשטעלונג ביי אונזער עולם מוז זיין, דאס א זייגער הייסט אזוי אין ענגליש, ווייל ער קלינגט אויס די צייט.

„אטא׳טשמענט."

אנשטאט דעם ווארט „עטע׳טש־מענט" (attachment), ארעסט אויף זאכען אדער געלט. אונזער עולם זאגט: „לעגען אן אטאטשמענט."

„א׳לעוועיטער."

אזוי ווערט געזאגט אנשטאט „ע׳לי־וועיטאר" (elevator), אן אויפהייבער אין א געביידע, אויך אנשטאט „ע׳לי־וועיטעד" (elevated railway), א הויכ־באהן.

„אמא׳ניע."

אזוי ווערט געזאגט אנשטאט „ניו־מאו׳ניע" (pneumonia), לונגען-אנט־צינדונג.

„אמברע׳לער."

ריכטיג: „אמברע׳לע" (umbrella), א רעגענשירם.

„אכעי."

ריכטיג דארף זיין „אי סעי" (I say), איך זאג.

„אספא׳ז."

אנשטאט „סאפא׳ז" (suppose), זיך פארשטעלען, אננעהמען, אנגענומען: „אספאז איך קען היינט ניט קומען, ווי וועט זיין?" אפט ווערט אזוי געזאגט אנשטאט „אי סאפאו׳ז" (I suppose), איך רעכען, איך דענק, איך מיין.

„אפא׳דער."

דארף זיין „עפא׳רד" (afford), בא־וויזען, פארמאגען. פילע זאגען ריי־דענדיג ענגליש; "I cannot אפאדער to do it" איך קען עס ניט באווייזען צו טאן. אין אידיש: „אפאדערן:" מען זאגט: „איך קען עס ניט אפאדערן."

„אפקאָ׳ס.“

דאָס זיינען די צוויי ווערטער: „אָוו קאָורס“ (of course), נאַטירליך.

„אפריי׳טער.“

פון „אָ׳פּערעיטאָר“ (operator), ארבעטער. „אפרייטער“ ווערט נאָר באַנוצט אין דער באדייטונג פון אַן ארבעטער אויף אַ נעה־מאַשין.

„אָראַי׳ט.“

דאַרף זיין „אָאָל ראַי׳ט“ (all right), גאַנץ רעכט, ריכטיג, גוט.

ב

„בוי׳גימען.“

דאַרף זיין „באָו׳גימען“ ((bogyman)), שרעקבילד, סטראַשידלע.

„בוי׳ערי.“

אַנשטאָט „באָו׳ערי“ (Bowery), דער נאָמען פון אַ גאַס אין ניו יאָרק.

„ביי׳סמאַן.“

אַנשטאָט „ביי׳סמענט“ (basement), אַ סקליעפּ.

„בי׳לדונג.“

אַנשטאָט „בי׳לדינג“ (building), אַ געביידע, אַ בנין. אויף דעם זעלביגען אופן: „טרימונג“ אַנשט. „טרי׳מינג“ (trimming), באַפּוצונג, באַזאַץ.

ג

„גאַ׳טע.“

פון „גאַ׳רטער“ (garter), אַ פּאַדעמקע, אַ זאָקענבענדעל.

„גראַ׳דע היר!“ „גראַ׳רע היר!“

דאַרף זיין: „געט אוט אָוו היר“ (get out of here), ארויס פון דאַנען! אַוועק!

„גרע׳דזשעוועט.“

אַנשטאָט „גרע׳דיועיט“ (graduate), ענדיגען אַ שול, אַ שטודיום. אידישע פרויען זאָגען דאָ: „מיין זוהן האָט „גע-גרעדזשעוועט.“ מיט דער ענדונג „ען“ אין אידיש ווערט ארויסגעוואָרפען דער „ט;“ מען זאָגט „גרעדזשעוועז.“ אָפּט אויך „גרעזשעוועז.“ די, וואָס קענען ניט ארויסריידען די ווייכע קלאַנגען „דזש,“ „זש,“ זאָגען: „גרעדזועוועז,“ „גרעזועוועז“!

ד

„דאַן טאַן.“

אַנשטאָט „דאַון טאַון“ (down town), אין אונטערן טייל פון שטאָט.

„דענק יו.“

אַנשטאָט די ווערטער „טהענק יו“ (thank you), איך דאַנק אייך. אזוי אויך: „דענקס“ אַנשטאָט „טהענקס“ (thanks), אַ דאַנק.

„דזשוי׳דזשע.“

פון „דזשוי׳רזי“ (jersey), אַ טריקאָ-יאַק. אָפּט אויך „דזשוי׳זשע.“

„דיפּל.“

פון „די׳פּאָו“ (depot), אַ וואָקזאַל, אַן אייזענבאַהן-סטאַנציע.

„די׳פּערענץ.“

אַנשטאַט „די׳פּערענס“ (difference), אונטערשייד, חילוק. אָפט פאַלש באַנוצט אלס אייגענשאַפטוואָרט אַנשטאַט „די׳פּערענט“ (different). מען זאָגט: „דיפּערענץ טינג,“ אַן אַנדער זאַך.

„דראָז.“

אַנשטאַט „דראָ׳אערז“ (drawers), אונטערהויזען.

„דרו׳גים.“

אַנשטאַט „דראַ׳גיסט“ (druggist), אַן אַפּטייקער. אָפט אויך אַנשטאַט „דראַג-סטאָור“ (drug-store), אַפּטייק. אַן אַפּטייקער רופען פילע ווייבער אַ „דרו׳גיסמאַן.“

„דרעקסל.“

אַנשטאַט „דירע׳קשאָן“ (direction), אַן אדרעס. אָפט אויך „דרעקשל.“

ה.

„האָל אָן!“

אַנשטאַט „האָולד אָן“ (hold on), האַלט! וואַרט.

„האַ׳מאָטש?“

אַנשטאַט די ווערטער: „ה אַ ו מאַטש“ (how much), וויפיל?

„האָר יאָפּ!“

אַנשטאַט „האַ׳רי אַפּ“ (hurry up), גיך, אייל זיך אונטער! מאַך ניט קיין שהיות!

„העַ׳נקעטשע.“

אַנשטאַט דעם וואָרט „הע׳נקוירטשיף“ (handkerchief), אַ טיכעל, אַ טאַשענטיכעל. אָפט אויך „ענקעטשע.“

וו.

„וואוט (וו-וט)“

אַנשטאַט „וואָוט“ (vote), אַ שטימע (ביים וועהלען). אויף דעם זעלביגען אופן „סמוק“ אַנשטאַט דעם וואָרט „סמאָוק“ (smoke), רויכערן. די נייגונג פון דעם אידיש-ריידענדיגען עולם איז צו פאַרוואַנדלען דעם לאַנגען ענגלישען o (אָו) אין „או.“ געאידישט ווערט געזאָגט: „וואוטען,“ „סמוקען,“ „געסמוקטע“ פלייש, „געסמוקטע“ הערינג או. אַז. וו.

„וואָיסטער.“

אזוי זאָגען אָפט עם-הארצים אַנשטאָט worse (וואוירס), ערגער (דער העכערער גראַד פון bad (בעד) שלעכט). „וואָיסטער“ איז געמאַכט פון דעם העכסטען גראַד worst (וואוירסט), דער ערגסטער. די וואָס זאָגען „וואוי׳סטער“ מיינען דערמיט דאָס זעלביגע וואָס מען פאַרשטעהט אונטער worse.

„וואָנסט.“

אַנשטאַט „וואָנס“ (once), איין מאָל. דאָס זעלביגע: „טוואַיסט“ אַנשטאַט twice (טוואַיס), צוויי מאָל.

„ווי׳סברום.“

אַנשטאַט די ווערטער: „הוויסק ברום“ (whisk broom), אַ וויש-בעזימעל.

„ווי׳סקעס.“

אַנשטאַט „הוויסקערז“ (whiskers), באַקענבאַרדען.

ט

„טוואיסט."

פון „טוואיס" (twice), צוויי מאל. אויף דעם זעלביגען אופן „וואנסט" פון „וואנס" (once), איין מאל.

„טע'מפערענץ."

אנשטאט דעם ווארט „טע'מפערענס" (temperence), מעסיגקייט, איינגע-האלטענקייט פון שכרות. אויף דעם זעלביגען אופן „די'פערענץ" פון „די'פע-רענס" (difference), אן אונטערשייד, א חילוק.

„טריימונג."

אנשטאט „טרי'מינג" (trimming), באפוצונג, באזאץ. אויף דעם זעלביגען אופן „בי'לדונג" אנשטאט בי'לדינג" (building), א געביידע, א בנין.

„טע'נער."

אנשטאט „טע'נענט" (tenant), איינוואוינער פון א הויז, א שכן.

„טשאנדזש," „טשאנזש."

אנשטאט „טשענס" (chance), א צופאל, א מעגליכקייט, א געלעגענהייט.

„טשא'נדזשען."

פון „טשארדזש" (charge), רעכע-נען, בארעכענען (א פרייז).

„טשענזש."

אנשטאט „טשעינדזש" (change), קליינגעלט.

„טשעק הענדס."

אנשטאט די ווערטער „שעיק הענדז" (shake hands), געבען די האנט, דריי-קען די האנט. מען זאגט דא אין אי-דיש: „טשע'קען הענט."

ל

„לאנטש."

אנשטאט „לאונדזש" (lounge), א קאנאפע, א סאפע.

„לאי'בערע."

אנשטאט „לאי'ברערי" (library), א ביבליאטעק.

„לאיסטענס."

פון „לאי'סענס" (licence), א דער-לויבעניש צו האנדלען, חתונה צו הא-

„לא'קטשורי."

אנשטאט „לא'קשורי" (luxury), לוקסוס, וואוילטאג.

„לודלאו סטריט."

אנשטאט „לא'דלאו סטריט" (Ludlow street), א מפורסם'דיגע גאס אין ניו יארקער אידישען קווארטעל.

„לע'נדלער."

פון „לע'נדלארד" (landlord), אן איינגענטימער פון א הויז אדער פון קרקע. אפט אויך „רענדלער."

„ליסט."

אנשטאט „ליס" (lease), ארענדע. דערפון דאס פאלגענדע ווארט —

„לייסטער."

אנשטאט „לעסי" (lessee), איינער וואס נעהמט א הויז אויף ארענדע.

מ

„מא'גוטש," „מא'רידזש."

אנשטאט דעם ווארט „מא'רגעידזש" (mortgage), א פאנד, א משכון, א היפאטעק אויף הייזער.

„מע'דער."

אנשטאט „מע'טער" (matter), זאך, מעשה. מען הערט אפט צווישען אידען: „וואס איז דער מע'דער מיט יו?" (וואס איז די מעשה מיט אייך ? וואס איז דער מער ?)

„מאטש."

אנשטאט „מארטש" (march), א מארש, א מארשיר-פאראד. ריידענדיג אידיש: „מא'טשען," „געמא'טשט." אונזער עולם ווארפט ארויס דעם קלאנג „ר" אין פילע ווערטער. מען זאגט: „פאם" אנשטאט „פארם" (farm), א פאסעסיע; „קא'פעט" אנשטאט דעם ווארט „קא'רפעט" (carpet), א טעפיך, א קאוויאר; „גא'טעס" אנשטאט דעם ווארט „גא'רטערז" (garters), פאדעסקעס, זאקענבענדלאך, און אנדערע.

„מא'טשענטעילאר."

אנשטאט „מוי'רטשענט טעי'לאר" (merchant tailor), א שניידער, וואס האלט ביי זיך צייג אויף קליידער.

מא'נראל סטריט."

אנשטאט די ווערטער „מ א נ ר א ו' סטריט" (Monroe street), א גאס אין ניו יארקער אידישען קווארטעל. אפט אויך „מא'נעראל."

„מא'סטעט."

אנשטאט „מא'סטארד" (mustard), זענעפט.

„מא'קעט."

אנשטאט „מא'רקעט" (market), א מארק.

„מוף-צעטעל."

פון „מואוו" (move), ארויסציהען פון א דירה. אזוי אויך: „מופען" אנשטאט „מו-ווען."

„מע'דיצין."

אנשטאט „מע'דיסין" (medicine), מעדיצין, רפואות.

„מע'דיצין סטריט."

אנשטאט „מ ע ' ד י ס א ן סטריט" (Madison street). א גאס אין ניו יארקער אידישען קווארטעל.

נ

„נא יוסט."

אנשטאט „נאו יוס" (no use), קיין נוץ, עס נוצט ניט.

„נעיווער מאי," „נעיווער מאין."

אנשטאט: „נע'ווער מ א י נ ד" (never mind), עס מאכט ניט אויס, לאז עס זיין.

ס

„סעדא'ן."

אנשטאט „סיט דאון" (sit down), זעצט זיך אוועק.

„סא'ודער," סוי'דער."

אנשטאט „סא'ודא" (soda), סאדע. מען זאגט: „איס-קרים סא'ודער," „סוי'דער-וואסער."

„סא'סע."

אנשטאט „סא'סער" (saucer), א ספאדקע, אן אונטער-טאס, א שאל.

„סאָסאַי'טע."

אַנשטאַט „סאָסאַי'איטי" (society), אַ געזעלשאַפט, אַ חברה.

„סוספּענ'דעס."

אַנשטאַט דעם וואָרט „סאַספּע'נ־דערז" (suspenders), הויזענבענדער, שלייקעס.

„סופּערנטע'נדן," „סופּערנטע'נדער."

אַנשטאַט: „סיופּעראינטע'נדענט" (superintendent), אויפפּאַסער, אויפזעהער, משגיח.

„סטעז," „סטע'זעס."

אַנשטאַט „סטעירז" (stairs), שטיגען, טרעפּ. ניט קוקענדיג וואָס דער וואָרט „סטעירז" איז אַ מעהרצאָהל, מאַכט אונזער עולם דערפון אַ צווייטע מעהרצאָהל „סטע'זעס." עס ווערט געזאָגט „אַפּ'סטעז," „דאַ'נסטעז," אָבער: „אַראָפּגעהן פון די סטע'זעס."

סי'זעס."

אַנשטאַט „סי'זאַרז" (scissors), אַ שער. דער קלאַנג „ר" איז דאָ אויסגעלאָזען ווי אין „מאַ'טשען" (מאַרטשען), „קאַ'פּעט" (קאַרפּעט) או. אז. וו.

סי'טיזנער."

פון „סי'טיזען" (citizen), אַ בירגער.

„סיי'פען."

פון „סעיוו" (save), שפּאָרען געלט. דער קלאַנג „וו" פאַרביטען אויף „פּ" ווי אין „מו'פּען" און „שיי'פּען" (גאָלען, ראַזירען.)

„סמאַט."

אַנשטאַט „סמאַרט" (smart), קלוג, געשייט, פיפיג. דאָ איז אויסגעלאָזען דער קלאַנג „ר," ווי אין „פאַם" (פאַרם), „מאַטש" (מאַרטש) או. אז. וו.

„סמוק."

אַנשטאַט „סמאָוק" (smoke), רויך, רויכערן. מען זאָגט מיט דער אידישער ענדונג „סמו'קען," רויכערן. „סמוק ביף" אַנשטאַט: סמאָוקד ביף" (smoked beef), גערויכערטע פלייש.

„סעיי'לעסמאַן."

אַנשטאַט „סעי'לזמען" (salesman), אַ פאַרקויפער, אַ באַדינגטער אין אַ קליים ביים פאַרקויפען.

„ספּאָ'נדזשקע."

אַנשטאַט די ווערטער „ספּאַנדזש קעיק" (sponge cake), טאָרט.

„סקרול."

אַנשטאַט „סקרו" (screw), אַ שרויף. דאָ איז צוגעגעבען דער קלאַנג „ל," ווי אין „מאַ'נעראַל" (פון „מאַ'נראָו"). „סקרו'ל־דראַיווער" אַנשטאַט „סקרו־דראַיווער" (screw driver), שרויפענציהער.

ע

„ענדאָ'סטען."

פון „ענדאָו'רס" (endorse), זשירירען, אונטערשרייבען אַ טשעק אָדער אַ וועקסעל אויף דער צווייטער זייט. מען זאָגט „ענדאָ'סטען אַ טשעק," „איך האָב ענדאָ'סטעט אַ טשעק" או. אז. וו.

„ע'נוועלאָק,“ „עמבעלאָפּ.“

אָנשטאָט „ע'נוועלאָופּ“ (envelope), אַ קאָנווערט.

„ע'ני האָל.“

אָנשטאָט „ע'ני האַו“ (any how), סיי ווי סיי. דאָ איז צוגעגעבען דער קלאַנג „ל“ ווי אין „סקרול“ (פון דעם וואָרט „סקרו“).

„ע'סיק סטריט.“

אָנשטאָט „ע'סעקס סטריט“ (Essex street), אַ גאַס אין ניו יאָרקער אידישען קוואַרטעל.

„ע'קסטרעסאַיז,“ „ע'קסיסאַיז.“

אָנשטאָט „ע'קסערסאַיז“ (exercise), איבונג, באַוועגונג.

פּ, פ

„פּאַ'ידי.“

אָנשטאָט „פּאַ'רטי“ (party), אַ געזעלשאַפט, אַ שמחה פון צוזאַמענגערופענע געסט.

„פּאַ'ידער.“

אָנשטאָט „פּאַו'דער“ (powder), פּולווער, פּודער. „פּאַ'ידערן דעם פּנים.“

„פּאַין.“

אָנשטאָט: „פּאָאַן“ (pawn), אַ משכון פאַר אַ הלואה. מען זאָגט: „פּאַין-טיקעט“ (pawn ticket), אַ צעטעל פאַר אַ משכון; „פּאַין-שאָפּ“ (pawn shop), אַ פּאַנדהויז, אַ הויז וואו מען פאַרזעצט אויף משכנות. „פּאַרפּאַינען,“ פאַרזעצען.

„פּאָליצמאַן.“

אָנשטאָט דעם וואָרט „פּאָלי'סמען“ (policeman), אַ פּאָליציאַנט, אַ גאָראָדאָוואָי.

„פּאָליטישענער.“

אָנשטאָט דעם וואָרט „פּאָליטי'שען“ (politician), אַ פּאָליטיקער.

„פּאַ'ילע.“

אָנשטאָט „פּאַ'רלאָר“ (parlor), אַ זאַל. דאָ איז אויסגעלאָזען דער קלאַנג „ר“ ווי אין „גאַ'טע“ (גאַ'רטער), „פּאַ'די“ (פּאַ'רטי) או. אַנד.

„פּאָסקרי'פּשן.“

אָנשטאָט „פּריסקרי'פּשאַן“ (prescription), אַ פאַרשריפט פון אַ דאָקטער, אַ רעצעפּט. אַלס צייטוואָרט: „פּאָסקראַי'בן“ (ענגליש: to prescribe).

„פּאַרטיקעלע.“

אָנשטאָט דעם וואָרט „פּאַרטי'קיולער“ (partiıular), באַזונדער; גענוי, פּינקטליך. „ער איז ניט זעהר פּאַרטיקעלע,“ ניט קיין גרויסער מקפּיד. אָפט אויך: „פּריטי'קלע“.

„פּעינטנער.“

אָנשטאָט „פּעי'נטער“ (painter), אַ מאַלער.

„פּאַ'רניטשע.“

אָנשטאָט דעם וואָרט „פּוי'רניטשור“ (furniture), מעבעל. אָפט אויך „פּאַ'ניטשע.“

„פּינאַ'נע,“ „פּינע'נע.“

אָנשטאָט „באַנאַ'נאַ“ (banana), אַ פּרי, וועלכע איז גוט באַוואוסט אין דעם לאַנד.

„פיינדישען."

פון „פי'ניש" (finish), ענדיגען פארענדיגען. דערפון אויך „פי'נדישער" אנשטאט „פי'נישער" (finisher), א פארענדיגער, א פארענדיגערין (באזונדערס ביי שניידעריי).

„פיקטשע."

אנשטאט „פי'קטשור" (picture), א בילד.

„פיי'דע."

אנשטאט „פעי" (pay), געצאהלט. „קריגען די פיי'דע." פון „פעי-דעי" (pay-day), צאהל-טאג, טאג ווען מען צאהלט אוים די ארבעטער.

„פענס."

אזוי הערט מען אפט אנשטאט „פענטס" (pants), הויזען.

„פע'רלען."

פון „פעדל" (peddle), הויזירען, האנדלען געהענדיג פון הויז צו הויז, אדער פארקויפען אויף'ן גאס. אזוי אויך „פע'רלער" אנש. „פע'דלער" (peddler), א הויזירער, א קאראבעלניק.

„פראמא'רדעט."

אנשט. „פראומאו'טעד" (promoted), אריבערגעפיהרט אין א העכערן קלאס (פון א שולע).

„פרא'פעטע."

אנשטאט „פרא'פערטי" (property), אייגענטום, פארמעגען (באזונדערס פון הייזער). ביי אונזער עולם געוועהנליך אין דער באדייטונג פון א הויז, באזונדערס א געמויערטע.

„פריטייקלע."

זעה „פארטי'קעלע."

צ

„צא'מים."

אנשטאט „סא'מאנז" (summons), אויפפאדערונג צו דערשיינען פאר געריכט. דערפון „צא'מיסן," לאדען פאר געריכט.

„ציזן."

אזוי זאגען מאנכע אנשטאט „סיזן" (season), די צייט פון יאהר, די תקופה.

„ציינגלמאן."

אנשטאט „סי'נגלמען" (singleman), אן אומפארהייראטער, א בחור.

„צע'טלען."

פון „סעטל" (settle), באצאהלען, אפמאכען. „צעטלען א חוב." „געצעטעלט" (settled), אפגעמאכט, געענדיגט.

ק

„קא'סטימער."

אנשט. „קא'סטאמער" (customer), א קונד, א קונה. „קא'סטימער-פערלער" אנשט. קא'סטאם-פע'דלער" (custom-peddler), א הויזירער, וואס האט אפגעשטעלטע קונים.

„קאפע."

אנשטאט „קאפ" (cup), א טאס, מען זאגט: א „קאפע קאווע."

„קא'פעטנער."

אנשט. „קא'רפענטער" (carpenter). ארויסגעווארפען דער קלאנג „ר" און איבערגעשטעלט דער „נ."

„קאַ'קערוטש."

אַנשטאַט „קאַ'קראַוטש" (cock-roach), א טאַראַקאַן, א פּרייס.

„קו'ני אַילענד."

אַנשטאַט „קאַו'ני אילענד" (Coney Island), דער באַוואוסטער זומער-אָרט אין לאַנג אַילענד. אָפּגע-קירצט: „קו'ני." אָפט צוזאַמענגע-צויגען: „קונאַי'לענד".

„קיו'פּאַן."

אַנשטאַט „קו'פּאַן" (coupon), אָפּ-שניט, אויסשניט, קאָנטראָל-מאַרקע, פּרעמיע-קוויטעל. דעם גרייז באַגע-גענט מען אָפט אויך אין די אַנאַנסען אין אונזערע צייטונגען.

ר

„רע'געלע."

אַנשטאַט „רע'גיולער" (regular), רעגעלמעסיג, ריכטיג. א רע'געלע דאַל" (אַ אמת'ע ליאַלקע). „אַ רע'געלער משוגענער" (אַ אמת'ער משוגענער).

„רע'דזשיסן."

פון „רע'דזשיסטער" (register), רע-גיסטרירען, איינשרייבען (פון פּאָסטזאַ-כען). דערפון „גערע'דזשיסט." מען זאָגט: „רע'דזשיסן אַ בריוו," „שיקען גערע'דזשיסט".

„רע'מליעט," „רע'מניץ."

אַזוי זאָגען מאַנכע אַנשטאַט דעם וואָרט „רע'מנענט" (remnant), א רע-סטעל פון שניט-צייג. אנדערע אויך: „רע'מניץ," „רע'מניצע".

„רענד."

אַנשטאַט „רענט" (rent), דירה-געלט. דערפון: „רע'נדען," דינגען.

„שאַין."

אַנשטאַט „סאַין" (sign), א שילט פון א געשעפט.

„שעיף."

אַנשטאַט „שעיוו" (shave), גאָלען, ראַזירען. דערפון: „שעי'פּעי".

„שאַראַ'פּ!"

אַנשטאַט „שאַט אַפּ" (shut up), פאַרמאַך די געמבע! האַלט מויל: שטיל!

„שי'מע."

אַנשטאַט „שע'מיז" (chemise), א פרויען-העמד.

.II

גראמאטישע פעהלערן.

אין גראמאטישע פעהלערן, ווי אין דער פארגרייזונג פון אויסשפראך, שטעהען אידען ניט אליין, זיי האבען צו זיך גענוג חברים צווישען דער געבארענער אמעריקאנער באפעלקערונג. ניט איין אמעריקאנער זאגט I ain't no fool אנשטאט I am not a fool, אדער I don't know nothing אנשטאט I don't know anything או. אז. וו. עס איז כדאי אנצואווייזען אויף דעם פאקט, כדי מאנכע פון אונזערע ברידער זאלען ניט מיינען, אז אידען זיינען אן אויסנאהם אין דעם און זאלען ביי זיך ניט אראפפאלען!

פאלגענדע איז א רייהע פון גראמאטישע פעהלערן, וועלכע מען הערט גאנץ אפט צווישען אידען.

ladies and gentlemans!

די פעהלערן פון דעם קלאס ווערטער באשטעהען אין דער פאלשער בילדונג פון דער מעהרצאהל פון אומרעגעלמעסיגע הויפטווערטער, ווי צ. ב. gentlemans אנשטאט gentlemen, wifes (וואיפס) אנשטאט wives (וואיווז) או. אז. וו. זעהר אפט הערט מען צווישען אונזער עולם: Ladies and gentlemans (דאמען און הערען). עס דארף זיין: Ladies and gentlemen.

thc book what I have.

פילע פון אונזער עולם באנוצען נאך דעם נאמען פון א געגענשטאנד דאסווארט what אין דער באדייטונג „וועלכער.“ זיי זאגען צום ביישפיל: the book what I have מיינענדיג: דאס בוך, וועלכעס איך האב. עס דארף זיין: the book which I have אדער: the book that I have.

א שטארק גאנגבארער פעהלער איז די באנוצונג פון which אין באציהונג אויף פערזאנען אנשטאט who, ווי צ. ב. the man which was here (דער מאן, וועלכער איז געוועזען היר) אנשטאט: the man who was here. מען דארף וויסען, אז which ווערט נאר באנוצט אין פארבינדונג מיט ניט-

לעבעדיגע זאכען און חיות, ווי צ. ב. the table which (דער טיש, וועלכער), the cat which (די קאַץ, וועלכע). אין פארבינדונג מיט פערזאָנען דארף שטענדיג זיין who אין דעם זין „וועלכער": the man who (דער מאַן, וועלכער), the woman who (די פרוי, וועלכע), the friend who (דער פריינד, וועלכער) או. אז. וו.

don't tell me no lies!

מען הערט אַפט צווישען אונזער עולם (און נים זעלטען אויך צווישען גע-בּאָרענע אַמעריקאַנער) אַזאַ לשון ווי: don't tell me no lies (דערצעהל מיר נים קיין ליגענס). נאָך דעם וואָרט not דארף תמיד קומען any, קיינמאָל נים no. בכן דארף מען זאָגען: don't tell me any lies. וויל מען זאָגען no, דארף אויסגעלאָזען ווערען don't, נעמליך: tell me no lies (דערצעהל מיר נים קיין ליגענס).

I have received yesterday.

די וואָס האָבען די ענגלישע שפּראַך נים געלערנט פון ביכער, און אָפט אויך אַזעלכע, וואָס האָבען יע געלערנט, נאָר נים גענוג, מאַכען אָפטע פעהלערן אין דער באַנוצונג פון די צייטפאָרמעס פון די ענגלישע צייטווערטער. זעהר ווענינע אויסלענדער זיינען פריי פון פעהלערן אין דעם קאַפּיטעל פון דער ענגלישער גראַ-מאַטיק. מען הערט גאַנץ אָפט אפילו בוך-מענשען זאָגענדיג: I have received a letter yesterday (איך האָב נעכטען באַקומען אַ בריוו), I have seen him last week (איך האָב איהם געזעהן לעצטע וואָך) או. אז. וו. דאָס איז פעהלער-דיג; מען דארף זאָגען: I received yesterday, I saw last week.

דער כלל פאַר די באַנוצונג פון די צייטפאָרמעס איז: ווען עס האַנ-דעלט זיך פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, וועלכע ווערט באַשטימט דורך אַזעלכע ווערטער, ווי „נעכטען," „פאַראַכטאָגען," „אַ חודש צוריק," „פאַר-אַ-יאָהרען" או. אז. וו. דארף באַנוצט ווערען די איינפאַכע פאַרגאַנגענע, ד. ה. די פאָרמע אָהן have, נעמליך:

I received a letter yesterday.	איך האָב נעכטען באַקומען אַ בריוו.
I saw my friend last week.	איך האָב געזעהן מיין פריינט לעצטע וואָך.
He married lately.	ער האָט נים לאַנג חתונה געהאַט.
She has come here this year.	זי איז אַהער געקומען פאַר-אַ-יאָהרען.

די פאַרגאַנגענע צייט-פאָרמע מיט have דארף באַנוצט ווערען אין פאַר-בינדונג מיט אַ צייט, וועלכע ווערט באַצייכענט מיט אַזעלכע ווערטער, ווי

„איצט,“ „היינט,“ „די וואָך,“ „דעם חודש,“ „דעם יאָהר“ או. אַז. וו., נעמליך:

I have received a letter just now.	איך האָב נאָר-וואָס באַקומען אַ בריוו.
I have seen my friend today.	איך האָב היינט געזעהן מיין פריינד.
He has married this month.	ער האָט חתונה געהאַט דעם חודש.
She has come here this year.	זי איז געקומען אַהער היינטיגען יאָהר.

I did not took!

אַ פעהלער, וועלכען מען הערט זעהר אָפט, איז די באַנוצונג פון דער פאַר-גאַנגענער צייט-פאָרמע נאָך did not, ווי צ. ב. I did not took (איך האָב ניט גענומען), I did not said (איך האָב ניט געזאָגט), I did not told (איך האָב ניט געזאָגט), I did not left (איך האָב ניט פאַרלאָזען), I did not went (איך בין ניט געגאַנגען) או. אַז. וו. נאָך did דאַרפען באַ-נוצט ווערען די אומבאַשטימטע פאָרמעס פון די צייטווערטער, נעמליך: take, say, tell, leave, go או. אַז. וו. מען דאַרף זאָגען: I did not take (איך האָב ניט געטאָן נעהמען, ד. ה. איך האָב ניט גענומען), I did not say (איך האָב ניט געטאָן זאָגען), I did not tell (איך האָב ניט געטאָן זאָגען), I did not leave (איך האָב ניט געטאָן פאַרלאָזען), I did not go (איך האָב ניט געטאָן געהן) או. אַז. וו.

באַנוצונג פון got אַנשטאָט have got

have got ווערט אָפט באַנוצט אין ענגליש אין די באַדייטונגען: „האָבען“ (באַזיצען) און „מוזען.“ באַנוצענדיג דיזען אויסדרוק לאָזען פילע אויס דאָס וואָרט have. דער עולם זאָגט: I got money אַנשטאָט I have got money (איך האָב געלט), I got to do it אַנשטאָט I have got to do it (איך מוז עס טאָן).

„האָבען,“ „מוזען“ דאַרף תמיד אויסגעדריקט ווערען דורך have got, ניט דורך got אַליין. I got money באַדייט: איך האָב באַקומען געלט.

I told you he is here.

„איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז היר“ איבערזעצען פילע: I told you he is here. עס דאַרף זיין: I told you he was here. אין ענגליש

דאַרף אין א ביי-זאַץ זיין די זעלביגע צייטפאָרמע ווי אין דעם הויפטזאַץ. ווען מען באַנוצט אין דעם הויפטזאַץ די פאַרגאַנגענע צייט, דאַרף אויך אין דעם ביי-זאַץ זיין די פאַרגאַנגענע. אזוי אויך: I said I could not do it (איך האָב געזאָגט, אַז איך קען עס ניט טאָן). מען קען ניט זאָגען: I said I can not do it.

באַנוצונג פון should אָנשטאָט to

אונטער דעם איינפלוס פון אידיש באַנוצט אונזער עולם זעהר אָפט דאָס וואָרט should אָנשטאָט א צייטוואָרט, ווי I tell you you should go (איך זאָג אייך איהר זאָלט געהן) אָנשטאָט: I tell you to go; אָדער I want he should do it (איך וויל ער זאָל עס טאָן) אָנשטאָט: I want him to do it; אָדער I desire she should eat (איך וויל זי זאָל עסען) אָנשטאָט: I desire her to eat או. אַז. וו.

אַזעלכע זאַצען, ווי: „איך זאָג אייך איהר זאָלט געהן," „איך וויל ער זאָל עס טאָן," „איך פאַרלאַנג זי זאָל עסען," ווערען אין ענגליש אויסגעדריקט: „איך זאָג אייך צו געהן," איך וויל איהם צו טאָן עס," „איך פאַרלאַנג איהר צו עסען," או. אַז. וו.

די וואָס לערנען א פרעמדע שפּראַך דאַרפען וויסען און תמיד האָבען אין זינען, אַז ניט אַלע מאָל קען מען א זאַץ פון דער דאָזיגער שפּראַך איבערגעבען אין די זעלביגע ווערטער ווי אין דער אייגענער.

where was you?

אין פאַרבינדונג מיט you באַנוצען פילע די איינצאָהל-פאָרמע was (פאַר-גאַנגענע צייט פון be); זיי זאָגען: you was. דאָס איז געוועהנליך דער פאַל, ווען זיי ריידען צו אַן איינצעלנער פּערזאָן. מען דאַרף אָבער וויסען, אַז you איז א מעהרצאָהל: „איהר," און דאָס צייטוואָרט, וואָס קומט מיט דעם וואָרט, דאַרף דעריבער אויך זיין אין דער מעהרצאָהל-פאָרמע. בכן דאַרף מען תמיד זאָגען you were, קיינמאָל ניט: you was.

laid אָנשטאָט lay

די פאַרגאַנגענע צייט פון lie (ליגען) ווערט אָפט ביי אונזער עולם אויס-געדריקט דורך laid, וועלכעס איז די פאַרגאַנגענע צייט פון lay (לעגען). פילע זאָגען, צום ביישפּיל: he laid on the floor (ער איז געלעגען אויף דעם באָ-

דען), (זי איז געלעגען אויף דער קאנאפע) she laid on the sofa או. אז. וו. די פארגאנגענע צייט פון lie איז lay (געלעגען) און מען דארף זאגען: he lay on the floor, אזוי אויך: she lay on the sofa או. אז. וו. די צרה קומט ארויס פון דעם פלאנטער צווישען די צוויי צייטווערטער lie (ליגען) און lay (לעגען). די וואס ווילען אויסמיידען דעם פעהלער זאלען געדענקען, אז —

lie איז דער טייטש: ליגען, פארגאנגענע צייט: lay געלעגען.

lay איז דער טייטש: לעגען, פארגאנגענע צייט: laid געלעגט.

catched, spended, heared

אייניגע אומרעגעלמעסיגע ענגלישע צייטווערטער ווערען פון אונזער עולם באנוצט ווי רעגעלמעסיגע. צו די געהערען: hear (הערען), spend (אויסגעבען), catch (כאפען). מאנכע זאגען heared (הירד) אנשטאט heard (הוירד), spended אנשטאט spent, catched אנשטאט caught (קאאט).

catched אנשטאט caught ווערט אפט אויך געהערט פון געבארענע אמעריקאנער, אבער עס ווערט באטראכט אלס א פארמע פון המון. אין געשפרעך צווישען אינטעליגענטע מענשען און אין שרייבען דארף די פארמע אויסגעמיטען ווערען.

פאלשע באנוצונג פון by

אן אפטער פעהלער ביי אונזער עולם איז די איבערזעצונג פון דעם אידישען פארווערטעל „ביי,“ ווי אין „זיין ביי אימעצן,“ דורך דעם ענגלישען by. פילע זאגען צ. ב. he is by my uncle (ער איז ביי מיין בעטער) she was by her aunt (זי איז געוועז ביי איהר מומען) או. אז. וו. „זיין ביי אימעצן“ דארף אין ענגליש איבערגעזעצט ווערען: to be at his house (זיין אין זיין הויז, ד. ה. ביי איהם אין הויז); „ער איז געוועזן ביי מיר“ דארף זיין: he was at my house (ער איז געוועזן אין מיין הויז, ביי מיר אין הויז) או. אז. וו. נאך נעמען פון פערזאנען ווערט דאס ווארט house אויסגעלאזען, ווי צום ביישפיל: at John's (ביי דזשאהנען), at Mary's (ביי מאריען), at uncle's (ביי דעם פעטער) או. אז. וו.

ווען מען זאגט „זיין ביי אימעצן“ און מען מיינט דערמיט זיין אויף שטענדיג, ניט צו באזוך, דארף „ביי“ איבערגעזעצט ווערען דורך with; למשל, רייענדיג פון א קינד, וואס געפינט זיך ביי זיינעם א פעטער אויף האדוואניע, זאגט מען: the child is with its uncle (דאס קינד איז ביי זיין פעטער).

פאלשע באנוצונג פון for

אן אפטער פעהלער איז אויך די איבערזעצונג פון דעם אידישען פארווערטעל „פאר“ דורך for. מען זאגט צ. ב. to be afraid for (מורא האבען פאר) אנשטאט to be afraid of. זעהר אפט הערט מען פון אונזערע לייט: I am

not afraid for nobody (איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט). דאָ איז אַ טאָפּעלער פעהלער: ערשטענס דאַרף זיין I am not afraid of; צווייטענס דאַרף נאָך דעם וואָרט not זיין anybody, נעמליך: I am not afraid of anybody. וויל מען זאָגען nobody דאַרף מען אויסלאָזען דאָס וואָרט not, נעמליך: I am afraid of nobody (זעהט אויבען די באַמערקונג וועגען don't tell me no lies).

III.

געאידישטע ענגליש.

יעדער, וואָס לערנט אַ פרעמדע שפּראַך, סיי פּראַקטיש סיי פון ביכער, דאַרף וויסען און שטענדיג האָבען אין זינען, אַז די געלערנטע שפּראַך איז ניט זיין אייגענע און אַז יעדע שפּראַך האָט זיך איהרע אייגענאַרטיגע פאָרמעס פון אויסדריקען. ער דאַרף וויסען, אַז מען קען ניט אַלע מאָל איבערזעצען אַ געדאַנקען פון איין שפּראַך אין אַן אַנדערע וואָרט אין וואָרט. אין פילע פאַלען, אמת, איז די אַרט פון אויסדריקען זיך אין פאַרשיידענע שפּראַכען גלייך. צ. ב. „איך האָב געלט,“ „ער איז אָרעם,“ „איך זעה מיין פריינד,“ קענען איבערגעזעצט ווערען אין ענגליש ווערטליך: I have money, he is poor, I see my friend. עס זיינען אָבער דאָ פאַלען — און זעהר פילע פאַלען — וואו שפּראַכען אונטערשיידען זיך אין זייערע אויסדריקען און מען קען ניט איבערזעצען פון איינער אין די אַנדערע וואָרט אין וואָרט. מען קען צ. ב. ניט איבערזעצען דעם אידישען אויסדרוק „פאַרקיהלען זיך“ אין ענגליש: to chill oneself, אָדער „רעכט אויף אייך“ מיט די ווערטער: right on you. דער ערשטער אויסדרוק דאַרף אין ענגליש זיין: to get a chill (באַקומען אַ קעלט) אָדער to catch a cold (כאַפּען אַ קעלט); דער צווייטער דאַרף זיין: it serves you right (עס דינט אייך רעכט).

אַזעלכע ווערטערליכע איבערזעצונגען, כאָטש זיי זיינען לעכערליך פאַר דעם געבאָרענעם אין דער שפּראַך, זיינען לכל הפחות פאַר איהם פאַרשטענדליך, צ. ב. ווען איינער זאָגט I have chilled myself, וועט זיין צוהערער זיך אָנשטויסען, אַז דאָס מיינט: „איך האָב זיך פאַרקיהלט.“ עס זיינען אָבער דאָ פאַלען, אין וועלכע אַ ווערטערליכע איבערזעצונג וועט פאַר דעם געבאָרענעם צוהערער אין גאַנצען זיין ניט פאַרשטענדליך. צ. ב. ווען אַ איד זאָל איבערלעגען די ווערטער „ער איז אַ גרויסער פערד“ דורך: he is a big horse, וועט עס ניט נאָר זיין לעכערליך, נאָר לחלוטין אומפאַרשטענדליך. ''פערד'' אין דעם זין, אין וועלכען עס ווערט באַנוצט אין דער אידישער פראַזע, איז אין ענגליש פרעמד. דאָס וואָרט באַדייט דאָ: אַ נאַר, אַ שוטה, און די ריכטיגע איבערזעצונג פון דער פראַזע איז:

.he is a fool נאך א ביישפיל. מיר באנוצען דאס ווארט "חברה-מאן" אין דער באדייטונג: געשייטער יונג. שטעלט אייך פאר, ווי אומפארשטענדליך, א חוץ לעבערליך, עס וואלט זיין, ווען איינער וואלט דאס דאזיגע ווארט איבערזעצען אין ענגליש: society man (society חברה, man מאן). לויט זיין באדייטונג אין אידיש דארף "חברה-מאן" זיין אין ענגליש: smart fellow אדער smart guy.

פון די פעהלערן פון דעם סארט באגעגענט מען ביי אונזער עולם א שעהן ביסעל. אלס ביישפילען וועט זיין גענוג אנצואווייזען אויף די פאלגענדע עטליכע אויסדריקען, וועלכע מען הערט גאנץ אפט:

to talk in

אזוי איבערזעצען פילע אונזער ווארט „איינריידען" (ריידען — to talk, איין — in). זיי זאגען צ. ב. he talked her in ער האט איהר איינגערעדט. דאס געהעריגע ווארט פאר איינריידען איז: to persuade.

I do not hold from him

אז איבערזעצונג פון די ווערטער: „איך האלט ניט פון איהם". אזוי דריקען זיך מאנכע אויס ווענגען א חולה, פון וועמעס לעבען זיי האלטען ניט מעהר, וועמען זיי האבען אין גאנצען אויפגעגעבען. אין ריכטיגע ענגליש דארף דער זאץ זיין: I have given him up (איך האב איהם אויפגעגעבען).

trialed

אזוי ווערט אפט איבערגעגעבען דער זין פון די ווערטער: „זיך געמשפט", „געהאט א פראצעס" (פאר געריכט). צ. ב. „ער האט געהאט א משפט מיט איהם" ווערט איבערגעזעצט: he trialed himself with him. אזוי קען מען ניט זאגען. עס דארף זיין: he was at law with him (ער איז געווען אין א געזעץ-פראצעס מיט איהם). אלס א צייטווארט ווערט אין ענגליש trial גאר ניט באנוצט. אונזער עולם האט עס איינגעפיהרט אין אידיש. מען זאגט: „ער טרייעלט זיך מיט איהם", „ער האט זיך געטרייעלט מיט איהם" א. אז. וו. ביים ריידען ענגליש מיידען עס פילע אוים. אבער מאנכע טראגען דעם גענאי-דישען אויסדרוק אויך אריבער אין ענגליש.

I should live so!

די איבערזעצונג פון דער שבועה „איך זאל אזוי לעבען", וועלכע מען הערט זעהר אפט ביי אונזער עולם. ערשטענס איז דא פאלש די איבערזעצונג פון „זאל" דורך should. דער באגריף „זאל" אין א שבועה אדער א ווינשעוואניע

ווערט אין ענגליש אויסגעדריקט דורך may ; צ. ב. „איך זאָל דערלעבען עס צו זעהן"— may I live to see it ; „לאַנג לעבען זאָלט איהר"— may you live long, או. אז. וו. א ריכטיגע איבערזעצונג פון „איך זאָל לעבען" וואָלט זיין: may I live, צווייטענס איז די גאַנצע פאָרמע פון דער שבועה פרעמד אין ענגליש. ווען אַמעריקאַנער אָדער ענגלענדער שווערען מיט'ן לעבען זאָגען זיי: upon my life ! (ביי מיין לעבען) אָדער upon my soul ! (ביי מיין נשמה).

IV.

באַנוצונג פון ווערטער אין פאַלשע באַדייטונגען.

אין אידיש דאָ אין לאַנד באַנוצט אונזער עולם מעהרערע ענגלישע ווערטער ניט אין זייערע ריכטיגע באַדייטונגען, אין וועלכע מאַנכע באַנוצען זיי אָפט אויך ביים ריידען ענגליש. צו אַזעלכע ווערטער געהערען פאָלגענדע:

pickle (פּיקל)

דאָס וואָרט באַדייט אייגענטליך: געזייערטע אָדער געמאַרינירטע, אויך געפּעקעלטע זאַכען, ווי זויערע אוגערקעס אָדער טאָמעיטאָס, געמאַרינירטע פיש, געפּעקעלטע פלייש או. אז. וו. אידיש-ריידענדע באַנוצען עס נאָר צו באַצייכענען אַן אוגערקע, און ניט נאָר אַ געזייערטע, נאָר אויך אַ זיסע. זיי זאָגען אָפט אויסדריקליך: אַ זיסע פּיקעל! pickle קען נאָר באַדייטען אַ געזייערטע אוגערקע; אַ זיסע אין אין ענגליש: cucumber (קיו'קאַמבער).

pay-day (פּעידע)

די געצאָהלט, וואָס מען באַקומט פאַר אַרבעט אין די פאַבריקען, רופען פילע פון אונזערע אַרבעטער אָן: „פּעידע". דאָס נעהמט זיך מסתמא פון pay-day (פּעי-דעי), די באַצייכענונג פון דעם טאָג, ווען מען צאָהלט אויס די אַרבעטער זייער לוין. געצאָהלט איז אין ענגליש: pay ; pay-day איז דער טאָג, ווען מען קריגט די געצאָהלט.

property (פּראָפּעטע)

פילע פון אונזער עולם רופען אַן אַ הויז, איבערהויפּט אַ נעמויערטע, „אַ פּראָפּעטע". זיי מיינען, אַז דאָס וואָרט באַצייכענט אַ געביידע, אַ בנין. property

באצייכענט אין אמת'ן: אייגענטום, סיי פון הייזער סיי פון אנדערע זאכען. ווען מען רעדט פון א הויז אלס אייגענטום קען מען זאגען: it is my property (עס איז מיין אייגענטום); אבער א הויז אלס א בנין דארף זיין אין ענגליש: house; א געמויערטע הויז: a brick house (א הויז פון ציגעל).

boarder (באָרדער)

דאָס וואָרט באדייט: אן עסער ביי אימיצען, אן אנגעדונגענער עסער, א קעסטניק. אין א ברייטערען זין קען עס אויך באצייכענען א פערזאָן, וואָס האָט זיך אנגעדונגען ביי אימיצען אי אויף קעסט אי אויף קוואַרטיר. ביי אונזער עולם ווערט boarder אויך באנוצט צו באצייכענען בלויז אן איינשטעהער, א קוואַרטיראַנט. דאָס איז פאלש. אן איינשטעהער בלויז הייסט אין ענגליש: roomer (רו'מער) אדער lodger (לא'דזשער).

הוספה צו די גראמאטישע כללים.

§129 no קיין. none (נאָן) קיינער, קיינע; קיינס, גאָרניט.

no ווערט באנוצט מיט א הויפטווארט; צ. ב. I have no money איך האב ניט קיין געלט, he has no friends ער האט ניט קיין פריינט.

none ווערט באנוצט אהן א הויפטווארט: none of them קיינער פון זיי, none but children קיינע איבער קינדער, I want none of this איך וויל קיינס דערפון ניט האבען, none of your business גאָרניט אייער עסק.

§130 אויסלאָזונג פון to פאר ציימווערטער.

פאר דער אומבאשטימטער פארם פון א ציימווארט נאך א פריהערדיגען ציימווארט קומט דאס ווערטעל to; צ. ב. I want to do איך וויל טאָן, he desires to go ער פארלאנגט צו געהן, we expect to get מיר דערווארטען צו קריגען. אבער נאך די הילפצייטווערטער shall, will, may, can, do, must, dare, let ווערט to אויסגעלאָזען: I can run איך קען לויפען, he must die ער מוז שטארבען, he did write ער האט געטאָן שרייבען (האט געשריבען), I dare say איך וואג צו זאָגען (איך האָף) או. אז. וו. דאס-זעלביגע אויך נאך די צייטווערטער hear, see, bid און איינינע אנדערע: I heard him say איך האב איהם געהערט זאָגען, I saw her do it איך האב זי געזעהן עס טאָן, he bids me go ער הייסט מיר געהן. נאך דעם צייטווארט need ווערט אמאל יע באנוצט to און אמאל ניט (זעה §120, זייט 160).

§131 to אַנשטאָט א פריהערדיגען צייטוואָרט.

אין א פאל, וואו עס קומט אויס צו ווידערהאָלען דעם זין פון א פריהער-דיגען צייטווארט, ווערט באנוצט בלויז דאס ווערטעל to; צום ביישפיל: I didn't go, because I didn't want to (go) איך בין ניט געגאנגען, ווייל כ'האב ניט געוואָלט (געהן); he is not willing to work, but he has to (work) ער וויל ניט ארבעטן, אבער ער מוז (ארבעטן).

ענגליש-אידישער ווערטערבוך.

פארצייכעניש פון אלע ווערטער, וועלכע קומען פאר אין די מעשה'לאך און אין די כללים פון אויסשפראך און גראמאטיק, אויסגעשטעלט נאך'ן עי-בי-סי.

אפקירצונגען: אומשטוו. — אומשטאנדוואָרט (זעה דערקלערונג פון שפראכטיילען, זייט 8). מצ. — מעהרצאהל. פ. צ. — פארגאנגענע צייט-פארמע. פ. פצ. — פארגאנגענער פארציפיפ (זעה §53, זייט 64).

A

A דער ערשטער בוכשטאב פון עי-בי-סי; ווערט אנגערופען: עי.

a ארטיקעל: א; פאר ווערטער, וואס הייבען זיך אן מיט א וואקאל-קלאנג: **an**; צ. ב. **an apple** אן עפעל, **an egg** אן איי; **an hour** א שעה.

abash (עבע'ש) פארשעמען, סקאנ-פושען, צעמישען, ברייגנען אין פאר-לעגענהייט.

able (עיבל) פעהיג; אין שטאנד; **to be able** זיין אין שטאנד, קענען; **ably** (עי'בלי) אומשטוו.

about (עבא'וט) וועגען; ארום.

above (עבא'וו) אויבען, איבער.

abroad (עברא'אד) אין דרויסען; אין אויסלאנד; ארויס; **to go abroad** געהן נאך אויסלאנד; **to get abroad** ארויסקומען, ווערען באקאנט (ווי א געהיימעניש).

accept (עקסע'פט) אנגעהמען.

accident (ע'קסידענט) צופאל, סבה.

acquaintance (עקוועי'נטענס) באַ-קאנטשאפט; באקאנטער, באקאנטע.

across (עקרא'ס) אפפערעק, אין דער ברייט; איבער; **to come across** אנ-טרעפען, געפינען.

act (עקט) אקט, האנדלונג; האנדלען.

action (ע'קשאן) טאט, האנדלונג.

actor (ע'קטאר) אקטיאר, שוישפילער.

actual (ע'קטשועל) ווירקליך; **actually** אומשטוו. ממש.

Adam (ע'דעם) אדם הראשון.

add (עד) צוגעבען, צוזעצען, צולעגען.

admit (עדמי'ט) צולאזען, אריינלא-זען; צוגעבען.

adventure (עדווע'נטשור) אווענטורע, געשעהעניש, פאסירונג.

advertise (ע'דווערטאיז) אנאנסירען, באקאנט מאכען.

advertisement (עדוואוי'רטיזמענט) אנאנסע, באקאנטמאכונג.

advice (עדוואי'ס) א ראט, אן עצה.

advise (עדוואי'ז) ראטען, געבען אן עצה.

afford (עפא'רד) פארשאפען; פאר-מעגען, זיין אין שטאנד; **I cannot afford to do it** איך פארמאג עס ניט צו טאן.

after (ע'פטער) נאך; דערנאך.

after-life (ע'פטער-לאיף) שפעטער-דיגעס לעבען, די צוקונפט.

afterwards (ע'פטערווארדז) דערנאך, שפעטער.

again (עגע'ן) ווידער, נאך א מאל.

age (עידזש) עלטער, יאהרען.

ago (עגא'ו) צוריק; **a week ago** מיט א וואך צוריק, פאראכטאגען.

agree (עגרי') איינשטימען, אננעה-מען; אפמאכען.

aid (עיד) הילף; העלפען.

album (ע'לבאם) אלבום, בילדערבוך.

alchemist (ע'לקימיסט) אלכעמיקער (פארצייטיגער כעמיקער, וואס האט געזוכט דעם סוד צו פארוואנדלען איינפאכע מעטאלען אין גאלד).

alive (עלא'יוו) לעבעדיג; **to be —** לעבען.

all (אָאל) אַלע; אַלץ; גאַנץ, אין גאַנצען.
along (עלאָ'נג) ווייטער; מיט; **to go along** געהן ווייטער; **to take along** מיטנעהמען.
aloud (עלאַ'וד) הויך, אויף'ן קול.
also (אָ'אלסאָו) אויך.
already (אָאלרע'די) שוין.
although (אָאלדהאָו') הגם, כאָטש.
always (אָ'אלוועיז) אימער, שטענדיג, תמיד.
am (עם) (איך) בין (ערשטע פּערזאָן איינצאָהל געגענווערטיגע צייט פון **be**).
amaze (עמעי'ז) פאַרוואונדערן.
amazed (עמעי'זד) פאַרוואונדערט, נשתומם.
America (עמע'ריקע) אַמעריקע.
among (עמאָ'נג) צווישען.
amusement (עמיו'זמענט) פאַרגעניגען, לוסטיגקייט, צייטפאַרטרייב.
an (ען) אַרטיקעל: אַ (זעה **a**).
anchor (ע'נקאָר) אַנקער (פון אַ שיף).
ancient (עי'נשענט) אַלט, פאַרצייטיג.
and (ענד) און.
anecdote (ע'נעקדאָוט) אַנעקדאָט, מעשה'לע.
angry (ע'נגרי) בייז, אין כעס; **angrily** אומשטוו.
animal (ע'נימעל) אַ חיה, אַ טיר.
annex (ענע'קס) אַנבינדען, צוגעבען, פאַראייניגען.
another (ענאַ'דהער) אַן אַנדער; נאָך איינער; **one another** איינער דעם אַנדערן (זעה §177, זייט 149).
answer (ע'נסער) ענטפער; ענטפערן.
ant (ענט) אַ מוראַשקע.
antique (ענטי'ק) אַלט, פאַרצייטיג.
any (ע'ני) וועלכער עס איז; **any one** ווער עס איז.
anybody (ע'ניבאָדי) ווער עס איז.

anything (ע'ניטהינג) וואָס עס איז, עפּעס.
appear (עפּי'ר) זיך באַווייזען, דערשיינען.
appetite (ע'פּיטאַיט) אַפּעטיט.
applaud (עפּלאָ'אד) אַפּלאָדירען, פּאַטשען בראַוואָ.
apply (עפּלאַי') אַנווענדען; זיך מעלדען, זיך ווענדען.
appreciate (עפּריישיעיט) אָפּשאַצען; איינזעהן, באַגרייפען.
approach (עפּראָו'טש) דערנעהערן זיך, קומען נאָהענט, אָנקומען.
arch (אַרטש) בויגען, האַלב-רונדער טויער.
are (אַר) זייט, זיינען (געגענווערטיגע צייט מעהרצאָהל פון **be**).
Aristotle (אַ'ריסטאָטעל) אַריסטאָטעל (גריכישער פילאָסאָף).
arithmetic (עריי'טהמיטיק) אַריפמעטיקע, רעכענען.
around (עראַ'ונד) אַרום.
arrange (ערעי'נדזש) איינאָרדנען, איינריכטען; באַשטימען, אָפּריידען.
arrive (עראַי'וו) אָנקומען.
art (אַרט) קונסט.
art (אַרט) (דו) ביסט (צווייטע פּערזאָן איינצאָהל געגענווערטיגע צייט פון **be**; ווערט באַנוצט מיט **thou**).
as (עז) ווי; ווייל; אַלס, ווען; **as—as** אַזוי—ווי: **as many as** אַזוי פילע ווי.
ask (עסק) פרעגען; בעטען.
ass (עס) אַן אייזעל.
assemble (עסע'מבל) פאַרזאַמלען.
assembly (עסע'מבלי) פאַרזאַמלונג, אַסיפה, פּאַרלאַמענט.
assurance (עשו'רענס) פאַרזיכערונג.
assure (עשו'ר) פאַרזיכערן.
astonish (עסטאָ'ניש) פאַרוואונדערן, איבעראַשען; **to be astonished**

פארוואונדערט ווערען, נשתומם ווע-רען.

astonishment (עסטאַ'נישמענט) פאר-וואונדערונג, איבערראַשונג.

asylum (עסאַיי'לאַם) אַנשטאַלט, האָס-פיטאַל; insane asylum אַנשטאַלט פאַר משוגעים, משוגעים-הויז.

at (עט) צו; ביי; אין; at home צו-הויז, אין דער היים; at last צולעצט.

ate (עיט, עט) האָט געגעסען (פ. צ. פון eat).

attend (עטע'נד) באַגלייטען; באַדינען, באַזאָרגען, אויפפּאַסען; זיין אַנוועזענד ביי.

attendant (עטע'נדענט) באַגלייטער, באַדינער.

attention (עטע'נשאַן) אויפמערקזאַם-קייט.

autumn (אָ'אָטאַם) הערבסט, אָסיען.

away (עוועי') אַוועק.

axe (עקס) אַ האַק.

axle (עקסל) אַן אַקס (פון אַ וואַגען).

B

B דער צווייטער בוכשטאַב פון עי-בי-סי; ווערט אַנגערופען: בי.

back (בעק) דער רוקען; צוריק.

bad (בעד) שלעכט; **badly** אומשטוו.

bag (בעג) אַ זאַק.

bake (בעיק) באַקען.

bald (באָאָלד) פּליכעוואַטע.

banker (בע'נקער) אַ באַנקיר.

barn (באַרן) אַ שייער.

bath (בעטה) אַ באָד; אַ וואַנע.

bathe (בעידה) באָדען.

be (בי) זיין (פ. צ. איינצאָהל was, מעהרצאָהל were; פ. פצ. been); to be to... דאַרפען, זאָלען (זעה §125, זייט 183; §127, זייט 187).

bear (בעיר) טראָגען; געביירען (פ. צ. bore, פ. פצ. borne (געטראָגען), born (געבאָרען).

beautiful (ביו'טיפול) שען.

beauty (ביו'טי) שענקייט; אַ פּאַר-שוין.

became (ביקעי'ם) איז געוואָרען (פ. צ. פון become).

become (ביקאַ'ם) ווערען (פ. צ. became, פ. פצ. become).

bed (בעד) אַ בעט.

been (בין) געוועזן (פ. פצ. פון be).

beer (ביר) ביר.

before (ביפאָ'ר) פריהער; פאר

beg (בעג) בעטען; בעטלען.

began (ביגע'ן) האָט אָנגעהויבען (פ. צ. פון begin).

beggar (בע'גער) אַ בעטלער.

begin (ביגי'ן) אָנהייבען (פ. צ. began, פ. פצ. begun).

behave (ביהעי'וו) זיך אויפפיהרען, זיך באַנעהמען.

believe (בילי'וו) גלויבען.

bell (בעל) אַ גלאָק.

belong (בילאָ'נג) באַלאַנגען, געהערען.

Berlin (בוי'רלין) בערלין.

beseech (ביסי'טש) שטאַרק בעטען (פ. צ. און פצ. besought).

besought (ביסאָ'אַט) געבעטען (פ. צ. און פ. פצ. פון beseech).

best (בעסט) בעסט, דאָס בעסטע.

bet (בעט) וועטען, געהן אין געוועט (פ. צ. און פ. פצ. bet אָדער betted).

bet (בעט) אַ וועט.

betray (ביטרעי') פאַרראַטען, אַרוים-געבען.

better (בע'טער) בעסער.

between (ביטווי'ן) צווישען.

beverage (בע'ווערעידזש) געטרענק, משקה.

beware (ביווע'יר) זיך היטען.

bid (ביד) באָטען, אָנבאָטען (פ. צ. bade אָדער bid, פ. פצ. bid אָדער bidden).

big (ביג) גרויס.

billion (בי'ליאָן) אַ ביליאָן (אין אַמע-ריקע: טויזענט מיליאָנען, אין ענג-לאַנד: אַ מיליאָן מיליאָנען).

bird (בוירד) אַ פויגעל.

birth (בוירטה) געבורט, אָפּשטאַ-מונג; to give birth to געביירען.

bite (באַיט) בייסען (פ. צ. bit, פ. פצ. bit אָדער bitten).

black (בלעק) שוואַרץ.

blacksmith (בלע'קסמיטה) אַן איי-זענשמיד.

blame (בלעים) בלאַמירען, טאַדלען, זוכען חסרונות.

bless (בלעס) בענשען.

blind (בלאַינד) בלינד.

blue (בליו) בלוי.

boarder (באָ'רדער) קעסטניק, עסער.

boarding-house (באָ'רדינג-האַוס) קעסט-קוואַרטיר, פּאַנסיאָן.
boast (באָוסט) זיך באַריהמען; באַריהמעריי.
boastful (באָ'וסטפול) באַריהמעריש; אומשטוו. boastfully.
boat (באָוט) א שיף.
body (באָ'די) קערפּער, גוף.
boil (באָיל) קאָכען.
bold (באָולד) דרייסט, מוטיג.
bolt (באָולט) א ריגעל, א פאַררוקער.
bond (באָנד) א באַנד, א פאַרבאַנד.
bone (באָון) א ביין.
book (בוק) א בוך.
boot (בוט) א שטיוועל.
bore (באָור) האָט געבאָרען (פּ. צ. פון bear).
born (באָרן) געבאָרען (פּ. פּצ. פון bear געבוירען).
borne (באָרן) געטראָגען (פּ. פּצ. פון bear טראָגען).
both (באָוטה) ביידע.
bottom (באַ'טאָם) דער גרונט, דער אונטערשטער דעק, דער אונטען.
bought (באָ'אָט) געקויפט (פּ. צ. און פּ. פּצ. פון buy).
box (באָקס) א קאַסטען; א קעסטעל, א שאַכטעל.
boy (באָי) א אינגעל; א יונגער מאַן, א בחור, א יונג.
brain (ברעין) מאַרך.
branch (ברענטש) א צווייג.
bread (ברעד) ברויט.
breakfast (ברע'קפעסט) דער אָנבייסען, פריהשטיק; עסען פריהשטיק, אָנבייסען.
bred (ברעד) דערצויגען, געהאָדעוועט (פּ. צ. און פּ. פּצ. פון breed).
breed (בריד) דערציהען, האָדעווען (פּ. צ. און פּ. פּצ. bred).
breeding (ברי'דינג) דערציהונג, האָדעוואַניע.
brethren (ברע'דהרען) ברידער (פון א געזעלשאַפט, פון א פאַראיין, פון א פאָלק).
bring (ברינג) ברייננגען (פּ. צ. און פּ. פּצ. brought); to bring up אויפהאָדעווען, דערציהען.
brisk (בריסק) לעבעדיג, פלייסיג, ענערגיש.
brother (בראַ'דהער) א ברודער (מצ. brothers און brethren).
brush (בראַש) א באַרשט, א בערשטעל; אָפּבאַרשטען, פּוצען מיט א בערשטעל.
build (בילד) בויען (פּ. צ. און פּ. פּצ. built).
built (בילט) געבויט (פּ. צ. און פּ. פּצ. פון build).
bullet (בו'לעט) א קויל.
bundle (באַנדל) א בינטעל, א פּעקעל.
burden (בוירדן) א משא, א לאַסט.
bureau (ביו'ראָו) א ביורע, א קאָמאָד; א קאַנטאָר.
burn (בוירן) ברענען.
burst (בוירסט) פּלאַצען (פּ. צ. און פּ. פּצ. burst); to burst out אויספּלאַצען.
bury (בוי'רי) באַגראָבען, באַהאַלטען.
bush (בוש) קוסט, קוסטאַרניק, וועלדעל.
business (בי'זנעס) געשעפט, עסק.
businessman (בי'זנעססמען) געשעפט-מאַן, סוחר.
but (באַט) אָבער.
butcher (בו'טשער) שלאַכטער, קצב.
buy (באַי) קויפען (פּ. צ. און פּ. פּצ. bought).
by (באַי) ביי; דורך, פון; to be done by... געטאָן ווערען דורך...; by the side of... ביי דער זייט פון...

C

C דער דריטער בוכשטאַב פון עי-בי-סי; ווערט אַנגערופען: סי.
calf (קאַף) א קאַלב.
call (קאָאל) רופען, אַנרופען; מאַכען; to call at... א באַזוך אָפּשטאַטען; to call for... א באַזוך ביי...; פאַרלאַנגען.
calm (קאָם) שטיל, רוהיג; באַרוהיגען.
calumny (קע'לאַמני) פאַרליימדונג, לשון הרע.
came (קעים) איז געקומען (פּ. צ. פון come).
can (קען) קענען (פּ. צ. could).
cane (קעין) א שפּאַציר-שטאָק.
captain (קע'פּטעין) א קאַפּיטאַן, א הויפּטמאַן.
care (קעיר) זאָרג, דאגה.

careful (קעי'רפול) פארזיכטיג, אויפ- מערקזאם, פינקטליך, אקוראטנע; אומשטון. **carefully**.

carry (קע'רי) טראגען, פיהרען.

case (קעים) א פאל.

cast (קעסט) ווארפען (פ. צ. און פ. פצ. cast).

caste (קעסט) א קאסטע, א קלאס (פון א פאלק).

cat (קעט) א קאץ.

cautious (קא'אשאס) פארזיכטיג; אומשטון. cautiously.

cave (קעיוו) א הערהל; אויסהעהלען; to cave in איינפאלען.

celebrated (סע'ליברע'טעד) באריהמט.

celestial (סילעס'טשעל) הימליש.

cell (סעל) א קעמערל, א צימערל.

censure (סע'נשור) טאדלונג, שטראפונג.

certainly (סוי'רטינלי) געוויס.

challenge (טשע'לענדזש) אויפפאדערן; אויפפאדערונג.

change (טשעינדזש) ענדערן, בייטען; אומביטען, פארוואנדלען; ענדערונג.

charge (טשארדזש) אנזאגען; באשולדיגען; רעכענען, בארעכענען (א פרייז).

character (קע'רעקטער) כאראקטער.

Chicago (שיקא'גאו) שיקאגא.

child (טשאילד) א קינד (מצ. children).

children (טשי'לדרען) קינדער (איינצ. child).

china (טשאי'נע) פארצעליי.

chaise (שעז) א קארעטקע.

chief (טשיף) הויפטמאן; הויפט, דיאוונע.

choose (טשוז) אויסקלייבען, אויס- וועהלען (פ. צ. chose, פ. פצ. chosen).

chose (טשאוז) האט אויסגעקליבען (פ. צ. פון choose).

chosen (טשאוזן) אויסגעקליבען (פ. פצ. פון choose).

chronicle (קרא'ניקל) כראניקע.

church (טשוירטש) קירך.

cider (סאי'דער) עפעלקוואס.

cigar (סיגא'ר) ציגאר.

cipher (סאי'פער) א נול; א גארנישט.

circumstance (סוי'רקאמסטענס) אומשטאנד; לאגע.

citizen (סי'טיזן) שטאטמאן; בירגער.

city (סי'טי) א שטאט.

civil (סי'וויל) בירגערליך; ציווילנע.

clap (קלעפ) קלאפען, פאטשען.

clean (קלין) ריין; רייניגען, פוצען.

clear (קליר) קלאר; פארשטענדליך; אפרייניגען, אפראמען.

clergy (קלוי'רדזשי) דער גלחישער שטאנד, כלי קדש, גייסטליכע.

clergyman (קלוי'רדזשימען) א גייסט- ליכער, א גלח.

clever (קלע'ווער) געשיקט, פעהיג, בריה'יש, קלוג.

clock (קלאק) א זייגער.

cloth (קלאטה) טוך, געוואנט; א טוך.

clothes (קלאוז) קליידער.

coat (קאוט) א ראק.

coffee (קא'פי) קאווע.

coffee-house (קא'פי-האוס) א קא- ווארניע.

coin (קאין) א מטבע.

cold (קאולד) קאלט.

come (קאם) קומען (פ. צ. came, פ. פצ. come); to come up to... צוקומען צו..., צוגעהן צו...

commentary (קא'מענטערי) קאמענ- טאר, פירוש.

companion (קאמפע'ניאן) באגליי- טער, חבר.

company (קא'מפעני) געזעלשאפט, קאמפאניע; ראטע (פון סאלדאטען).

compel (קאמפע'ל) צווינגען.

complain (קאמפלע'ין) זיך באקלא- גען.

complete (קאמפלי'ט) פולקומען, פארפול, גאנץ; to make the farce complete צו מאכען די קאמעדיע פארפול.

condemn (קאנדע'ם) פאראורטיילען, פאר'משפט'ן.

condition (קאנדי'שאן) קאנדיציע, באדינג, תנאי, אופן.

confess (קאנפע'ס) באקענען, מודה זיין.

congregation (קאנגריגעי'שאן) גע- מיינדע, עדה, קהילה.

conquer (קא'נקער) זיגען, באזיגען, מנצח זיין.

consider (קאנסי'דער) נאכדענקען, נאכטראכטען, באטראכטען, איבער- לעגען.

contempt (קאָנטעמ'מט) פאַראַכטונג.

contend (קאָנטע'נד) שטרייטען.

contention (קאָנטע'נשאָן) שטרייט, מחלוקת.

contract (קאָ'נטרעקט) קאָנטראַקט, אָפּמאַך.

conversation (קאָנווערסעי'שאָן) געשפּרעך, שמועס.

convert (קאָנוואוי'רט) בעקעהרען, מגייר זיין, שמד'ן.

cook (קוק) א קוכער.

corner (קאָ'רנער) א ווינקעל; פאַרטרייבען אין א ווינקעל, צודריקען צום וואַנט.

cost (קאָסט) קאָסטען (פ. צ. און פ. פצ. cost).

cough (קאָף) הוסטען.

counsel (קאַ'ונסעל) א ראַט, אן עצה; to keep counsel האַלטען זיך עצה, זיך בעראַטען.

country (קאַ'נטרי) לאַנד, דאָרף; געגענט, מדינה.

countryman (קאַ'נטרימען) לאַנדמאַן, דאָרפמאַן; לאַנדסמאַן (מצ. countrymen).

country-seat (קאַ'נטרי-סיט) לאַנדוואוינונג.

course (קאָורס) גאַנג, לויף; in the course of... אין דעם פאַרלויף פון..., וועהרענד.

court (קאָורט) געריכט, געריכטהויז.

courtesy (קוי'רטיסי) העפליכקייט, פריינטליכקייט.

crawl (קראָאל) קריכען.

crime (קראַים) א פאַרברעכען.

critic (קרי'טיק) א קריטיקער.

crooked (קרו'קעד) קרום, געקרימט; פאַרדאַרבען; a crooked thing א קרומע זאַך, א פאַרדאַרבענע בריאה.

cross (קראָס) א קרייץ, א צלם.

cross-examination (קראָס-עגזעמינעי'שאָן) א קרייץ-פאַרהער, אן אויספרעגונג (פאַר א געריכט).

cruel (קרו'על) גרויזאַם, אכזריש.

cunning (קאַ'נינג) כיטרע, ליסטיג; cunningly אומשטוו.

cup (קאַפּ) א טאַס, א שאַל; א בעכער, א כוס.

cut (קאַט) שניידען (פ. צ. און פ. פצ. cut); א שניט.

cutter (קאַ'טער) א צושניידער.

cymbal (סי'מבעל) א צימבעל.

D

D דער 4טער בוכשטאַב פון עי-בי-סי; ווערט אַנגערופען: די.

damp (דעמפּ) פייכט.

dangerous (דעי'נדזשעראָס) געפעהרליך, סכנות'דיג.

day (דעי) א טאָג.

deal (דיל) האַנדלען; אויסטיילען (פ. צ. און פ. פצ. dealt (דעלט)); א צאָהל; a great deal א סך

dealt (דעלט) געהאַנדעלט; אויסגעטיילט (פ. צ. און פ. פצ. פון deal).

dead (דעד) טויט, געשטאָרבען.

dear (דיר) טייער; ליב.

death (דעטה) דער טויט.

declare (דיקלע'יר) דערקלערען.

dedicate (דע'דיקעיט) ווידמען, הייליגען צו אימעצנ'ס עהרע דורך אן אויפשריפט.

deep (דיפּ) טיף; deeply אומשטוו.

deformed (דיפאָ'רמד) מיאוס (אין געשטאַלט).

delight (דילאַי'ט) פאַרגעניגען; פרייד, שמחה.

delighted (דילאַי'טעד) דערפרייט, מלא שמחה.

descend (דיסע'נד) שטאַמען, אַרויסקומען.

descent (דיסע'נט) אָפּשטאַמונג.

deserve (דיזוי'רוו) פאַרדינען.

desk (דעסק) שרייבטיש, פּולט.

despair (דיספּעי'ר) פאַרצווייפלונג, יאוש.

despise (דיספּאַי'ז) פאַראַכטען.

dessert (דעזוי'רט) נאָכשפּייז, לעצטער געריכט.

detect (דיטע'קט) אַנטדעקען, אויפדעקען, אויסגעפינען, דערטאַפּען.

determine (דיטוי'רמין) באַשטימען, באַשליסען.

devil (דעוול) א טייוועל, א שוואַרצ־יאָהר.

diary (דאַי'ערי) א טאָגבוך.

did (דיד) האָט געטאָן (פ. צ. פון do).

die (דאַי) שטאַרבען.

difference (די'פערענס) אַן אונטער־שייד, אַ חילוק.

different (די'פערענט) פאַרשיידען; אומשטוו. **differently** אַנדערש.

difficult (די'פיקאַלט) שווער.

dig (דיג) גראַבען (פּ. צ. און פּ. פּצ. **digged** אָדער **dug**).

digger (די'גער) אַ גרעבער.

dine (דאַין) עסען מיטאָג, שפּייזען.

dinner (די'נער) מיטאָג, וואַרמעס.

direction (דירע'קשאָן) אָנווייזונג, אָנזאָגונג; ריכטונג; אַדרעס.

dirt (דוירט) שמוץ.

dirty (דוי'רטי) שמוציג.

disappear (דיסעפּי'ר) פאַרשווינדען, פאַרפאַלען ווערען, ניט ווערען.

discover (דיסקאָ'ווער) אַנטדעקען, אויפדעקען, אויסגעפינען, דערגעהן.

discussion (דיסקאָ'שאָן) דעבאַטע, וכוח, שמועס.

dish (דיש) אַ שיסעל; אַ געריכט.

dislike (דיסלאַי'ק) ניט ליבען, פיינט האָבען.

divide (דיוואַי'ד) טיילען, צעטיילען.

division (דיווי'זשאָן) טיילונג, צע־טיילונג; שפּאַלטונג; חילוק (אין רע־כענען).

do (דו) טאָן (פּ. צ. **did**, פּ. פּצ. **done**).

doe (דאָו) די נקבה פון הירשען, האָזען און קראָליקעס.

doe-hare (דאָו'־העיר) די נקבה פון אַ האָז, אַ האָזיכע.

doesn't (דאָ'זנט) אָפּקירצונג פון **does not**.

dog (דאָג) אַ הונט.

done (דאָן) געטאָן (פּ. פּצ. פון **do**).

don't (דאָונט) אָפּקירצונג פון **do not**.

door (דאָ'אָר) אַ טיר.

doubt (דאַוט) אַ צווייפעל, אַ ספק.

dough (דאָו) טייג.

down (דאַון) אַרונטער, אַראָפּ.

drank (דרענק) האָט געטרונקען (פּ. צ. פון **drink**).

drink (דרינק) טרינקען (פּ. צ. **drank**, פּ. פּצ. **drunk**).

draught (דרעפט) אַ צוג; אַ שלוק.

draw (דראַא) ציהען; צייכענען (פּ. צ. **drew**, פּ. פּצ. **drawn**).

drawn (דראָ'אַן) געצויגען; געציי־כענט (פּ. פּצ. פון **draw**).

drew (דרו) האָט געצויגען, האָט גע־צייכענט (פּ. צ. פון **draw**).

drip (דריפּ) טריפען.

dripping (דרי'פּינג) טריפענדיג.

droll (דראָול) שפּאַסיג, לוסטיג.

drop (דראָפּ) טריפען; אַראָפּוואַרפען; אַ טראָפּען.

drown (דראַון) דערטרינקען.

drunk (דראָנק) געטרונקען; אָנגע־טרונקען, שכור (פּ. פּצ. פון **drink**).

dry (דראַי) טריקענען; טרוקען.

due (דיו) צוגעהעריג, געהעריג; שול־דיג, וואָס קומט.

dug (דאָג) געגראָבען (פּ. צ. און פּ. פּצ. פון **dig**).

duke (דיוק) אַ דוכס, אַ הערצאָג.

dumb (דאָם) שטום.

during (דיו'רינג) וועהרענד, בעת.

dye (דאַי) פאַרבען; פאַרב.

dyer (דאַי'ער) אַ פאַרבער.

dying (דאַי'אינג) שטאַרבענד; דאָס שטאַרבען.

E

E דער פינפטער בוכשטאַב פון עי־בי־סי; ווערט אָנגערופען: אי.

each (איטש) יעדער; **each other** איינער דעם אַנדערן.

eager (אי'גער) גיריג, חשק'דיג, אומ־געדולדיג.

ear (איר) אַן אויער.

early (אוי'רלי) פריה.

easy (אי'זי) גרינג, לייכט.

eat (איט) עסען (פּ. צ. **ate**, פּ. פּצ. **eaten**).

eaten (איטן) געגעסען (פּ. פּצ. פון **eat**).

egg (עג) אַן איי.

eight (עיט) אַכט.

eighteen (עי'טין) אַכצעהן.

eighteenth (עי'טינטה) דער אַכצעהנ־טער.

eighty (עי'טי) אַכציג.

eater (אי'טער) אַן עסער, אַ פרעסער.

either (אי'דהער) יעדער (פון צוויי); **either-or** ענטפער־אָדער, אָדער־אָדער (זעת רעגיסטער).

elder (עי'לדער) דער עלטערער (פון אַ פאַמיליע).

eldest (ע'לדעסט) דער עלטעסטער (פון א פאמיליע).

eleven (עלע'וון) עלף.

eleventh (עלע'ווענטה) דער עלפטער.

eminent (ע'מינענט) הויך, גרויס, פארנעהם.

employ (עמפלאי') באשעפטיגען, אנשטעלען.

end (ענד) ענדע, סוף; עק, זייט; ענדיגען.

engage (ענגעי'דזש) באשעפטיגען, ענגאזשירען, אנשטעלען.

engine (ע'נדזשין) א קראפט-מאשין.

England (איי'נגלענד) ענגלאנד.

English (אי'נגליש) ענגליש.

Englishman (איי'נגלישמען) אן ענגלענדער.

enlist (ענלי'סט) איינשרייבען אין דינסט, נעהמען פאר א סאלדאט.

enough (אינא'ף) גענוג.

enter (ע'נטער) אריינגעהן, זיך אריינקריגען.

entertain (ענטערטעי'ן) אונטערהאלטען, אמוזירען, אויפנעהמען (געסט).

equally (אי'קוועלי) גלייך, אויף דער זעלביגער ארט.

erect (אירע'קט) אויפשטעלען, אויפבויען.

err (איור) אירען, האבען א טעות.

error (ע'ראר) אן אירטום, א טעות, א פעהלער, א גרייז.

establish (עסטע'בליש) עטאבלירען, איינריכטען.

etc. (עט סע'טערע) אפקירצונג פון די לאטיינישע ווערטער **et cetera** (עט צעטערא): און ווייטערדיגע זאכען, און אזוי ווייטער; ווערט אפט גענוצט; **and so forth**, וועלכעס איז די ענגלישע איבערזעצונג דערפון.

eve (איוו) אווענט; ערב; **the eve of a holiday** ערב יום טוב.

even (איוון) גראד; גראד; אפילו.

evening (אי'ווונינג) אווענט.

event (איווע'נט) פאסירונג.

ever (ע'ווער) ווען עס איז, אמאל; אימער; **as ever** ווי אימער; **as hard as ever** אזוי שווער ווי עס קען נאר זיין.

exact (ענזע'קט) גענוי, פינקטליך.

exaggerate (ענזע'דזשערעיט) פארגרעסערן, מגזם זיין.

examination (ענזעמינעי'שאן) אונטערזוכונג; עקזאמען (אין א שולע).

examine (ענזע'מין) עקזאמינירען, אונטערזוכען, באזעהן, באקוקען.

example (ענזע'מפל) א ביישפיל, א משל; **for example** צום ביישפיל, למשל.

excavation (עקסקעוועי'שאן) אויסגראבונג.

exclaim (עקסקלעי'ם) אויסשרייען, אויסרופען.

excuse (עקסקיו'ז) אנטשולדיגען, מוחל זיין.

excuse (עקסקיו'ס) אן אנטשולדיגונג; א תירוץ.

execute (ע'קסיקיוט) אויספיהרען, דורכפיהרען; הינריכטען (א פארברעכער).

exhaust (ענזהא'אסט) אויסשעפען; אויסמאטערן.

exhibit (ענזהי'ביט) ארויסווייזען; אויסשטעלען; פארטראגען פאר'ן עולם.

exhibition (ענזהיבי'שאן) ארויסווייזונג; אויסשטעלונג; עפענטליכער פארטראג.

expect (עקספע'קט) דערווארטען.

explain (עקספלע'ין) דערקלערען.

explosion (עקספלא'זשאן) אויספלאצונג.

expulsion (עקספא'לשאן) ארויסשטויסונג, ארויסטרייבונג.

express (עקספרע'ס) אויסדריקען.

extraordinary (עקסטרא'רדינערי) אויסערגעוועהנליך.

eye (אי) אן אויג.

F

F דער זעקסטער בוכשטאב פון עי-בי-סי; ווערט אנגערופען: עף.

fable (פעיבל) א פאבעל, א משל.

face (פעיס) דער געזיכט, דער פנים.

fail (פעיל) פעהלען, פארפעהלען.

fair (פעיר) שען; עהרליך, ארענטליך; **fairly** אומשטוו.

fall (פאאל) פאלען (פ. צ. **fell**, פ. פצ. **fallen**).

fallen (פאָלן) געפאַלען (פ. פּצ. פון fall).
false (פאָלס) פאַלש.
falsehood (פאָ'לסהוד) אַ ליגען, אַ שקר.
family (פע'מילי) אַ פאַמיליע, אַ הויז־געזינד, אַ משפחה.
famous (פעי'מאָס) באַריהמט.
far (פאַר) ווייט.
farce (פאַרס) אַ קאָמעדיע.
fare (פעיר) פאַהרען, געהן; אימעצן געהן; I fare well מיר געהט גוט; he fares ill איהם געהט שלעכט.
farmer (פאַ'רמער) לאַנדמאַן, פאַרמער, פויער.
farther (פאַ'רדהער) ווייטער.
farthest (פאַ'רדהעסט) ווייטסט, דער ווייטסטער.
fast (פעסט) גיך, שנעל.
fast (פעסט) אַ תענית; פאַסטען.
fasten (פעסן) באַפעסטיגען.
fasting (פע'סטינג) דאַס פאַסטען, ניט עסען.
fat (פעט) פעט, דיק.
father (פאַ'דהער) אַ פאַטער, אַ טאַטע.
fault (פאָ'לט) אַ פעהלער, אַ חסרון.
faulty (פאָ'לטי) פעהלערדיג.
favor (פעי'וואָר) אַ געפעליגקייט, אַ טובה.
fear (פיר) אַ שרעק, אַ פורכט, אַ מורא; פירכטען, מורא האָבען.
feather (פע'דהער) אַ פעדער.
fed (פעד) געשפייזט (פ. צ. און פ. פּצ. פון feed).
feed (פיד) שפּייזען, פיטערן (פ. צ. און פ. פּצ. fed).
feel (פיל) פיהלען.
feet (פיט) פיס (איינצ. foot).
fell (פעל) איז געפאַלען (פ. צ. פון fall).
fellow (פע'לאָו) אַ מענש, אַ מאַן, אַ יונג, אַ קערל; אַ חבר.
feud (פיוד) אַ קריג.
few (פיו) וועניג, וועניגע, איניגע.
field (פילד) אַ פעלד.
field-gate (פי'לד-געיט) אַ פעלד־טויער, אַ זאַסטאַווע, אַ וועג־פאַר־שפּאַרער.
fierce (פירס) ווילד, שרעקליך; fiercely אומשטמו.
fifteen (פי'פטין) פופצעהן.
fifteenth (פי'פטינטה) דער פופצעהנ־טער.
fifth (פיפטה) דער פינפטער.
fiftieth (פי'פטיעטה) דער פופציג־סטער.
fifty (פי'פטי) פופציג.
fill (פיל) פילען, אָנפילען.
find (פאַינד) געפינען (פ. צ. און פ. פּצ. found); to find out אויסגע־פינען.
fine (פאַין) פיין, שען.
finger (פי'נגער) אַ פינגער.
fingernail (פי'נגערנעיל) אַ פינגער־נאָגעל.
finish (פי'ניש) ענדיגען, פאַרענדיגען, קאָנטשען.
fir (פויר) אַ סאָסנע (בוים).
fire (פאַיר) פייער.
fire-side (פאַי'ר-סאַיד) אַ קאַמין, אַן ענגלישער אויווען.
firm (פוירם) פעסט, זיכער; אַ פירמע, אַ געשעפט־הויז, אַ געשעפט־קאָמ־פּאַניע.
first (פוירסט) דער ערשטער.
fit (פיט) פּאַסען, צופּאַסען.
fitter (פי'טער) אָנפּאַסער, צופּאַסער.
five (פאַיוו) פינף.
fix (פיקס) פעסטשטעלען, באַשטימען; פאַרריכטען.
flight (פלאַיט) אַ פליה, אַ גאַנג; אַן עטאַזש, אַ שטאָק (פון אַ הויז); a flight of stairs אַ גאַנג טרעפּ, אַ רייהע טרעפּ (פון אַן עטאַזש).
flock (פלאָק) אַ סטאַדע; אַן עדה; זיך זאַמלען, זיך גרופּירען אין סטאַדעס.
Flodden (פלאָדן) פלאָדן (אַ באַרג אין צפון-ענגלאַנד).
floor (פלאָר) אַ באָדען, אַ פּאָדלאָגע, דילען; אַן עטאַזש, אַ שטאָק.
fly (פלאַי) פליהען.
folk (פאָוק) לייט.
follow (פאָ'לאָו) פאָלגען, נאָכקומען.
following (פאָ'לאָואינג) פאָלגענד, נאָכקומענד, ווייטערשטעהענד.
foment (פאָומע'נט) אויפרייצען.
fomenter (פאָומע'נטער) אַן אויפריי־צער.
fond (פאָנד) ליבענד; to be fond of ליב האָבען, האָלט האָבען.
food (פוד) שפּייז.
fool (פול) אַ נאַר, אַ שוטה; נאַרען,

to make a fool of... אפנארען; מאכען אימעצן פאר א נאר, מאכען חוזק פון...

foot (פוט) א פוס; דער אונטען פון עפעס (מצ. feet).

for (פאָר) פאר, נאָך.

forehead (פאָ'רהעד) דער שטערן.

forget (פאָרגע'ט) (פ. צ. forgot, פ. פצ. forgotten) פארגעסען.

forgot (פאָרגאָ'ט) (פ. צ. פון forget) האָט פארגעסען.

forgotten (פאָרגאָ'טן) (פ. פצ. פון forget) פארגעסען.

former (פאָ'רמער) פריהערדיג, אמאָליג.

fortieth (פאָ'רטיעטה) דער פערציגסטער.

forty (פאָ'רטי) פערציג.

found (פאונד) (פ. צ. און פ. פצ. פון find) געפונען.

four (פאָור) פיר (4).

fourteen (פאָו'רטין) פערצעהן.

fourteenth (פאָו'רטינטה) דער פערצעהנטער.

fourth (פאָורטה) דער פערטער; א פערטעל.

fox (פאָקס) א פוקס.

franc (פרענק) א פראַנק (פראַנצויזישע געלט).

France (פרענס) פראַנקרייך.

French (פרענטש) פראַנצויזיש.

Frenchman (פרע'נטשמען) א פראַנצויז.

friend (פרענד) א פריינט.

from (פראָם) פון.

fulfil (פולפי'ל) דערפילען, דורכפיהרען.

full (פול) פול.

fun (פאַן) שפאַס, חוזק, קאַטאָוועס.

funny (פאַ'ני) שפאַסיג.

fur (פויר) פוטערוואַרג, פעלצוואַרג.

furcoat (פוי'רקאָוט) א פוטער, א פעלצראָק.

further (פוי'רדהער) ווייטער.

furthest (פוי'רדהעסט) דער ווייטסטער, ווייטסטער.

G

G דער זיבעטער בוכשטאב פון עי-בי-סי; ווערט אַנגערופען: דזשי.

gain (געין) געווינס; געווינען.

game (געים) א שפּיל.

gate (געיט) א טויער.

gave (געיוו) (פ. צ. פון give) האָט געגעבען.

geese (גיס) (איינצ. goose) גענז.

gem (דזשעם) אן ערעלשטיין, אן אבן-טוב.

genius (דזשי'ניאָס) זשעני, געבאָרענע פעהיגקייט; גאונות.

gentile (דזשע'נטאַיל) א גוי.

gentleman (דזשע'נטלמען) א הער, א פּריץ (מצ. gentlemen).

gentlemen (דזשע'נטלמען) הערען, פּריצים (איינצ. gentleman).

German (דזשוי'רמען) א דייטש.

Germany (דזשוי'רמעני) דייטשלאַנד.

gesticulate (דזשעסטי'קיולעיט) מאַכען האוואיעס, מאַכען תנועות.

get (געט) (פ. צ. און פ. פצ. got אָדער gotten) באַקומען, קריגען; האָבען; to get on one's feet זיך שטעלען אויף די פיס; to get into זיך אריינקריגען, אריינקומען.

gin (דזשין) יאַלאָוועץ-שנאַפּס.

girdle (גוירדל) א גאַרטעל.

girl (גוירל) א מיידעל.

give (גיוו) (פ. צ. gave, פ. פצ. given) געבען; to give up אויפגעבען, אוועקגעבען.

given (גיוון) (פ. פצ. פון give) געגעבען.

glance (גלענס) א בליק, א קוק; בליקען, קוקען.

glass (גלעס) גלאָז, א גלאָז.

glide (גלאַיד) גליטשען, זיך ארוים-גליטשען.

glitter (גלי'טער) גלאַנצען, פינקלען.

gnaw (נאָא) גריזשען, טאַטשען.

go (גאָו) (פ. צ. went, פ. פצ. gone) געהן; to go on געהן ווייטער, אָנגעהן.

goat (גאָוט) א ציג.

going (גאָו'אינג) געהענדיג; to be going געהן; האָבען בדעה, זיך קלייבען, רעכענען אָדער וועלען עפּעס טאָן.

gold (גאָולד) גאָלד.

gone (גאָן) (פ. פּצ. פון go); געגאַנגען, אַוועק, אַוועקגעגאַנגען, פאַרשוואונדען,

good (גוד) גוט.

good-naturedly (גוד-נעי'טשורדלי) גוטמוטיג, בנעימות'דיג.

goods (גודז) וואַרע, סחורה.

goose (גוס) אַ גאַנז (מצ. geese).

got (גאָט) באַקומען, געקראָגען, געהאַט, געוואָרען (פ. צ. און פ. פּצ. פון get).

gotten (גאָטן) באַקומען, געקראָגען, געוואָרען (פ. פּצ. פון get).

government (גאָ'ווערנמענט) אַ רעגירונג.

grandfather (גרע'נדפאַדהער) אַ גרויס-פאַטער, אַ זיידע.

great (גרעיט) גרויס.

great-grandfather (גרעיט-גרע'נדפאַדהער) אַן עלטער-זיידע.

greatly (גרעי'טלי) פיל, שטאַרק, זעהר.

grey (גרעי) גרוי, סיווע.

grind (גראַינד) מאַהלען, צעמאַהלען (פ. צ. און פ. פּצ. ground).

ground (גראַונד) געמאַהלען, צעמאַהלט (פ. צ. און פ. פּצ. פון grind).

ground (גראַונד) גרונט, באָדען, ערד; גרונט, אורזאַך, טעם.

guard (גאַרד) גוואַרדיע, לייבוואַך; היטען.

guild (גילד) גילדע, צעך (פון אַרבעטער).

guilt (גילט) שולד, שולדיגקייט, פאַרברעכען.

gun (גאַן) אַ ביקס.

gut (גאַט) אַ קישקע.

H

H דער אַכטער בוכשטאַב פון עי-בי-סי; ווערט אַנגערופען: עיטש.

had (העד) האָט געהאַט (פ. צ. און פ. פּצ. פון have).

hair (העיר) האָר.

half (העף) האַלב; אַ העלפט.

halt (האָלט) האַלטען, אָנהאַלטען, אָפּשטעלען.

halter (האָ'לטער) אַ שטריקעל, אַ צוים-שטריקעל.

hand (הענד) אַ האַנט; on the other hand פון דער אַנדערער זייט; איבערגעבען, דערלאַנגען.

handful (הע'נדפול) אַ הויפען.

handsome (הע'נדסאַם, הע'נסאַם) שען.

hang (הענג) הענגען (פ. צ. און פ. פּצ. hanged אָדער hung).

happen (העפּן) טרעפען, פּאַסירען; to happen to be present גראָדע זיין דערביי.

hard (האַרד) האַרט, שווער.

hardly (האַ'רדלי) קוים.

hare (העיר) אַ האָז.

harm (האַרם) אַ שאָדען.

hast (העסט) (דו) האָסט (2טע פּערזאָן פון have מיט thou).

haste (העיסט) איילעניש, איילען.

hasten (העיסן) איילען, זיך איילען.

hat (העט) אַ הוט.

hate (העיט) האַסען, פיינט האָבען.

hateful (העי'טפול) פאַרהאַסט.

have (העוו) האָבען (thou hast דו האָסט; he has ער האָט; פ. צ. און פ. פּצ. had).

he (הי) ער.

head (העד) אַ קאָפּ; הויפּט; head-teacher הויפּט-לעהרער.

hear (היר) הערען (פ. צ. און פ. פּצ. heard).

heard (הוירד) געהערט (פ. צ. און פ. פּצ. פון hear).

heart (האַרט) די האַרץ; by heart אויף אויסווייניג.

heat (היט) היץ.

heavy (הע'ווי) שווער; אומשטוו. heavily.

heir (עיר) אַ יורש, אַ יורש'טע.

her (הויר) איהר; איהרער.

